STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04773

LIRIKERS IN DER YIDISHER LITERATUR

Israel Ch. Biletzky

Permanent preservation of this book was made possible
by Bertha W. Konowitz
in memory of
Mr. & Mrs. Julius Konowitz, beloved in-laws

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04773-2

9780657047733T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

י. ח. בילעצקי

ליריקערס
אין דער ייִדישער ליטעראַטור

געווידמעט

רינה קאָסטאָ —

מעצענאַט פון דער ייִדיש־קאַטעדרע

אין בר־אילן־אוניווערסיטעט

י.ח. בילעצקי

ליריקערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן דורך דעם
ד״ר שמואל און רבקה הורביץ־ליטעראַטור־פאַנד
ביי דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

תל־אביב, תשמ״ט — 1989

J. Ch. Biletzky

LYRICISTS IN YIDDISH LITERATURE

Published by Dr. Shmuel and Rivka Hurwich Fund of the Yiddish Culture Association of Jerusalem

©

פאַרלאַג י. ל. פרץ, ברנר 14, תל־אביב

I. L. Peretz Publishing House

14, Brener St., Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשמ"ט

Printed in Israel, 1989

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704


M. Milberger
6.8.1988 - T.A.

אקדמות מלין

די בקשה מיינע ביים שרייבטיש: עס זאָל ניט זיין קיין גוואַלדריס צווישן געפיל און געדאַנק.

אַ קליינע תּפילה: די עמאָציע זאָל ניט איינשלינגען די מחשבה און וויצע ווערזאַ. דאָס אייגענע פאַרקערט.

מידת־הדין און מידת־הרחמים. הלכה און אגדה. זאָלן זיי זיך ביידע אַן עצה האַלטן ווי און וווהין פירן די פען פון מחבר.

די מלוכה פון שׂכל און די מלוכה פון געפיל — ווי טוט מען אָן אויף זיי איין קרוין. הלכה און אגדה, האָט אונדז געלערנט חיים נחמן ביאַליק, זענען איינע דער אַנדערער ניט קיין שׂונאים. דאָס האַרץ האָט תּביעות, אויך די מחשבה האָט תּביעות. דער בורר — דער שרייבער. זיין פּסק־דין איז מחייב.

שעטנז? שעטנז צווישן געפיל און מחשבה איז אַ מיצווה. אַ גרויסע מיצווה. וועגן כּלאַים — שעטנז, זענען דאָ עטלעכע פאַרבאָטן:

א) „כּלאַי זרעים”, מען טאָר ניט פאַרזייען צוויי מינים גרינוואַרג איינס מיטן אַנדערן.

ב) „כּלאַי כּרם” — מען טאָר נישט פאַרפלאַנצן פרוכטביימער צוזאַמען מיט תּבואה און גרינוואַרג.

ג) „כּלאַי בהמה” — מען טאָר ניט איינשפּאַנען צוויי מיני בהמות (אַן אָקס און אַן אייזל) און אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען.

ד) „כּלאַי בגדים” — מען טאָר ניט טראָגן אַ קלייד וואָס באַשטייט פון וואָל און פלאַקס צוזאַמען.

אַזוי אין חומש, ויקרא י״ט. אין חומש, ו י ק ר א פון ליטעראַטור, איז נישטאָ קיין איסור אויף שעטנז. מען מעג — און אפשר אַ מוז — איינשפּאַנען אין איין וואָגן ע מ אָ צ י ע און שׂ כ ל. מיט איין רעכט — מיטן זכות פון טאַלאַנט. און דאָס איז אַ גאַטזאַך.

נישט שטענדיק קען דער מחבר טרעטן אויף פּערסישע טעפּעכער. אַ מאָל טרעט ער אויף שמאַטעס. נאָר דער פאַרלאַנג איז: ווי פאַרוואַנדלען די שמאַטעס אין פּערסישע טעפּעכער. ווי מאַכט מען עס?

מיטן זכות פון „נשמת כּל חי”. מיטן זכות פון גוטע באַגלייטערס: אינהאַלט, סטיל און פאַרעם. מיטן זכות פון ליבע און ליבשאַפט צו דער טעמע. מיין ליבע צו חכמת־יידיש, איז דער רצון דערהערן איר קול. איר לשון. איר באַריידעוודי־קייט און איר צימצום.

זען און דערזען דעם נעכטן, ווען דער הימל איז געווען בלאָ, אַ הימל וואָס האָט אַרומגענומען אַלע ערדן פון ייִד, און פילן מיט רמ״ח און שס״ה דעם חורבן.

מיין אַרבעט — ליריקערס — אַ פּרווו נישט פון קיין ניכטערן פאָרשער, נאָר אַ ביסל אַ פאַרחלומטן. געשריבן דורך אַ דיכטער, אַן עסייִסט, אַ פאָרשער. שעטנז.

צווייגן פון אַ בוים וואָס פאַרמאָגט געזונטע וואָרצלען.
אַקאָרדן פון אַ נישט פאַרענדיקטער סימפאָניע.
אַ פּרווו אַריינגיין אין אַ גרויסן וואַלד נאָך אַ שטורעם.
ערשטער באַנד.

אויב דער גבוה מכל גבהים וועט געבן כּוח און יאָרן וועט דער צווייטער באַנד אַרומנעמען דעם המשך. דערווייל וויל איך זאָגן מיט גאווהדיקער ענווה:
„נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך" — ווי עס זינגט א. לוצקי.

✶

דער ערשטער באַנד נעמט ניט אַרײַן: אורי צבי גרינבערג, זלמן שניאור, „יונג־ווילנע" א״אַ. זיי וועלן אָנקומען אין צווייטן באַנד.

ליריק איז די שפּראַך פון דער נשמה.

יעדער ייִדישער דיכטער האָט געלייענט דאָס געזאַנג פון ליבע: שיר־השירים.

„טו אַרויף אַ זיגל אויף מיין האַרצן / ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם, / וואָרעם שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט, האַרט ווי דאָס קבר די אייפערזוכט. / אירע פלאַמען זענען פלאַמען פייער, / אַ פלאַקער פון גאָט. / גרויסע וואַסערן קענען נישט פאַרלעשן די ליבשאַפט, / און טייכן וועלן זי נישט אַוועקפליצן".

אינהאַלט און שפּראַך גייען דאָ צוזאַמען. דער אויסבראָך פון יוגנט און דער נסיון פון עלטער — איין מטבע. נגידיש. נאָענט און ליב ווערט דיר די ליבשאַפט. ווי אַ בייזער לעמפּערט ביי דיין טיר — די אייפערזוכט. אינטים ווי די העמד צו דיין לייב. גייסט אַריין אין דעם פּרדס און דו געפינסט אַלע רמזים. אַלע אַנטפּלעקונגען. אַלע סודות.

ליבשאַפט — דער סוד פון דער וועלט. איז נאָך ניט גענוג, קומט דער כּישוף און דער רייץ פון די שורות:

„האָסט ס'האַרץ מיר געפאַנגען, / שוועסטער מיין כּלה, / האָסט ס'האַרץ מיר געפאַנגען / מיט איינעם פון דיינע בליקן, / מיט איין שנור פון דיינע האַלדזבענדער.

ווי שיין איז דיין ליבשאַפט, / שוועסטער, מיין כּלה, / ווי בעסער דיין ליבשאַפט פון וויין, / און דער ריח פון דיינע איילן / פון אַלערליי בשׂמים.

האָניקזאַפט טריפן דיינע ליפּן, מיין כּלה, / האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג / און דער ריח פון דיינע קליידער, / ווי דער ריח פון לבנון.

אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן / איז מיין שוועסטער, מיין כּלה, / אַ פאַרשלאָסענער ברונעם, /אַ פאַרחתמעטער קוואַל".

אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן — און ביז היינט צו טאָג — די מיסטעריע פון דער וועלט. דער קוואַל פון אַלע קוואַלן. קוואַלן וואָס ריזלען און שלאָגן אַרויס פון דער מיסטעריע. די מיסטעריע פון גוף און פון דער נשמה. נישט אָפּצוטיילן: נשמה פון גוף. שולמית אין „שיר־השירים" איז כּולו ליריק. אַ לעבעדיקער קוואַל. פון שולמיתן טרינקען עד־היום די ליריקערס. איר ברונעם איז דער שענסטער און דער טיפסטער ברונעם. מען האָט זיך אַלץ ניט דערגראָבן צו זיינע מעמקים. פויזען גרויסע ליריקערס צו דעם פאַרשלאָסענעם ברונעם, צו דעם פאַרחתמעטן

קוואַל פון שולמיתן... פאַרשטייסטו דעם גרויסן רבי עקיבא וועלכער האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט אין איר עקסיסטענץ איז נישט געווען כּדאַי אין איר ווערט, ווי דער טאָג ווען דאָס געזאַנג „שיר־השירים" איז געגעבן געוואָרן צו ייִדן. אַ פּשוטע מענטשלעכע ליבשאַפט. אַ קאָסמישע ליבשאַפט. גאָט און מענטש אויף איין לייטער.

אפשר האָבן אויך אַנדערע דיכטערס פון בבל, אשור, צידון, אוגאַרית געזונגען דאָס געזאַנג פון ליבע, דער ייִדישער דיכטער האָט זיי נישט געלייענט. געלערנט האָט ער פון שולמיתן: „אויף מיין געלעגער ביי נאַכט / האָב איך געזוכט דעם, וואָס מיין זעל האָט ליב, / איך האָב אים געזוכט/ און האָב אים נישט געפונען. / לאָמיך אויפשטיין און אַרומגיין אין שטאָט, / אין די מערק און אין די גאַסן, / לאָמיך זוכן דעם וואָס מיין זעל האָט ליב".

איז אַרויס דער ייִדישער ליריקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור „זוכן דאָס וואָס זיין זעל האָט ליב". אויב אַפילו די ייִדישע פּאָעזיע איז געבוירן געוואָרן אויף דער ייִדישער גאַס, אַן סיני־באַרג, אָן „כּה אמר ה'", האָט זי איינגעזאַפּט אין זיך אַלע עולמות עליונים און דער עיקר: עולמות תּחתּונים פון ייִדישן מענטש אין זיין פריילעכן־אומעטיקן גאַנג. אַ פּאָעזיע וואָס האָט באַצירט ערד און הימל. אַ גין־גאָלדענער טעפּעך באַזוימט מיט אַלעביימער וועלכע רוישן, מיט מחשבות און געדאַנקען פון היינט און אייביקייט, מיט ברעגעס פון אייגענע טייכן און ווייטע אָקעאַנוסן. „וואַסערן ברויזן און שוימען / אין די האַריזאָנטישע רוימען, / וואָס ווייסן מיר פון תּהומען?"

די ייִדישע ליריק האָט געוווּסט פון תּהומען. זי האָט געוווּסט פון ראָמאַנטיק, זי האָט געוווּסט פון נשמות וואָס ציטערן, זי האָט געוווּסט פון פויגלען וועלכע פליִען אַוועק אין מרחקים און לאָזן איבער בענקענישן, זי האָט געוווּסט פון געשטאַלטן. זי איז אַליין געווען אַ קונצן־מאַכער וואָס האָט געהאָלפן פּרצן אויס־לייגן אויף אַן אָרעמען טיש אין אַ פּסח־נאַכט אַ שיינעם טישטעך מיט כּל־טוב: מיט וויינען און מצות און פרייד.

די ייִדישע ליריק האָט אַראָפּגעלעקט פון וואָלקנס זשמעניעס פרייד... ליריק איז איידעלער און צאַרטער געזאַנג. דער העברעער רופט עס: השתּפכות הנפש. זויבערקייט פון וואָרט. זויבערקייט פון קלאַנג און געזאַנג. ליריק באַשיינט די וועלט מיט זון און ליבשאַפט: „איך שלאָף און מיין האַרץ איז אויף. / האָרך, מיין געליבטער קלאַפּט: / עפן, עפן מיר, מיין שוועסטער, מיין געליבטע, / מיין טויב, מיין אומשולדיקע, / וואָרעם מיין קאָפּ איז פול מיט טוי, / מיינע לאָקן מיט טראָפּנס פון נאַכט".

וועט מען זאָגן: דער אָנהייב איז געווען אַן אָרעמער. אמת. „אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט, לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אונדזער אייגן בלוט". די אָרעמקייט האָט אַ בונד געשלאָסן מיט דעם ייִדישן מענטש. מיט דער געליבטער

און מיט דעם געליבטן. די אָרעמקייט האָט פאַרפלאָנצט די ערשטע זאָמען פאַר דוד איינהאָרנען, פאַר יהואשן, פאַר מאַני לייבן. די אָרעמקייט אין איר בראשית איז בשׂר מבשׂרה פון דער וווּנדערלעכער יידישער ליריק. די אָרעמקייט האָט ניט געליטן פון גייסטיקער ירידה, נאָר גערופן: שלייפן. און שלייפן. און שלייפן. דאָס וואָס מענדעלע האָט געפאָדערט פון שלום־עליכמען.

די אָרעמקייט האָט אָנגעקניפּט דעם זיווג צו די לידער פון פאַרגעסענעם ליריקער לייב ניידוס, וועלכער איז געבליבן פאַרוואָרצלט אין דער דממה דקה פון דער גוטער ליריק: „אָ, ליבע, פאַרחלומטע יידישע טעכטער / אין וועמענס געשטאַלטן עס לעבט נישט פאַרשטעלט / דער אמתער יידישער חן נאָך דער עכטער — / ווי זעלטן מען טרעפט אייך אַצינד אין דער וועלט. / דאָרט בליט נאָך צו מאָל די געהייליקטע תּמימות, / אין טונקעלן שאָטן פון מיידלשער ברעם, / דאָרט זינגט נאָך די יידישע צניעות בנעימות / און ווייס ניט פון שטרויכלען און חילול־השם".

אַ זינגער פון ליבע. אַ המשך פון שולמיתן. אַ פאַרבענקטער. אַ טרוימער. אַ לײדנשאַפטלעכער דיכטער וועלכער ווייס די שפּיל פון ער און זי... אַ דיכטער פון יידישן געמיט, וועלכער זוכט די הימלישע באַשערטע, די ערדישע באַשערטע. ווייל אין זוכן ליגט דאָס גליק.

אַ ליד וואָס רייסט זיך אַרויסגיין פון די שטעכיקע דראָטן צו זון און פעלד. וויינט מען אַ מאָל. זיפצט מען אַ מאָל, אויקעט מען אַ ביסל. איז וואָס? אָפט מאָל איז דער „אוי" דער שענסטער אויסדרוק פון דער גוטער ליריק. דאָס פּיעשטשען זיך, דאָס לאַשטשען זיך: „איך זיץ אַליין, מיין קינד, אין גאָרטן, מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט אַ מאָל. / וועל איך נאָך ווען דערזען דיך ווידער? / דער גאָרטן פליסטערט: 'ניין, קיין מאָל'. דו ביסט פאַרשווּונדן ווי אַ חלום; / איך הער נישט מער דיין ליבן קול, / וועל איך אַ מאָל אים הערן ווידער? / דער גאָרטן פליסטערט: „ניין, קיין מאָל"... אַ קלאָר און דייטלעך געבעט. כּמעט אַ תּפילה. אַ תּפילה וואָס דאַרף אָנקומען נישט צו גאָט, נאָר צום מענטש. אַ געבעט פאַמעלעכערהייט. טראָפּן נאָך טראָפּן. אָן געאייל, ווי גוטע ליריק, אַ דערהויבענע אין איר ספק און אין איר תּפילה: „דער טאָג איז אַ מידער צו מערב געגאַנגען, / אַ ווייסלעכער רויך איז פון לאָנקע געשטיגן, / און ווייט, ערגעץ ווייט, אין די פאַליעס פון זאַנגען / האָט הילפלאָז געציטערט אַ מיידלשער ניגון".

שולמית איז ווייטער דאָ. אָנגעקומען צו לייב ניידוסן דורך טויזנטער יאָרן. אַלע ליבע־זוכענישן, טרעפן זיך. אַזוי ווי דיכטערס רופן זיך איבער ווי לייבן אין וואַלד, אַזוי דער געציטערטער מיידלשער ניגון. שולמית איז ווייטער דאָ צו דערציילן מיט מיידלשן ניגון: „די הענט זיינע — גילדענע וואַלצן / מיט

קרישטאָלשטיין באַזעצט, / זיין לייב — אַ שטיק העלפאַנטביין / מיט סאַפּירן באַדעקט".

די אָרעמקייט פון בראשית האָט אָנגעקניפּט ערשטע באַציִונגען מיט דעם ווונדערלעכן ליריקער — ד ו ד א י י נ ה אָ ר ן, וועלכער איז אויך אַרויס אין די פּוסטריט פון שולמיתן: „דער בלאַסער בת־מלכּה, נאָך וועלכער איך בענק, / איך וועל זי נישט קיין מאָל געפינען, / פאַר דער וואָס איך פלעג אין די פינצטערע נעכט / די האַרציקסטע מעשהלעך שפּינען, / נאָך דער וואָס איך גאַר אין די ליכטיקע טעג / און זוך זי אין ראָזע פאַרנאַכטן, / דער יונגער פרינצעסין וואָס ווינט ערגעץ ווו, / ערגעץ ווו אין אַ שלאָס אַ פאַרמאַכטן".

אָנגעקומען און גלייך געבליצט מיט פונקען האָט דוד איינהאָרן. נישט געקאָכט זיך. געוואָלט הערן מענטשלעכע קולות. נישט געזען ברייטע לאָנקעס, נישט געזען אויף די צעבליטע פעלדער בלומענקווייטן. נאָר געזונגען „רויִק, רויִק, שאָקלט איר געלאָקטעס גרינעס קעפּל / מיין ווייסענקע בעריאָזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור. / יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס שעפּטשעט שטיל אַ תּפילה. / זיי שוין קליין בעריאָזקעלע / מתפּלל אויך פאַר מיר, / איך בין דאָ אַן עלנטער, געקומען פון דער ווייטן, / פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַן און פרעמד איז מיר זיין שפּראַך, / נישט ער וועט מיין טרויער זען און נישט פאַרשטיין מיין תּפילה / כאָטש איך וועל מתפּלל זיין, מתפּלל זיין אַ סך".

פון די שענסטע ליריקערס אין דער יִדישער ליטעראַטור. פריש נאָך היינט. פריש און רייך. געדראַפּעט זיך אויף דער קליינער בעריאָזקעלע מיט תּפילה, „תּפילה לעני כּי יעטוף עליו נפשו". געבענקט נאָך אַ ביסעלע שבת און ליב געהאַט עד־כּלות די זעקס וואָכעדיקע טעג. שטענדיק געוועזן וואָך, ווי די נשמה פון יִיד... געוווסט אַז זיין נשמה געהערט צו זיין שטעטל וואָס ליגט אויף דער ליטווישער ערד. אָבער פון דעם טאָל האָט ער זיין ציטער און פלאַטער גענומען. פון דעם טאָל האָט ער דערהערט דעם שטילן פליסטער פון דער גוטער ליריק, אַ קול וואָס פאַרמאָגט אַ ניגון, אַ וואָרט וואָס פאַרמאָגט מילדקייט און כּוח. פון דעם טאָל האָט ער דעהערט דעם טרויער, דערזען אַ טרער. דאָ האָט ער זיך פאַרטראַכט אין וואַלד, געדרימלט אין ביימער־גערויש, גערעדט מיט די סאָסנעס, מיט פייגלען. דאָ איז אַרויסגעוואַקסן אַ ליריק, פון די שענסטע עד־היום אין דער יִדישער ליטעראַטור: „נישט עס רוישט, נישט עס ברויזט / נאָר עס שטראָמט און עס קוועלט, / ווי די בענקשאַפט נאָך גאָט, / ווי דער צער פון דער וועלט".

פריילעכע און טריבע שורות. ווייט פון אומעט, ווייל בלאָנדזשענדיק אין געדיכטן וואַלד, רעדנדיק מיט די סאָסנעס און פייגל, דערהערט ער אויך מענטשלעכע קולות. ער לאַשטשעט זיך צו די קולות. ער גייט מיט זיי צו זיכערע

היימען און צו וואַנדער. ער שמייכלט צו זיי און זיי שמייכלען צו אים, זיי כאַוועז זיין ליריק.

„אַ שפּראַך וואָס איר גאַנצע עבר־ליטעראַטור באַשטייט פון אַ ביסל תּחינות, סיפּורי־מעשׂיות און פאָלקסלידער, האָט נאָך, אמת, ניט די אַלע חנדלעך און קאָקעטעריי־שטיק, וואָס אַ הויך קולטורעלע שפּראַך, דערפאַר אָבער פאַרמאָגט זי דאָס וואָס יענע האָט שוין לאַנג פאַרלוירן — די מעגלעכקייט אויסצודריקן מיט אירע אָרעמע מיטלען נאָר ריינע געפילן, נישט קיין קאַלטע ליטעראַטור־סברות. דווקא דאָס וואָס ביי איר איז דאָס שענסטע וואָרט נאָך ניט געוואָרן אַזוי ביליק, מאַכט זי אַזוי קאַרג אויף מליצות און אַזוי מילד אויף פּראָסטע האַרציקע ווערטער, יעדעס פאַלשע וואָרט ווערט אין איר ווערט באַלד אַנטדעקט אין איר, ווי אַ שטאָטישער פּראַנט צווישן פּראָסטע דאָרפיונגען". אַזוי האָט יעקב פיכמאַן געשריבן אין 1920.

די ייִדישע ליריק, ווי יעדע גוטע ליריק, איז אַ הונגעריקע. איר האַרץ קלאַפּט ווי אַ זייגער, און דאָס ליד וויינט אויף יעדער פאַרגאַנגענער מינוט. זי איז הונגעריק נאָך גוטע צייטן. זי וויל ניט דערשיטערן, אָבער זי וויל דעם ציטער פון לייענער. זי וויל אַז די בעריאָזקעלע זאָל מתפּלל זיין אויף יעדער ייִדישן לייענער.

די ייִדישע ליריק פאַרמאָגט ניט קיין גוזמאות. זי זוכט נאָר די בלאַסע בת־מלכּה, די בת־מלכּה ווי אַ סימבאָל פון בענקענישן און זוכענישן. די בת־מלכּה איז דער סימבאָל פון גאָט־זוכעניש און מענטש־זוכעניש, דער סימבאָל פון גאָטס געשטערנטן וועג, אָבער אויך פון מענטש־געשטערנטן וועג. ווייל די ייִדישע ליריק איז געפאַנגען אין אומעט וואָס שוועבט אויף די טונקעלע פעלדער פון ליטע און פוילן און בעסעראַביע און רומעניע, פון די איינזאַמע ביימלעך וואָס שטייען צעוואָרפן אויף זיי. צו דעם פאַרטרויערטן הימל, וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער אַרונטער „דורך ווייסלעכע זיידענע נעפּלען און פול מיט אַ צערטלעכן וויי".

די ייִדישע ליריק ווייס ניט פון קיין גוזמאות, ווייל זי לעבט ביי די ברעגן פון שטילע פאַרנאַכטן, זי לעבט לעבן טעג „וואָס דערשיינען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זיין"; ווייל די ייִדישע ליריק בלאָנדזשעט אַרום אַרום שמאָלינקע טייכלעך, אַרום ברוגזע ווערבעס, ווו די זון קוקט אַרויס דורך אַ נעפּל; די ייִדישע ליריק קומט פון אַ לאַנד ווו „אין די פאַרנאַכטן זענען ניטאָ קיין שטורעמס, נאָר ווינטעלעך קייקלען זיך מיד. / דאָס לאַנד, וועלכע בענקט אין אַ טרויער און האָפט אין זיין שטענדיקן צווייפל, / דאָס לאַנד ווו עס האָט זיך געוועבט מיין פאַרבענקטעס, פאַרחלומטעס ליד". אַזאַ די ליריק פון דוד איינהאָרן.

קומען מיר אָן צו אַ ב ר ה ם ר י י ז ע נ ס ליריק, קומען מיר אָן צו שטילע, אומעטיקע טעג אין ייִדישן לעבן, צו פּשטות, צו מאָטיוון פון דער ייִדישער גאַס וואָס

איז אויסגעשפּרייט איבער זיין דיכטונג, ווי דער הימל איבער דער ערד. די ייִדישע היים, די ייִדישע משפּחה, די ייִדישע גאַס, ווי אַ רעאַליטעט. נישט נאָר קיין מייסטער־דערציילער, נאָר אַ מייסטער־ליריקער. פּשוט. איינפאַך. נאַקעט.

רייזען הייבט אָן אַ דערציילונג:

„מאָריס זאַלקינד האָט געהאַט אַ נייגונג איינצופונדעווען זיך אין לעבן. נאָך זייענדיק אַ ייִנגל, פלעגט ער אונטער די פּיסלעך פון זיין בעט אונטערלייגן ציגל, כּדי דאָס בעט זאָל זיך ניט שאָקלען". וויפל לירישע אויסגוסן אין דעם ציגל? קאַרגקייט אין וואָרט. צונויפגעפּרעסטקייט. שטיל. האַרציק. אָן אָרעם שטיבל מיט אַ שטרוי־באַדעקטן דאַך. אַ גאַניק. אַ קוימען. אָן אומעטיקער בין־השמשות. אָרעמקייט. ווען עסט די מאַמע? אונטער דעם אָרעמען דאַך — אַ נעסט. פייגעלעך ברענגען צווייגעלעך. שטיקלעך ערד.

„ווער העלפט דיר שאַפן דיינע לידער, זאָג? / — אַ מאָל אַ מילדער, זונענדיקער טאָג, / אַ מאָל דער אָוונט ווען די זון פאַרשווינדט, / ווען ערשטער שטערן זיך אין הימל צינדט. / אַ מאָל אַ פעלד, וואָס ציט זיך ברייט און לאַנג / און יעדעס גרעזל וועקט אין דיר געזאַנג, / אַ מאָל אַ גאַס, ווו מענטשן וואַנדלען מיד / און יעדער בליק צינדט אין האַרץ דיין ליד".

ניט קיין אויסגעפּוצטע סביבה. ניט געבויט אַרכיטעקטאָניש. קליין דער פאַרנעם: אַ בוים, וואַסער, מאַכט פייכט דאָס האַרץ און פייכט די אויגן. צווייגן — וועלכע קענען ניט שווייגן. אַרום דעם בוים — מענטשן. סתּם מענטשן. טרוימערס. ראָמאַנטיקערס. אַ בוים וואָס טראָגט רמזים, סודות. לעבן אַ בוים ביים וואַסער — שטילע פרייד. פאַרטראַכטע. פאַרבענקטע. פון געיעג. ווייט פון טומל, ווייט פון רויש. יעדער איינער זעט זיין שטיקל הימל אין דער הייך. יעדער איינער זעט זיין שטערן. זיין וואָלקנדל. יעדער איינער מיטן זכּרון פון דער היים. אַ היים פאַרבאַקן ביי יעדערן אין האַרץ, אַ היים וואָס יעדערער פון אונדז טראָגט זי אויף די אַקסלען, ווי דער וואַסער־טרעגער די קאָראָמיסלעך.

„אין דער ענגער וווינונג, / ווו די מידע זיצן / זאָל אַ ליד באַלוינען, / זאָל אַ ליד באַשיצן". אַ טאָן פון ייִדישן חן. פון פּשטות. אַ ליד מיט אַ ייִדישער מעלאָדיע. אַ מינאָרער טאָן. ליריק. און אין דער ליריק אַ סך מענטשלעכע חכמה. חכמה וועלכע ווייזט ווי צו לעבן אונטער דעם אָרעמען דאַך, אונטער דער נעסט פון די פייגעלעך.

אַ געבעט, אַ תּפילה: גאָט, האָב רחמנות, באַשיץ די אָרעמע פון בייזן געוויטער, די וואָס אַרבעטן אויף פעלדער און געפינען זיך ווייט פון דער היים, פון פרוי און קינדער, די וואָס האָבן ניט קיין אָרט, ווו זיך שיצן ווען דער געוויטער קומט אָן, אָן אַ שייער, אָן אַ דעכל, אָן אַ בוים. תּפילה. אַ געבעט: היט אויס, גאָט, די פאַרוואָגלטע, די וואָס די ערד האָט זיי קיין ווינקל ניט געגעבן.

הערט דער דיכטער פידלען שפּילן, ווייס ער ניט ווו געפינט זיך דער פידלער,

און ווער איז דער פידלער. אָבער ווען דער דיכטער הערט די פידלען, וויל ער הערן אַלע שטימען פון דער וועלט. אַ ניכטערער דיכטער. ניכטערע ליריק. נישט קיין מוח־מענטש. כולו האַרץ. האַרץ וואָס נעמט אַריין אין זיך דעם שעפערישן יידישן וואָרט.

אַ יידישער קריטיקער האָט געזען אין רייזענס ערשטע לידער: פאָלקסליד. עלעגיע. עפּיגראַם. אָבער אין דער עלעגיע שטעקט אויך דער מאי קא משמע לן. דער ניגון פון מאי קא משמע לן. און אין דעם מאי קא משמע לן — אַזוי פיל שאלות. אַ בלאַסער קלויזניק ביי דער גמרא זיצט, מיט אַ וויינענדיקן ניגון, מיט פייכטע אויגן, מיט אַ טרער אין האַרץ. וויל דער דיכטער וויסן: „זאָג וואָס האָט מיט דיר געטראָפן". ער אַליין, דער בלאַסער קלויזניק מיט דעם וויינענדיקן ניגון. ער אַליין עסט ברויט אויף פרעמדע טישן. אָבער אין דעם אומעט — אַ טראָפּן פרייד און דערפאַר:

„הייב זשע העכער אויף דעם ניגון, / שטאַרקער, העכער דריי די טרעלן, / וועסט דיין בענקעניש פאַרגעסן / און דער הונגער וועט ניט קוועלן".

אָפּגעשפּילט זיין וועלט אויף אַ קליינעם צעבראָכענעם פידל. און וואָס מער סטרונעס האָבן געפּלאַצט, אַלץ טיפער זיין ליריק. ער האָט אָפּגעשפּילט די וועלט מיט ווונדערלעכע לירישע לידער. געשפּילט אויף פשוטע כלים, מיט אַ הוילער, נאַקעטער שפּראַך. ווייט געווען פון סתם סימבאָלן. נישט געחלומט שאַפן אַ גרויס ווערק. געוואָלט זיין אברהם רייזען און געבליבן אברהם רייזען. נישט געוואָלט האַנדלען מיט פאַלשע טענער, מיט פאַרקרימטע וויזיעס. געזען. געהערט. פאַרטראַכט זיך און פאַרשריבן:

„אומעטיק, קינד מיינס, צו לעבן אַליין, / קענסט אפשר קומען צו מיר. / מיין צימער איז אָרעם, מיין צימער איז קליין, / האָט אַ באַזונדערע טיר, / האָט אַ באַזונדערע טיר, / נאָר קיינער, אוי, קלאַפּט ניט אין איר. / אומעטיק, לעבן מיינס, אומעטיק שווער / און ווי נאָר דער אָוונט ער קומט, / זיץ איך, די אויגן צום טיר, און איך הער: דער ווינט אַזוי טרויעריק ברומט, — / דער ווינט אַזוי טרויעריק ברומט, און ס'דוכט מיר אַז עמעצער קומט".

וויפל אָנגעצויגענע און געפּלאַצטע סטרונעס פון בענקשאַפט און פון אומעט. פון אַזעלכע סטרונעס וועבן דיכטערס די גוטע ליריק. די ליבעלידער, די געמיטלידער. די דורכגעוואָרעמטע האַרציקע לידער, וועלכע ברענגען דעם לייענער פולע הויפנס מיט מחשבה. ליבשאַפט. שפּילערייען מיטן לעבן. אין אַ שווערן היציקן טאָג — אַ פאַרבלאָנדזשעט ווינטל.

חיים ליבערמאַן אין אַן עסיי: „אברהם רייזען דער מייסטער־דערציילער" מאַכט אונדז אויפמערקזאַם אַז די יידישע ליטעראַטור פילט אַז זי איז אַ יידישע, אייביק טראָגט זי זיך אַרום מיט יידישער פּסיכאָלאָגיע, אייביק האָט זי אַ יידישן באַוווסטזיין. מענדעלעס וואָגן איז צו אַ יידישער קליאַטשע געשפּאַנט; פּרצס בעסטע

שאַפונגען זענען אָפּגעטובלט אין מיסטישן נעפּל פון ייִדנטום; שלום־עליכמס טוביה איז אַ ייִדישער טאַטע איינגעטונקען אין ייִדישע צרות; און זיין מנחם־מענדל איז דער מענטש פון ייִדישע פּרנסות; ביי שלום אַשן, וועלכער איז נעענטער ווי זיי צוגעקומען צו דער דרויסנדיקער וועלט, צום לייב — פילט זיך אויך דאָס זעלבע. ביי אים קומט פאַר אַן אייביקער געראַנגל צווישן פליישלעכן לייב און ייִדישן גייסט; ר׳ שלמה נגיד וואָס שטייט שמונה־עשרה און טראַכט פון דער דינסט, אָדער דער בלומען־פאַרקויפערין אין פּאַריז וואָס פּוצט אויס די גאַסנמיידלעך מיט ווייסע ליליעס לכבוד שבת. מענדעלע, פּרץ, אַש — שטענדיק גייען זיי נאָך דעם ייִדישן שטערן וואָס פירט זיי צו מיזרח. אויך רייזען, אויב אַפילו „דער שטויב פון דער וועלט איז געפאַלן אויף אים" גייט נאָך דעם ייִדישן שטערן אין דערציילונג און ליד. מענדעלע איז פאַר דער וועלט אומאינטערעסאַנטע פּראָבלעמאַטיק; שלום־עליכם איז פאַר דער וועלט ניט איבערזעצלעך; אַש איז פאַר דער וועלט־ליטעראַטור — טשיקאַווער ייִדישער שטייגער; פּרצן צו פאַרשטיין דאַרף די וועלט דורכגיין אַ קורס אין ייִדנטום. אַברהם רייזען מיט זיין ייִדישן אומעט איז נאָענט דער וועלטליריק. ער איז נאָענט מיט זיין ייִדישער אָרעמקייט, מיט זיין ייִדישן דלות, מיט זיין סאָציאַלן סטימול, מיט זיין שטעטל. ער איז ערלעך אין זיין צער, און דערפאַר קינסטלעריש באַרעכטיקט. דער ייִדישער מענטש אין זיין ערלעכקייט איז ניט פרעמד דער וועלט־ליריק. אַפילו דער „העמערל, העמערל קלאַפּ", און דער קלויזניק און זייער ניגון איז אַ טייל פון דער גוטער וועלטליריק... תמציתדיק ווי אַן עפּיגראַם: „טרויעריק איז די ערד, מיין פריינד, / ווי אין האַרבסט דער וואַלד, / פליט אַ מאָל אַ פויגל דורך — קומט דער יעגער באַלד". דער גוטער ליריקער רייזען איז משופּעדיק אויך מיט האָפערדיקע טענער. מיט מונטערע מאָטיוון. אין זיין תמימות, אין זיין גלויבן שטעקט אַ ייִדישער געפיל, אַז די וועלט איז ניט הפקר... פון די בעסטע ליריקערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

יהואָש האָט אין מבול געבויט פאַר זיך אַ תיבה, ווי פאַרצייטן נח. אין דער תיבה האָט ער געפּרוּווט זיין חשבון מאַכן. קהלת איז אָנגעקומען אין זיין ליד. אויך איוב. ביידע מיט נסיונות. מיט לעבן און חכמה. מיט ספקות. מיט שאלות. ביידע אָן דער מינדסטער האָפענונג אויף בעסערע צייטן, אַז ס׳וועט מער קיין מבול ניט זיין.

יהואָש איז אין זיין ליריק ניט אָנגעקומען צו קהלת־סיום: „סוף כל דבר נשמע את אלוהים ירא ואת מצוותיו שמור, כי זה כל האדם" („דער סוף פון דער זאַך, נאָכדעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרן, איז: האָב מורא פאַר גאָט, און זיין געבאָט, דאָס איז דער גאַנצער מענטש".)

איוב האָט גענומען זיין גלויבן פון שווערע נסיונות, פון אַנטוישונגען, פון אַ סך שאלות וועגן סדר־עולם, נישט פון עולם־הדמיון, נאָר פון עולם־המעשה. יהואָשס

ליריק איז נענטער צו איובן ווי צו קהלתן. אפשר איין גרויסע זאַך האָט געלערנט יהואָש פון קהלתן: „ויותר מהמה בני הזוהר, עשות ספרים הרבה אין קץ״ („און ווייטער, מיין זון, זיי געוואָרנט: צו מאַכן פיל ספרים איז נישטאָ קיין ענד״). און דערפאַר, כּדי אַנשטאָט צו מאַכן פיל ספרים האָט ער זיך גענומען צום ספר הספרים און געבראַכט דער ייִדיש־וועלט די שענסטע מתּנה, וואָס קיין דיכטער האָט נישט זוכה געווען צו ברענגען.

יהואָש איז געווען אַ פילאָסאָפישער ליריקער: „יעדע נאַכט בעפאָר איך לייג זיך / קוק איך אויף די שטערן לאַנג, / טרינק זיך אָן מיט זייער שטילקייט / ווי מיט זיסן שלאָפגעטראַנק״. אָבער נישט נאָר מיט זייער שטילקייט טרינקט זיך אָן דער דיכטער, נאָר מיט מחשבות: „מה למעלה״, „מה למטה״. די שטערנשיין פלעכט זיך אַריין אין זיינע פילאָסאָפישע מחשבות. דאָס ליד וואָס דאַרף געזונגען ווערן, אַליבא דיהואש, איז דאָס ליד פון מחשבה: „האַלט דעם קאָפּ פאַרריסן הויך / צו שטערן און פּלאַנעטן / און ווי די פּיס פון נאַכטוואַנדלער / אַ תּהום אַרי־בערטרעטן״.

אַ באַלאַדענער מיט מחשבות. מיט טענות צו זיך אַליין. מיט טענות צום מענטש. מיט טענות צום וועלט־באַשעפער. מיט געוויסן. יהואשס ליריק איז אַ חשבון־הנפש מיט גורל, מיטן גרויסן רצון צום מענטשלעכן דערקענטעניש־וועג. יהואשס ליד איז פאַרבונדן מיט קאָנפליקטן. קאָנפליקטן פון „האַלב זומפּ און האַלב שכינה, ווען אַ פינצטערע האַנט האָט אין שפּאַס אָדער צאָרן אין מיטן פון קנעטן איר אַרבעט געלאָזט״. צווישן גלוטיקער אמונה און פייניקנדיקן צווייפל — זיין ליריק.

יהואָש איז וויזיע, פאַנטאַזיע, אינטויציע און מחשבה. אַ נייער גאַנג אין דער וווּנדערלעכער ייִדישער ליריק. אין געוועב פון געפיל און מחשבה. לייענען מיר יהואָשס ליריק, פאַרשטייען מיר: ביידע געבונדן. איין ברית.

די ייִדישע גוטע ליריק איז אָנגעקומען מיט טיפע געדאַנקען, טראָץ דעם וואָס זי האָט זיך געכאַוועט לעבן שטילע ברעגן פון טייכן. י ה ו אָ ש האָט אין זיין ליריק געגלייבט אַז אַ געדיכט מוז אַנטהאַלטן געדאַנקען. מוז אַנטהאַלטן אידייען. אַ געדיכט איז ניט געבוירן געוואָרן צו רייצן און קיצלען דעם געשמאַק נאָר; איז ניט געבוירן געוואָרן כּדי צו ברענגען שיינע פאַרבן, וועלכע בלאַנקען. יהואָש האָט אין זיין ליריק צוזאַמענגעשטעלט אַ פילאָסאָפישע שיטה. מיט זיין טיפער אינטויציע האָט ער אַריינגעבלאָזן אין דער ייִדישער ליריק — מחשבה.

אַ סך פיין. אַ סך צער אין זיין ליד. נישט שטענדיק ווערט דער צער אויסגע־דריקט. עס ווילט זיך באַזינגען דעם גאַנצן יקום, אַלץ וואָס קומט פאָר אין באַשאַף. ווייל „נשמת כּל חי״ איז ווערט אַ געדיכט. אין זיין ליד „שלמהס רינג״ לייענען מיר: „אָן אַ שיעור געשטאַלטן, / אָן אַ צאָל גלגולים נעמט ער אָן און בייט זיך, / ווי אַ שנור אַ שוואַרצע, / ווי אַ שלאַנג אַ בייזע / קריכט ער דורך די צייטן — ווי אַ

שטילער יאָמער / וויינט עס דורך די דורות: / נישט דערזופּט דעם בעכער, / נישט דערגרייכט דעם באַרגשפּיץ, / נישט דערבויט דעם טורעם, / נישט דערטרוימט דעם חלום״.

אין שטילן יאָמער וויינט קהלת, דער ווילדער געמיש פון דער וועלט וואָס לאָזט ניט דערזופּן דעם בעכער, דערגרייכן דעם באַרגשפּיץ, דערבויען דעם טורעם, דערטרוימען דעם חלום. קהלת קומט צו יהואָשן מיט זיין פּעסימיזם, און דערלאַנגט אים אַ זויערן, ביטערן וויין. דער דיכטער טרינקט דעם ביטערן, זויערן וויין. ער האָט קיין ברירה ניט. די וועלט איז אַ צייטווייליקע סעודה און דער דיכטער אַ גאַסט... און דאָ זעט ער אַ פויגל אַן פליגלען, און אַ פיש אָן שווימקראַפט, און כלערליי ברואים וואָס גאָט האָט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט צו שפּאַס, אָן צוועק און אָן פּלאַן... אַ סך עגמת־נפש האָט יהואָש וואָס ער איז ניט בכוח צו דערזינגען זיין ליד ביזן סוף, ס׳איז איבער זיינע כוחות, ווענדט ער זיך צו אַ נישט געזונגענעם ליד: „דען דו ביסט גרויס און שיין / אָ, נישט געזונגענע ליד; / און איך בין שוואַך און קליין / און האָב קיין ווערטער ניט״.

דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעפירט דעם ל״ו אין דער ייִדישער פּאָעזיע איז געווען יהואָש. די ערשטע אַרבעטער־פּאָעטן האָבן געבראַכט אין דער ייִדישער פּאָעזיע אין אַמעריקע דאָס ליד פון „שאַפּ״, דאָס ליד פון אַרבעט. איז געקומען יהואָש און געזאָגט: ניט גענוג. אין ייִדישן לעבן איז דאָ עפּעס מיסטישעס. לאָמיר אויך דערציילן פון לעגענדאַרן אָרעמאַן, וואָס טראָגט אונטער זיינע צעריסענע בגדים אַזאַ לויטערן שבת. די פּאָלקס־לעגענדע פון ל״ו איז גרויס און מ׳דאַרף זי ברענגען צו דער ייִדישער גאַס, אַזוי ווי די ייִדישע דיכטונג גראָבט טיף אין די לעגענדעס פון בעל־שם־טוב און אליהו הנביא. דער לעגענדאַרער אָרעמאַן איז נישט קיין אַריסטאָקראַט. ער פּראַוועט התבודדות, ער טראָגט אין זיך דעם סוד פון אויסגעלייזטן מענטשן. יהואָש האָט זיך דערמאָנט אין דעם אביון אויף דער אַמאָליקער איסט סייד:

„אין דער באָדגאַס, עק פון שטעטל, / אין אַ קעלערשטוב אַ נאַסער / האָט געוווינט אַ ייִד אַן אַלטער / און געלעבט פון טראָגן וואַסער. / איז געגאַנגען קרוע־בלוע, / ניט געהאַט אַ גאַנצן פאָדעם / און די נאַקעט־דאַרע־ביינער / פלעגן סטאַרטשען דורך די בגדים״.

אָבער דער דאָזיקער ל״ו האָט אויף זיין פּנים ניט געהאַט קיין פאַרגליווערטקייט, קיין שטומקייט, נאָר פאַרקערט, אַז ער פלעגט עמעצן זאָגן גוט־מאָרגן, פלעגט זיין אַ קוויקונג צו הערן:

„אַזאַ זיסקייט, אַזאַ מילדקייט, אַזאַ פריילעכער בטחון, אַזאַ שבת־אויפגערוימט־קייט / אין אַ מיטן אינדערוואָכן״.

מ׳האָט זיך אין שטאָט דערוווּסט אַז דער וואַסער־טרעגער איז אַ למד־וואָווניק. און די למד־וואָווניקעס, זאָגט יהואָש, פאַרמאָגן אין הימל זייער מלאך, וועלכער קומט יעדן

טאָג פון הימל זיי איבערצוציילן. „קוים האָבן זיך איינעם די אויגן פאַרמאַכט, / שוין האָט זיך אַ נייער געפונען. / אַזוי ווערט די ריי פון יסורים און ווײ / פון איינעם צום צווייטן געשפּונען".

יהואָש, אַזוי ווי ליעסין, האָט פאַרמאָגט מער אינערלעכע פאַרשטענדעניש פאַר קולטור־ירושה, ווי אַנדערע שרייבערס פון זיין דור. ער האָט געוווּסט אַז עס זענען דאָ פּאָעטן וועלכע באַנעמען דעם טומל פון דער גאַס, הערן דאָס געזאַנג פון שאָפּ, זעען געשטאַלטן. ווען ער האָט זיך איינגעהילט אין מיסטישע שלייערן, ווען ער איז אַנגעקומען צום למד־וווניק, האָט ער געוווּסט אַז ער איז המשך צו די ייִדישע דורות. יהואָש האָט געזען אַז לעבן ריזיקע געביידעס געפינען זיך אויך קליינע הילצערנע הייזלעך, חורבות מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע קוימענס. אָרעמע הייזלעך וועלכע טוליען זיך צו וואָלקן־קראַצערס. יהואָש האָט געגלייבט אַז אויך דאָ, אויף דער אַמעריקאַנער ערד, אין די אָרעמע הייזלעך, געפינט זיך אפשר אַ למד־וואָווניק, אַ מיסטיש געשטאַלט, וואָס איז אַנגעקומען אַהער פון זיין שטעטל. אַ וואַסער־טרעגער, אויב אַפילו דער האָדסאָן פאַרמאָגט גענוג וואַסערן. מיר זעט אויס, אַז יהואָש אין זיין ליד איז געווען דער פּראָטעסט קעגן פלאַכקייט פון אונדזער לעבן און איז עולה־רגל געווען צום לעגענדאַרן אָרעמאַן, כדי שאַפן אַ סטימול צו אַ בעסער און רייכער לעבן.

אַ וואַנדערפאָלק. אַ וואַנדער־ליטעראַטור. אַ וואַנדער־לשון.

מיט דעם לשון איז צוגעגאַנגען דער גרויסער יהואָש איבערזעצן דעם תנ"ך. מיט דעם ייִדיש איז געקומען יהואָש צו „מיזמור שיר ליום השבת" און „אויף די פעלדער פון בית־לחם". אויף דעם לשון איז ער אַנגעקומען אין „פאָרווערטס" מיט דער תנ"ך־פּאָעמע „איוב".

דער אינטעלעקטועלער פּאָעט יהואָש איז דער רייכסטער קוואַל פון ייִדיש.

אַרום 1910 האָט יהואָש אָנגעהויבן זיין הערקולעס־אַרבעט: אין דער געשטאַלט פון צוויי בענד „ישעיה" און „איוב" און פיר מגילות. און דאָ: שומו שמים: דער איבערזעצער האָט דערזען אַז ער האָט לחלוטין אויסגעמיטן סלאַווישע און לשון־קודשדיקע ווערטער וואָס זיינען שוין געווען איינגעבירגערט אין ייִדיש און ער האָט פאַרטראַכט אַ נייע איבערזעצונג און קומענדיק צוריק פון ארץ־ישראל האָט ער זיך פאַרשפאַרט ווי אַ נזיר אין זיין הויז און גענומען אַרבעטן אויף דער נייער איבערזעצונג.

אַ געניאַלע אַרבעט. דער גרעסטער יחוס, חן און כבוד פון ייִדיש. שפּראַכלעך דורכגעניטשערט, דורכגעזאַפּט און דורכגעוויעט מיט אַלע די דיאַלעקטן פון ייִדיש און דערעיקרשט מיט דער גאַנצער נייער און אַלטער ייִדישער ליטעראַטור.

איבערזעצן דעם תנ"ך — אַ קלייניקייט!
איבערדיכטן דעם תנ"ך — אַ קלייניקייט!

יהואַש האָט עס געמאַכט און ייִדיש לשון איז פאַרזייט געוואָרן אויף ברייטע לאַנקעס, מיט אַ סך קולות, מיט פידלען און טראָמפּייטן. דער דופק פון ייִדיש — אין יהואַשס תנ״ך־איבערזעצונג.

אַן קיין שום ספק אַז חיים ספּיוואַק איז גערעכט ווען ער האָט געשריבן: „יהואַש איז דער גרעסטער תנ״ך־איבערזעצער פון אַלע צייטן". יהואַשס איבערזעצונג איז די ערשטע ייִדישע וויסנשאַפטלעכע איבערזעצונג פון גאַנצן תנ״ך". אין אַ בריוו צו ניגערן האָט יהואַש געשריבן: „עס איז שטענדיק אַן איבערקוקן און איבערזוכן און צו רעכט מאַכן צווייג, בלאַט פאַר בלאַט, איטלעך פעדערל אין אַ בלאַט". דער תנ״ך, האָט יהואַש געשריבן, איז מער ווי אַ בוך. עס איז דאָס לעבן. עס איז געוואָרן וואָס מענטשן האָבן געוואָלט עס זאָל ווערן. עס איז נישט די אַקס, נאָר אויך דאָס ראָד, ניט דער קערן אין דער ערד, נאָר אויך דאָס גאַנצע פעלד און די גאַנצע ערד און די גאַנצע וועלט און ער שפּראָצט. נישט אומזיסט איז געווען פאַר יהואַשן די שאַפונג פון אַ ייִדישן תנ״ך דער חלום פון אַ לעבן. דאָס איז געווען אַ טאָפּעלע ליבשאַפט, פון איין זייט צו דעם שענסטן מענטשלעכסטן בוך פון ייִדישן פאָלק און פון אַלע פעלקער, און פון דער אַנדערער זייט, צו אונדזער ייִדישן לשון... דער חלום איז געווען און איז אויסגעפירט געוואָרן, אַז דער קלאַסישער אויטאָריטאַטיווער טעקסט פון אַלע טעקסטן, מוז ראשית־כל זיין געטריי צו דעם אָריגינאַל. ניט פעלשן. ניט מאָדיפיצירן. ניט פּאַראַפראַזירן. ניט אויסטייטשן מיט כוונות, וואָס די כוונות זאָלן ניט זיין, נאָר איבערגעבן דעם העברעיִשן טעקסט געטריי און גענוי לויט די בעסטע אויסטייטשונגען פון די אַלטע און די נייע. דער ייִדישער תנ״ך זאָל ניט צולייגן אָדער מינערן דאָס מינדסטע אויף ווי ווייט אַזאַ זאַך איז מעגלעך, ווען מ׳גיסט איבער פון איין שפּראַך־כלי אין אַ צווייטער. דער ריטעם פון תנ״ך לעבט אין יהואַשס ייִדיש. יהואַש האָט זיין ייִדיש צוגעפּאַסט צום תנ״ך. ד״ר יהודה ראָזענטאַל, אין אַן אַנאַליטישער אויספאָרשונג וועגן יהואַשס תנ״ך־איבערזעצונג, שרייבט אַז שוין מקדמונים האָבן די איבערזעצערס תופס געווען, אַז מען קען נישט אויף הונדערט פּראָצענט איבערליידיקן מכלי אל כלי. דאָס אייניקל פון יהושוע בן־סירא, דער איבערזעצער פון זיין זיידנס בוך פון העברעיִש אויף גריכיש, פאַרענטפערט זיך פאַר די לייענערס, וואָס וועלן אפשר געפינען טעותים אין זין איבערזעצונג, מיט דעם וואָס קיין שום איבערזעצונג קאָן נישט יוצא זיין אַקעגן דעם אָריגינאַל, און ער בעט די לייענערס אַז זיי זאָלן זיך באַציִען מיט חסד צו זיין אַרבעט. ער שרייבט אין זיין הקדמה:

„איך בעט אייך, מיין בוך צו לייענען מיט קאָפּ און אַן פאָראורטייל און מיך דן זיין לכף זכות אין פאַלן, ווו נישט געקוקט אויף מיין מי, האָב איך איינצלנע פראַזעס נישט ווי געהעריק איבערגעזעצט. ווייל אַ זאַך וואָס איז לכתחילה אויסגעדריקט אין העברעיִש קאָן נישט האָבן דעם זעלבן טעם, ווען זי איז איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער שפּראַך. אָבער נישט נאָר דאָס דאָזיקע ווערק (ד״ה בן־סיראַס

משלים), נאָר אויך די תּורה, די ספרים פון די נביאים און די אַנדערע ביכער (ד"ה „כתובים") קלינגען גאַנץ אַנדערש אין אָריגינאַל.

אויך אין דער תּלמודישער ליטעראַטור געפינען מיר אַ מיינונג, אַז די תּורה קען מען נישט איבערזעצן געטרײַ. אין מסכת סופרים (7טער י"ה) געפינען מיר די ווייטערדיקע דערציילונג: מעשה בחמישה זקנים שכתבו לתּלמי המלך את התּורה יוונית והיה אותו היום קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל, שלא היתה התּורה יכולה להתרגם כל צרכיה". טײַטש: פינף זקנים האָבן איבערגעזעצט פאַר תּלמי המלך די תּורה אויף גריכיש, איז דער דאָזיקער טאָג געווען אַזוי שווער פאַר יידן, פונקט ווי דער טאָג אין וועלכן מען האָט געמאַכט דעם עגל, ווײַל די תּורה האָט נישט געקענט איבערגעזעצט ווערן ווי געהעריק".

משה איבן עזרא אין „שירת ישראל" האָט געשריבן אַז מען טאָר ניט איבערזעצן וואָרט בײַ וואָרט, ווײַל נישט אַלע שפּראַכן זײַנען גלײַך. דאָס וויכטיקסטע: דער אַלגעמיינער געדאַנק און אינהאַלט, „באַמי דיך איבערזעצן דעם הויפּטגעדאַנק פון מקור מיט די שענסטע ווערטער פון דער שפּראַך אין וועלכער דו זעצסט איבער".

אויך דער רמב"ם האָט אויפמערקזאַם געמאַכט זײַן איבערזעצער אין 12טן י"ה, שלמה איבן תיבון, אַז מען קען ניט איבערזעצן אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. דער איבערזעצער מוז צו ערשט גרינטלעך פאַרשטיין דעם גאַנצן אינהאַלט און דער־נאָך מוז ער איבערדערציילן און דערקלערן קלאָר דעם אינהאַלט, און עס איז אוממעגלעך ער זאָל ניט בײַטן דעם סדר פון די ווערטער, און אַז ער זאָל נישט איבערזעצן אַ סך ווערטער דורך איין וואָרט, ער זאָל נישט אַראָפּנעמען קיין ווערטער, און זאָל נישט צוגעבן קיין ווערטער, ביז דער גאַנצער אינהאַלט וועט גוט דערקלערט ווערן. שרײַבט ד"ר יהודה ראָזענטאַל אין דער אויבן דערמאַנטער אַנאַליטישער אויספאָרשונג אויף יהואָשעס תּנ"ך־איבערזעצונג: „יעדער איבער־זעצער שטייט על־כּן פאַר דער דילעמע ווי צו פאַראייניקן געטרײַשאַפט צום אָריגינאַל מיט געטרײַשאַפט צום גייסט פון דער אייגענער שפּראַך".

איבערזעצערס וואָס זעצן איבער וואָרט בײַ וואָרט זײַנען געווען ראָזנצווײַג און בובער. ד"ר יהודה ראָזענטאַלס אַנאַליז האָט דערוויזן אַז יהואָש האָט באַנוצט די אַלטע איבערזעצונגען פון תּנ"ך: דעם תּרגום השבעים, די וואָלגאַטאַ, און די פּשיטאַ, שוין אָפּגערעדט פון די אַראַמישע תּרגומים, ער האָט אויך אַרײַנגעצויגן דעם שומרונישן נוסח פון חומש. יהואָש איז ספּעציעל געפאָרן קיין ארץ־ישראל בכדי זיך צו באַקענען מיט דער דאָרטיקער לאַנדשאַפט און צו לערנען די מינהגים פון די אַראַבער, און די אַראַבישע שפּראַך. יהואָש האָט באַנוצט די אַראַבישע איבער־זעצונג פון תּנ"ך פון סעדיה גאון. ער האָט אויך באַנוצט די ווערק פון אַלע וויכטיקסטע מיטל־עלטערישע מפרשים און גראַמאַטיקערס. יהואָש האַלט זיך בײַם טעקסט פון דער מסורה.

דער גרעסטער יחוס פון יידיש איז יהואָשס תּנ"ך־איבערזעצונג.

די ייִדיש־מנורה מיט די זיבן רערן האָט אָנגעהויבן לייכטן העלער, בכּבודיקער מיט יהואָשס תנ״ך־איבערזעצונג. אַן איבערזעצונג וואָס איז באַשטימט פאַר דעם וואָכעדיקן ייִד און פאַר דעם שבתדיקן.

יהואָש איז דער באַלעבאָס פון ייִדיש.

אין ווילנער געטאָ, אין די שווערסטע צייטן האָט מען אָפּגעהיט דעם זכּרון־טאָג פון יהואָשן. נאָך פאַר דער מלחמה, אין 1937, צו דער צענטער יאָרצייט נאָך יהואָשן, און צו זיין הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג, ווען דאָס פאָלק האָט שוין געדאַרפט טרייסט, ווייל היטלערס שווערד האָט שוין געדראָט, האָט חיים גראַדע אָנגעשריבן דאָס ליד „יהואָש״:

„געגליכן צו אַ פאַסטעך־פּלייט אין טאָלן, געזיפּצט אין אומרויִקן שלאָף און אויפגעכאַפּט זיך אין פרימאָרגן פון זונשיין און פון זייבע זעונגען פאַרחידושט, און אויסגעלייטערט אָנגעטאָן אַ ווייס כּהונה־קלייד און אויסגעזונגען די נביאים מיטן צער פון ייִדיש, מיט צער פון עברי־טייטש און שעמעוודיקער פרייד״. שרייבט אַברהם סוצקעווער אין זיין ליד „י ה ו אָ ש״:

„ווערטער שיידן זיך מיט זאַכן ערב זייער סוף.
נאָך אַ רגע,
נאָך
און
מיט אַ מאָל —
אַ נאָמען הייליק־אויסגעשמידט פון אַלטן גאָלד:
י ה ו אָ ש״.

מיר האָבן נאָך נישט ווי געהעריק צעקייט דעם מאָטיוו: היים אין דער ייִדישער ליריק.

היים. טיף פאַרבאָרגן אין ייִדיש לשון. טיף פאַרבאָרגן אין דער וועלט פון אַלע ייִדישע דיכטערס. צי די היים איז אין די קרומע געסלעך, צי אויף די ברייטערע שליאַכן. צי זי איז איינגעפּרעסט אין ד׳ אמות, צי זי איז אויף דער וועלטמאַפּע, צי דער ייִדישער ליריקער האָט פאַר איר כּבוד און דרך־ארץ און אַ ריכטיקן שירה־חוש.

די היים — ניט קיין פאַרענדיקטע סימפאָניע. נישטאָ קיין קטרוג אויף איר, אויב אַפילו אָרעם. די ייִדישע שפּראַך זשומעט ווי אַ בינשטאָק מיט היים. אַרום און אַרום אַ גרויסע וועלט, אָבער הינטער דער ייִדישער טיר: די היים.

די גייסטיקע שפּייז פון דער ייִדישער ליריק.

זינגט י ו ס ף ר אָ ל נ י ק: ״מיין היים, איך קען דיך אַנדערש ניט זען / נאָר אין שיין פון זון אָדער שטערן, / וויפל וואָלקנס עס וועלן איבער דיר נישט גיין, / וועסטו אַנדערש פאַר מיר ניט ווערן״.

אַלע ייִדישע דיכטערס און שרייבערס דערציילן פון זייער היים. פון זייערע קינדער־יאָרן אין וווּנדערלעכע ייִדישע שורות.

פ ר ץ ה י ר ש ב י י ן דערציילט וועגן זינגעוודיקן זומער, וועגן גאָרטן וואָס זיין טאַטע האָט געדונגען. דער גאָרטן איז געלעגן אויפן וועג פון מיל אין שטעטל אַריין. די מאַמע האָט פאַרזעצט קאַרטאָפליעס, בעבלעך, בוריקעס, ברוקווע — אַפילו אוגערקעס האָט די מאַמע פאַרזעצט. אַוודאי מוז די מאַמע דערמאָנט ווערן. איר נשמה צאַפּלט זיך אין אַלע ווינקעלעך פון דער ייִדישער היים. די היים אָטעמט מיט איר נשמה. זי איז די לופט. אַלע פאַרגעניגן־אוצרות פון יונגע יאָרן, פון בגרות — פון איר...

פּרץ הירשביין פירט אונדז אַריין אין טאַטנס מיל און ברענגט אונדז צו דער לאָנקע וואָס דער טאַטע האָט געדונגען. געפינען מיר זיך אויף דער לאָנקע מיט שמעקנדיקע היי. און ווילט איר אַ קו מיט אַ ווייסן פּינטל אויפן שטערן — איז זי דאָ. די מאַמע האָט פון דער קו געהאַט אַ סך נחת. געפינען מיר זיך ביי דער אַרבעט אין מיל. „אַלץ אַרום איז שיין געוואַקסן. קיין זאָרג איז אין שטוב ניט געווען. איז אַרום אונדזער מיל מער היים געוואָרן. קליינע קינדער זיינען מיט אַ מאָל גרויס געוואָרן”.

דערציילט ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם וועגן מנשה דעם רופאס גאָרטן. אַ גן־עדן. אמת טאַקע, די מאַמע זאָגט אַז דער גן־עדן געפינט זיך דאָרטן ווו דער טאַטע, פייסי דער חזן געפינט זיך. אָן אַנדער ייִד זאָגט אַז דער גן־עדן איז ניט אין מנשה דעם רופאס גאָרטן, נאָר פּרייטיק אין באָד. נאָר שלום־עליכם גלייבט אַז דער איינציקער גאָרטן נישט נאָר אויף אונדזער גאַס, נישט נאָר ביי אונדז אין שטאָט, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ אַזאַ גאָרטן.

קומען מיר אַריין אין גאָרטן פון אונדזער היים. געפינען מיר דאָביימער בליִען, באַדעקן זיך מיט ווייסע פעדערלעך. זעען מיר שטעכלדיקע ביימעלעך מיט גרינע אַגרעסן. און ווייַנשלען — ווי שטערן אין הימל. און פלוימען און עפּל און באַרן. די בעסטע אין דער וועלט. דאָס איז דאָך דער גאָרטן פון ד י י ן ה י י ם. איז ער אַוודאי דער בעסטער אין דער וועלט. אַפילו ח י י ם נ ח מ ן ב י אַ ל י ק קערט זיך אום אין אַלע צייטן פון זיין לידערגאַנג, צום דאָרף ראַדי, וואָלין, לעבן זשיטאָמיר. זעט ער זיין היים: אין הויז אַ טומל, אַ הוק, שיכּורע פּויערים זינגען מיט די הייזעריקע שטימען. אַ שיכּורע פּויערטע האָט זיך צעהוליעט און אַוועקגע־לאָזט זיך טאַנצן, טופּען, אַז די ווענט ציטערן. דאָס צימער איז פול מיט רויך פון ביליקן טאַביק, מיטן געשטאַנק פון איבערגעשטאַנענעם ביר, מיטן שאַרפן גערוך פון שנאַפּס. זעט חיים נחמן דעם פאָטער ווי ער לויפט אַ פאַרשמייעטער פון איין טיש צום אַנדערן. קומט אָן דער קליינער נחמן אין הויף. דאָ אין הויף איז פאַראַן אַ סך וווּנדער. יעדער שטיקל שטיין, יעדער שטיקל האָלץ, יעדער גרעזעלע, פייגעלע

זייגען פאַר אים אַ וווּנדער. די פייגלעך רעדן צווישן זיך. די זון זעצט זיך און שאַרט אָן אַזוי פיל פייער אויפן הימל.

אַ קליין דאָרף, ראַדי. זיין היים. דאָרט האָט ער די ערשטע ווונדער געזען. זיין היים לנצח נצחים. דערציילט חיים נחמן אין „גמדי ליל" וואָס ער האָט געזען ביים פענצטער אין דער נאַכט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען לבנה־ליכט.

ליריק.

דער אָדון האדונים פון דיכטונג. דער אמתער באַלעבאָס. אויף דעם יריד פון שירה — אַ גרויסער בעל־דעה. אַ פאַרמיטלער צווישן מענטש און מענטש. צווישן מענטש און גאָט. דער תהילים. דער נאָענטסטער חבר פון שטומע נשמות. דער אמתדיקער מקור פון פאַרגעניגן. דער יין־המשומר פון אַלע לידער.

און ווילט איר וויסן וואָס אין ניעזשין איז געווען, אַ שטאָט וואָס האָט געשמט מיט בלאָטעס, ווערבעס, פערדהענדלערס, פערד־גנבים — קומט אָן צום גרויסן ליריקער מ אַ נ י ל י י ב. ניעזשין האָט געשעמט מיט הייליקע קברים־שטיבלעך פון צדיקים, מיט אירע שוסטערס שיכּורים, מיט אירע געזאַלצענע אוגערקעס.

שיין איז געווען די שטאָט ניעזשין. מאַני לייב האָט זי באַזונגען. זיין ה י י ם. אין גאַנצן פראַצעס פון זיין שאַפן — ניעזשין... צו ניעזשין האָט ער זיין אָוונטליד געזונגען, מיט אַ תפילה און מיט לויב. דאָ אין דער שטילקייט האָט ער געזען דעם לבנהדיקן שיין. דאָ האָט ער געזען דעם מ ע נ ט ש וואָס האָט געצונדן די לאַמטערן און די קינדערלעך וועלכע האָבן געטאַנצט אין דעם שיין פון לאַמטערן. דאָ האָט ער געזען דעם בלינדן בעטלער וועלכער האָט געשפּילט אויף זיין אַלטינקער פידל. אין ניעזשין זיין היים האָט ער געזונגען אַ ליד פון אַ מאַמען. אַ ליד פון אַ פויגל וואָס האָט פאַרן פענצטער אַ פעדער פאַרלאָרן. פון דאַן איז פאַרבליבן אַ טרער אין די אויגן. „איז נעם איך די פעדער / אַ בריוו צו שרייבן, / מיין קינד אין דער ווייטן / געטריי זאָל מיר בלייבן". דאָ אין ניעזשין האָט ער זיך פאַרחברט מיט ר' שלמה דעם וואַסער־טרעגער, וועלכער האָט געגעסן מיט ברכה זיין אָרעמען מאָלצייט און האָט מיט מידע אויגן קריאת־שמע געלייענט. דאָ האָט ער געזען דעם וואַסער־טרעגערס חלום, זיין אָרעם שטיבל, זיין האַרטן געלעגער. אַ וואַסער־טרעגער וועמענס נאָמען ס'איז פאַרשריבן מיט גאָלדענע אותיות אין דעם גאָלדענעם ספר פון די וואָס לערנען גאָטס הייליקע תורה, און פאַרברענגען און לויבן זיין הייליקן נאָמען.

ניעזשין. זיין ה י י ם. דאָ האָט ער אליהו הנביא געזען מיט אויגן פול ליבשאַפט און טרויער, און אויף די ליפּן אַ שמייכל אַ ליבער „אין אַ פעלצל, פאַרשטעלט ווי אַ פויער / גייט אליהו דורך אָרעמע שטיבער". דאָ האָט ער געזען אליהו הנביא אין בית־מדרש ווו ייִדן זיצן און לערנען תורה אויפן קול. אליהו דער בעטלער

וועלכער קומט העלפן אַ פּרוי וואָס גייט צו קינד אין אַ שטיבל ווייט פון אַ ייִשוב; דאָ האָט ער געזען אליהו הנביא, דעם קנעכט, וועלכער האָט זיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, כדי אַן אָרעמער ייִד און אַן אָרעמע ייִדענע זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון זייער דלות.

דער גרויסער ליריקער. „מיט אַ קנייטש האָסטו געקענט עפענען טויערן, מיט אַ ניואַנס אַנטפּלעקן וועלטן, מיט אַ פּראָסט וואָרט זיך דערגרונטעווען צו טיפע פלאַנטערנישן, און מיט אַ נישטיקן רויכל זיך אויפהייבן און דערהייבן צו די העכסטע הימלען" (אייזלאַנד). „דאָס מוזיקאַלישסטע אין דער ייִדיש־פּאָעטישער טראַדיציע איז געווען דאָס ייִדישע פאָלקסליד. די ,יונגע' האָבן עס דערשפּירט און זיך דערפריייט מיט דעם פאָלקסליד. מאַני לייב און ז י ש אָ ל אַ נ ד ו י האָבן מיטן פאָלקסליד־קלאַנג אין די אויערן געשאַפן אמתע ל י ר י ש ע פּערל; לידער וואָס געהערן צו די שענסטע אין אונדזער ליטעראַטור" (מאַנגער). איז ג ע ר ע כ ט מ אַ נ ג ע ר ווען ער שרייבט אַז מאַני לייב איז געווען דער פּרינץ, „טשאַרמינג" פון דער ייִדישער ליריק. אַלע סאָציאַלע מאָטיוון איינגעזאַפּט פון דער היים אין זיינע לידער. די וווּנדער־מעשה איז געבוירן געוואָרן אין זיין ה י י ם ניעזשין. „דער טאָג פאַרגייט, / דער טאָג פאַרגייט, דער טאָג פאַרגייט. / ער מוז פאַרגיין / און אויב דיר ווילט זיך וויינען, וויינען, וויינען — וויין! / דער טאָג פאַרגייט".

און ער האָט געוויינט אויף ניעזשין. אויף זיין היים. דער דיכטער וואָס האָט פאַרקויפט ווינט און ווּנדערלידער פון בעסטן ליריקסאָרט האָט געוואָלט אַז זיין קבר זאָל זיין אין דער אַלטער היים, באַגראָבן אין תּכריכים ווי אַ שיינער ייִד. דער דיכטער האָט געזען די טונקעלע קראָ אין שניי אויפן פּלויט. ער האָט געהערט אין זיין ליד שרעק פון אַ פאַרשטיקטן געשריי. ער האָט געזען די קראָ וואָס פּיקט „אין דיין בלוטיקן גליק". די קראָ שאַרט דעם שנאָבל אין שניי. ניעזשין. היים פון אַלע היימען. נאָר אַ ייִד פון ניעזשין האָט געקענט אויסזינגען: „אין הייזער אָרעמע איז דאָ אַזוי פיל שיינקייט, / די הונגעריקע ליפּן איידלט דער בטחון. / די האַנט וואָס איז געשלאָגן אין איר קוואַלער קליינקייט / האַלט אַלע טירן אָפן פאַר דעם אָרעמען שכן". די גרויסע שפע — פון ניעזשין. דרך־ארץ. זייט ניט מוציא שם־רע אויף ניעזשין. דאָרט האָט דער גרויסער לירישער פּרינץ געלערנט זינגען און דערציילן מעשיות.

מיר האָבן שוין דערמאָנט: ר אָ ל נ י ק. ראָלניק און זיין היים. דער תּמצית פון זיין ליד. מיט אַ סך ציטער, מיט שרעק, מיט זיפץ און געוויין — טאָמער חלילה וועט זיין היים אומקומען. אַ שטילער געהיימער תּפארת וועגן זיין היים. פול מיט חכמה זיין ליד. ניט קיין פאַרחתמעטער קוואַל, ניט קיין פאַרשלאָסענער ברונעם. אָט האָט איר דעם גאַנצן געזעמל. די גאַנצע משפּחה. אַ געזעמל וואָס איז די גאַנצע בריאה. זיין קרוין: „איך נעם אַרום מיט מיינע הענט / די מיל,

די שטוב מיט אַלע ווענט, / ווי גרויס עס איז די גרעבליעס צאָל, / איך צייל זיי איבער אויף איין מאָל / און מילשטיין, וואַסערראָד און וואַל / און אונטערן ראָד דער וואַסערפאַל / און הילך אויף ברעטער פון פערדס טריט, / ווי נאָענט זיי זענען פאַר מיין געמיט". און אָט דער טייך אין דער פרי, דער הימל, געהאַנגען איז ביי דער ערד. אַ ווינט האָט אַ שנייי געבראַכט, און האָט אַ נעסט פון אַ פייגעלע צעשלאָגן. אָט דער פויער מיט ווייסע קערנער אויפן וועג, און דאָס ווייטע דערפל, בלויז הימלען און וועלדער און שניי.

אויף די ברייטע וועגן פון זיין היים האָט יוסף ראָלניק געוואָגלט מיט זיין שירה. צווישן רויש און רו האָט ער אויסגעזונגען זיין טאָג; צווישן דאָרף און שטאָט האָט ער זיינע חלומות געבויט. אַלטע סאָסנעס שמעקן. מען קען זיי ניט פאַרגעסן. אַלטע סאָסנעס. היים. דאָ, אויפן ברייטן שליאַך פון זיין היים־ליבשאַפט האָט ער געהערט אַ ייִנגל זינגט אויס שלמהס שיר־השירים. און דער ניגון האָט זיך איבערן געסל צעקלונגען. איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן אין דער ווייטקייט און פאַרלאָרן געגאַנגען ערגעץ ווו, איז ער אויך אין די שורות פאַרשריבן געוואָרן, ווייל ער איז אַ טייל פון זיין היים...

דער מאַרק, די גלעקלעך וועלכע קלינגען אויפן מאַרק, און דער פאַסטעך וואָס קלייבט די סטאַדע אויף, און די קינדער וועלכע שפּרינגען און פּאַטשן אין די הענטלעך. „אַ גערטנער פירט אַ וואָגן גרינס / און האַלט זיך אָן אָן וואָגן, / זיין ברעם איז פייכט, זיין שוואַרצע באָרד / פון מאָרגן־טוי געצוואָגן".

דאָ, אין דער אַלטער היים, האָט ער געזען דעם אַלטן ייִד, מיט זיין טלית־זעקל, מיט בטחון; און געזען האָט ער די קינדער אויסגעוואַשענע לויפן אין חדר, און דער הימל הענגט, אי ברייט, אי ווייט. „מיין ווייטע שטעטל־היים, ווי וואָלט / איך איצט צו דיר געפלויגן; / ווי לעבעדיק און גאָלדיק־העל / דו שטייסט פאַר מיינע אויגן / אין רויש פון דער באַלעבעטער גאַס. / דיין שטימע הער איך זינגען / דעם שיכּורס וויינענדיקע ליד, / דעם קלויסטערס פרומען קלינגען, / ווי גרינג וואָלט איך, מיין היים, פאַר דיין / צעבראָכן שוועל געקניט זיך / און אויף דיין וויכן, וואַר'מען זאַמד / כאָטש איין מאָל אָפּגערוט זיך".

אַ ליריקער פאַר עקסעלאַנס. זיין היים ווי אַ חלום. אויסגעשטרעקט מיט ליריש ליד זיינע הענט צום מיל אָבער די נאַכט איז אַוועק אין שרעק. דער מאָרגן איז אָנגעקומען מיט פייער און בלוט. אַש אויף דער ערד.

נאָענט איז אונדז דער ליריקער יוסף ראָלניק. נאָענט.

היים. דאָרט האָבן דיכטערס געלעבט אין נויט און אין קאַמף. דאָרט האָט פ ר ו ג געזונגען דאָס ליד פון דער אַרבעט. און אין ליד פון דער אַרבעט — אַ גרויסער ליריקער: „אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט, / זינגט גריסט זיי פון הארצן מיט ליבשאַפט און הייס, / געזונט זאָלן זיין די הענט מיט

מאַזאַליעס, / דער שטערן פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויס״. דאָ, אין זיין היים, האָט געבענטשט דער דיכטער דעם וואַרשטאַט, דעם האַמער, די סאָכע, דעם שפּינדל, אַלע אַרבעטס־כּלים, די צירונג פון ייִדישן מענטש אין זיין היים. אין זיי, אין די כּלים — אונדזער קראַפט, אונדזער לעבן. אַ לויבגעזאַנג דער מי און דער אַרבעט, מיט ליבשאַפט: „געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאַליעס, דער שטערן פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויס״.

אין דער אַלטער היים האָט דער ייִדישער ליריקער געזען דאָס קינד. אין גלופּסק האָט מענדעלע געזען קליינע ייִדעלעך. אַזוי האָבן אויסגעזען גלופּסקער ייִנגעלעך: מיטן ריידן, מיטן אָנטאָן, מיטן היטן זיך, מיט דעם פּחד און דעם טרויער און די דאגות וואָס זיינען אָנגעשריבן אויף זייערע פּנימער. דער חילוק איז נאָר וואָס זיי זיינען קליינע, זיי האָבן ניט קיין בערד און קיין ווייבער. גלופּסקער מיידלעך זיינען אַלטע ווייבער, אי מיט זייער לשון, אי מיט זייערע גענג, זייערע תּנועות, זייער הכנעה, זייער שטילקייט און אַראָפּגעפאַלנ־קייט, אי אַפילו מיט זייער חכמה. נאָר וואָס דען? זיי זיינען קליינע און קינדלעך ניט. אין דער אַלטער היים האָט מענדעלע געזען הערשעלען, דעם שטילן הער־שעלע, וואָס איז ווי אַ שטיל וואַסערל, וואָס גראָבט טיף. הערשעלע, אין מענ־דעלעס „דאָס ווינטשפינגערל״ האָט חנוכּה־צייט געהאַנדלט מיט דריידלעך, פּורים־צייט — מיט מאַטעריאַל אויף המן־קלעפּלעך, שבועות־צייט — מיט אויסגעבלאָזענע אייער צו מאַכן פייגעלעך. איטלעך יום־טוב מיט זיין מין סחורה.

אין דער אַלטער היים האָט אונדז שלום־עליכם דערציילט די מעשׂה מיט דער פאָן, ווי אַזוי אַן אָרעמאַנס ייִנגל האָט באַקומען אויף שׂימחת־תּורה אַ פאָן. אַ פאָן מיט אַ שטעקעלע, פון אויבן אַן עפּל, אינעם עפּל אַ ליכטל. די מעשׂה פון טאָפּעלע טוטוריטו — באַקאַנט, ווייל זי איז אַ מעשׂה מיט אַ סך לירישע געווירצן. ווען טאָפּעלעס פאָן האָט זיך אָנגעצונדן אין שכנס ליכטל און האָט אַ פלאַקער געטאָן, איז געבוירן געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור דער גרויסער צער וואָס באַגלייט אַן אָרעמאַנס ייִנגל.

אין דער אַלטער היים האָט י. ל. פּרץ באַשריבן זיינע קינדער־יאָרן. אַ ברית ביים ייִנגערן ברודער. קומען אָרעמע־לייט אויף לעקעך און בראָנפן, פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטלשטוב. רעכטס — די מאַמע די קימפּעטאָרין, אין דער שטוב, לינקס — די באַלעבאַטישע געסט. קינדער־יאָרן וועלכע רוימען דיר אַריין אַ סוד: געוועזן... געוועזן. אַ דממה־דקה־קול פון זאַמאָשטש, פון דער אַלטער היים. אַ קול וואָס טראָגט זיסקייט, סודות פון אַ ייִנגלשער וועלט, סודות פון כּלערליי שפּילערייען. אַלע שפּאַרונקעלעך פון אַ ייִדישער שטוב.

די אַלטע היים... אַלע, אין לירישע אויסגוסן, דערציילן פון דער אַלטער היים:

אַ. ל י ע ס י ן — אַ יום־טובדיקער סוד ווערט אויסגעחלומט אין ליל־שימורים, ווען דער הימל איז אָפֿן און דער גאַנצער חלל פֿון דער וועלט איז מתפּלל. א. ליעסין — דער גרויסער ליריקער, וואָס האָט צוזאַמענגעשמאָלצן דעם נעכטן מיטן היינט. דעם היינט מיטן עתיד. ליעסין וועלכער האָט פֿאַרשטאַנען און גוט געקענט דעם אויסגעשפּרייטן הימל פֿון דער אַלטער היים, פֿון דער ערד, פֿון אַלע סודות פֿון עולמות עליונים, פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם: רוח אלוהים. אַ. ליעסין וועלכער האָט געבראַכט צו דער יידישער ליריק אַלע פֿאַרבאָרגענע־און פֿאַרגעניגן־אוצרות פֿון יידישן לעבן. אַ. ליעסין פֿון דבקות, פֿון התלהבות, שטענדיק מיטגעטראָגן מיט זיך אַ לייטער צום הימל, אפֿשר וועלן מלאָכים אָנקומען אויף די וועגן. ליעסין וועלכער האָט זיך אַזוי קונה־שם געווען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיינע גוטע לירישע בשמים.

איז אָנגעקומען ה. ל י י וו י ק און דערציילט פֿון דער אַלטער היים. דער־ציילט און געזונגען וועגן זיין היימשטעטל איהומען פֿון מינסקער ראַיאָן אין ווייסרוסלאַנד. אַ שטעטל אין דער זייט פֿון באַן־ליניעס און וויכטיקע טייכן. אַ שטעטל אַריינגעפֿלאָכטן צווישן אומענדלעכע וועלדער און שליאַכן, צוגעדעקט און פֿאַרבאָרגן מיט עניוות. שאַ. איך עקסיסטיר ניט... אין דעם שטעטל אַ שטיבל, אַ בית־עולם. ליבע קברים.

אַ היים־פּינטעלע, אַליבא דעם גרויסן ליריקער — דאָס עיקרדיקסטע, דאָס צענטראַלסטע, דער סאַמע תּוך פֿון דער וועלט, און אפֿשר פֿון אַלע וועלטן. אין אַלע חורבנות ווערט עס ניט חרוב, אין אַלע פֿייערן ווערט עס ניט פֿאַרברענט, אין אַלע שלאַכטן ווערט עס ניט באַזיגט. אַן אייביקע צערטלעכקייט רינגלט עס אַרום. אַ נס, וואָס הערט ניט אויף צו אַנטפּלעקן זיך. דער נס פֿון דער ערשטער וויג. איהומען, די אַלטע היים געזען אין ליכט פֿון ליבשאַפֿט, פֿון רחמים. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן זיין ערשטער טאָג, און זיין ערשטער טאָג אין לעבן איז געווען אַ גאַנצער, אַ העלער, אַ ווייס־שנייִקער: „ערגעץ טיף, ערגעץ טיף / אין דער ערד איינגעקנאָטענע, / וואַרטן אוצרות אויף אונדז, / וואַרטן אוצרות פֿאַרשאָטענע”. אוצרות פֿאַרשאָטענע פֿון היים, פֿון פֿולער פֿרייד און פֿאַר־חושכטער אָרעמקייט. היים פֿון יום־טוב און וואָך. איינגעביסן זיך אין קינדער־שער האַרץ לנצח נצחים. די וועלט־סטאַנציע פֿון יעדן מענטש. אין דער גרויסער וועלט פֿאַררעשט, פֿאַרזאָרגט, און פּלוצלינג אין געלויף שטעלסטו זיך אָפּ: ה י י ם. די לאַמטערן ברענט דאָרט. די לאָמפּן אין די גאַסן ברענען און אויך דאָס האַרץ.

אויף דער עלטער — קומט צו דיר דיין היים יונג און צאַפּלדיק. די גאַסן. די מענטשן. דעם טאַטנס טיש. פּלוצלינג ווערסטו אַ יוסטער באַלעבאָס פֿון דיין לעבן. דוכט זיך, דו געהערסט שוין צו די זקני העדה, און פּלוצלינג דערזעסטו

זיך אַ באָרוועסער אויף די וועגן און שטעגן פון דיין היים. סתם מענטשן — דיכטערס על־אחת־כמה־וכמה.

אַן אַלטער אמת: פּאָעזיע איז אַן אַלץ אַרומנעמענדיקע פּאָרעם פון שאַפן. נישט בלויז הייבט זי זיך אויף צו די הימלען און צו די שטערן, נאָר זי גראָבט זיך אויך אין דער טיף צו די וואָרצלען פון לעבן. פּאָעזיע אַנטפּלעקט די סודות פון מענטשנס באַוווּסטזיין און אונטערבאַוווּסטזיין. דער פּאָעט דערקענט זיך דורך זיין ליד, דורך די מאָטיוון וועלכע רויבן צו זיין רו. דער דיכטער, מער ווי אַ סתם מענטש, לעבט אין אַ וועלט פון בענקענישן. דאָס ליד לייטערט. דאָס ליד היילט. און אויב דער לייענער איז אַ גוטער לייענער און ער פאָלגט נאָך דעם דיכטער, ווערט ער אויך געהיילט און געלייטערט.

אַן אַלטער אמת: דיכטונג איז אַן אויטאָביאָגראַפישע שפּיל. אויטאָביאָגראַפיע פאַרמאָגט וואָכעדיקע טעג און שבת־יום־טובדיקע טעג. אויטאָביאָגראַפיע איז איינגעטונקט אין דער אומעטיקער טאָג־טעגלעכקייט און אין פריידיקן אַרום. אויטאָביאָגראַפיע איז אַ מעכטיקער לעבנסשטראָם. אין דער אויטאָביאָגראַפיע ליגט צום אַלעם ערשטן: דיין היים. דיין געסל. דיין הינטערגעסל. דיין רענצל וואָס דו שלעפּסט אים אויף די פּלייצעס פון דיין ערשטן טאָג. אין אַלע געשעענישן פון לעבן — שטעקט די בענקשאַפט נאָך היים.

זינגט לייוויק:

יעדער זינגט זיין וויגליד / ביז אין סוף אַריין, / זינג איך אויך מיין וויגליד, / שלאָף נשמה מיין. / בלעטער האָבן שטאַמען, / וואָרצלען זיך אַריין; / יעדער האָט אַ מאַמען — / שלאָף, מיין לעבן, איין. / ווייטע טעג געגענען, / ווייסע ווינטערטעג, / מיינע טריט דערקען איך / אויפן ווייסן וועג״.

אויף אַלע שבייזקע וועגן פון דיכטער איז נאָכגעגאַנגען איהומען. די מאַמע וועלכע הייצט אַן אויוון; מיט איר וועלגערהאָלץ, מיט איר קרעמל אויפן אַלטן מאַרק, מיט אירע טרערן, מיט איר זיפן זעק מיט מעל. „דריי זיך, חלום־שטעטל, / אין דעם כסלו־ווינט; / אין אַ הענגער־בעטל / וואָרפט זיך מאַמעס קינד״. דער טאַטע — אַ וואַנדלער וועלכער זוכט אויף מיסט די ראָזשינקעס און מאַנדלען. אַ זוכער — וואָס געפינט ניט. ווייס דער טאַטע, ווייס דער זון: ראָזשינקעס מיט מאַנדלען זיינען מער ניט זיס. און אויב אַפילו אַזוי — בענקעניש נאָך היים.

לייוויק איז אַ צוויי־געשטאַלטיקער דיכטער, ווי ער זינגט עס אויס אין זיין ליד: „איך בין אַ צוויי־געשטאַלטיקער״. ער זעט אין זיך גופא עפּעס אַזוינס וואָס אַנדערע זעען ניט. ער ווייס וועגן אים, עמעץ אין זיך, וואָס וועגן אים האָבן אַנדערע קיין שום אַנונג נישט. ער איז צוויי־געשטאַלטיק און איין געשטאַלט איז פאַר אים אַליין נאָך אַ מטושטשע. אין לויף פון די יאָרן איז די דאָזיקע געשטאַלט, דער דאָזיקער עמעץ געוואָרן אַלץ קלאָרער און ליכטיקער.

קלאָרער און לויטערער. „זאָל זיין אַזוי, די מענטשן זעען סיי ווי ניט / און איך האָב זיך שוין צוגעוווינט ווייטער אַזוי לעבן".

אָבער די מענטשן, דער קריטיקער האָבן נאָכגעפאָלגט לייוויקס שירה און זיין דראַנג צו הייכן, צו אָפענע הימלען, אין זיין גאַנג צו אַ וועלט פון אמתן, צום גאַנג צו יענע ווייטן וואָס שניידן זיך דורך דורך דער פינצטערניש. „קאַלט און שפּעט, איך ליג און ליג, / נעמט איין אויג און קלעפּט זיך צו: / און די צווייטע — ניט אַזוי, / פינקלט, וואַנדערט ערגעץ ווו; / פּלוצלינג הער איך ווי מען פרעגט: / שלאָפט דאָ לייוויק ערגעץ ווו?"

לייוויקס צוויי-געשטאַלטיקייט: אָט וווינט ער דאָ און אָט איז ער שוין לאַנג אַוועק צו אַנדערע היימען. נאָר איין זאַך איז זיכער: וווּהין דער דיכטער איז אַוועק, ווייס מען, ער איז אַוועק זוכן אַ מענטשלעכן געוויין. לייענען מיר די לידער „הינטערן שלאָס" און מיר זעען דעם דיכטער מיט צוויי אָפענע אויגן, וועלכע פאַרקוקן טיף אין זיך און קומען אָן אויך צום רבים. שוין אין זיין יוגנט האָט ער געגלייבט אַז עפּעס גרויסעס, ווונדערלעכעס וועט פוןליידן קומען. „און איך דער ערשטער וועל דערזען דאָס ווונדערלעכעס גרויסעס / און מער פון מענטשן שוין נישט קענען עס פאַרבאָרגן, / פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּן / און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן".

דער צוויי-געשטאַלטיקער: אָט קומט ער אָן אין דממה-דקה. אָט קומט ער אָן אין רעש, אין טומל. אָט ברענגט ער ציטער. אָט ברענגט ער דערשטוינונג, אָט קומט ער פון פאַרגעסענע וועגן, און אָט פון סטעזשקעס וועלכע זענען נאָענט יעדן איינעם. אַלץ ווערט שפּאַנונג. אַלץ ווערט דערוואַרטונג. לייוויק איז אָפט מאָל אַ משולח. אָפט מאָל אַ רואה-ואינו-נראה. אין קיינעמס לאַנד: „זעסט מיך יאָ, צי זעסט מיך ניט". ער איז אַ מיטגייער מיטן טרויער און אַ מיטגייער מיט אַלע פריידן אויף דער וועלט. אין קינדווייז האָט ער דעם טרויער דערפילט, און דער טרויער איז געוואָרן אַ מיטל פאַר דערהויבונג און דערלייטערונג...

לייוויק האָט געפילט בלב-ונפשביידע געשטאַלטן. ער איז געגאַנגען מיט אָפענע אויגן: „וואָס זאָלן דערזען אַלע עקן פון דער וועלט ווו זיי גייען זיך צוזאַמען". דער געראַנגל צווישן די צוויי געשטאַלטן איז ניכּר אין אַ סך פון זיינע לידער. „דאָס ליד, אַז נאָר אין בלוט פון אייגענעם געוויסן קאָן וועלט ווערן ריין, איז דער מקור פון דעם געפיל און פון דער מחשבה, אַז אמתע שאַפונג, אויף וועלכע געביטן פון קולטור דאָס זאָל ניט זיין, און מער פון אַלץ אויף דעם געביט פון קונסט, מוז טראָגן טיף אין זיך די כּוונה צו רייניקן די וועלט; דאָס, ווידער, קאָן דורך שאַפונג דערגרייכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מען שטרענגט זיך ביז גאָר אָן צו זיין אַליין אַ געלייטערטער און אַ לויטערער; נאָר דעמאָלט ווען מען פירט אַליין אַ קאַמף ביז בלוט פאַר דער ריינקייט פון דעם געוויסן, פאַר דער הויכקייט פון מאָראַלישן געזעץ, אינעווייניק אין זיך. דאָס

דאָזיקע געפיל און די דאָזיקע מחשבה דאַרפן אַרויסגעלייענט ווערן פון אַזעלכע לידער ווי: 1) ׳נישטאָ קיין באַהעלטעניש׳ 2) ׳דיינע זינגענדיקע ווערטער׳ 3) ׳שטייט מיין אויסלייזער׳ 4) ׳ליכטיקע לאָמפּן׳ — פון בוך ׳אין קיינעמס לאַנד׳. און דערהויפּט פון ליד ׳כּי־טוב׳, פון בוך ,לידער׳״ (וו. נאָטאַנסאָן).

לייוויק רעדט מיט זיין לעבן קלאָרע דיבורים. שאַרפע דיבורים. ער פירט אים דורך אַלע געפאַרן, דורך תּפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה. ער איז זיכער אַז ער וועט אים פירן און דורכפירן, אַפילו ווען ער זאָל דאַרפן אָנטאָן דעם לעבן אַ קייט אויפן האַלדז און אויף דער קייט עס טרייבן דורך גאַסן, דורך מערק, ווי עס פירט אַ ציגיינער זיין בער און אויסשרייען: „טאַנץ דיין וועלט, טאַנץ, לעבן מיינס״. ער וועט עס פירן און דורכפירן, מחמת ער האָט אַ בונד פאַרשניטן מיטן לעבן. ער וועט זיך ניט אָפּשטעלן אַפילו פון שטייפער צו פאַרציִען די רינגען אַרום זיין לעבן; ער וועט שטיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אויסרופן: „אָט אַזוי ווערט געטאָן, / אָט אַזוי זאָל געטאָן ווערן צו דיר, / לעבן מיינס; / אָט אַזוי זאָל געזונגען ווערן צום טאַקט דיר / דאָס הייליקע ליד מיינס וועגן דיר / פון אייביק ביז אייביק, / לעבן מיינס״. דאָס לעבן פון דיכטער טאַנצט דעם וועלט־טאַנץ, וואָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם גורל פון וועלט און מענטש; אויך פאַרבונדן מיט די אַלע פּנימער וועלכע דער דיכטער האָט נאָך נישט דערזען אין זיין לעבן. צו דער דערקענטעניש רייסט ער זיך מיט אַלע זיינע שעפערישע כּוחות.

„אין דער טיפעניש פון נאַכט״ דערציילט דער דיכטער ווי ער שטייט פאַר דער נאַכט און מאַכט אַ באַוועגונג מיט זיין האַנט. קיינער ווייס ניט וועמען ער זוכט איצט, וועמען ער זעט איצט. ער אַליין ווייס אויך ניט וואָס באַדייט די באַוועגונג פון זיין האַנט, וועמען זוכט ער אין דער נאַכט, און צו וועמען די האַנט האָט זיך באַוועגט. וואָס ער ווייס אָבער יאָ, איז:

„אין דער טיפעניש פון נאַכט בין איך איינזאַם און אַליין, / פון דער גאַנצער וועלט אַ סימבאָל, אין דער נאַכט, אין מיין געשטאַלט / און ווי אַלט עס איז דאָס לעבן, בין איך אויך אַזוי פיל אַלט; / וויל איך לויפן זיך באַהאַלטן פון דער וועלט — פון זיך אַליין, / ווערט אַלץ גרעסער אין דער פינצטער מיין געשטאַלט / און ניטאָ וווּהין צו לויפן פון דער וועלט — פון זיך אַליין״.

די צווייטע געשטאַלט פון דיכטער.

דער דיכטער אין ווירבלדיקן געדריי פון דער וועלט, אויב אַפילו איינזאַם און אַליין. פון אָפּגרונטן און זאַמדן דערהערן זיך קולות צו אים פול מיט באַפעל צו פאַרשנעלערן נאָך מער זיין געדריי, און אָנצינדן מיט נאָך מער ליכט און מיט פינצטערניש זיינע אויגן. מיטן לעצטן בראָך, מיטן לעצטן בויג פאַלט דער דיכטער אַוועק. ער בלייבט ליגן ווי אַ פלאַכטע, וואָס איר אָנהייב איז אין איין עק וועלט און איר אויסלאָז אין דעם צווייטן עק. ניט קיין טרויער אין זיין

האַרץ און ניט קיין געוויין. ניט טויט איז דער דיכטער, נאָר ווי פעלדז קאַלט און האַרט. קיינער קען אים ניט פונאַנדערשטויבן. און אַזוי „ליג איך, ביז עס שטייט אויף אין מיר אַ נייער ווילן פון פאַרזונקענקייט צו אויפקומען, צוריק זיך אויפצוהויבן". אַ דאַנק דעם אויפשטייענדיקן נייעם ווילן דערהערט זיך שוין איצט דער „איך רוף צו דיר, גאָט, פון דער טיפעניש", דער דאָזיקער רוף קומט אָנזאָגן דעם דיכטער אַליין און זיינע מיטגייערס, די לייענערס, אַז דער דיכטער האָט געקראָגן נייע פליגל אַ הייב צו טאָן זיך אין די הייכן אַריין. גאָט דערהערט זיין תּפילה, דערהערט זיין רופן און נידערט אַראָפּ צו זיין שוועל. מענטש־דערקענטעניש. גאָט־דערקענטעניש. און זיי גייען צוזאַמען.

אַן אייביקע פראַגע פון דיכטער וועלכע שניידט זיך אַדורך דורך אַ סך לידער: גאָט, צי האָב איך דיך ענדלעך דערקענט? אַזוי אויך די שאלה: מענטש, צי האָב איך דיך ענדלעך דערקענט? נישטאָ קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט אַז דער דיכטער קען אָנקומען צו די צוויי דערקענטענישן. אַ סך ספקות באַגלייטן. ביידע געשטאַלטן אין געראַנגל. אין ספק.

„איך הער זיך צו צו זיך, אַרום זיך איך זוך מיין שפור / אין האַרטער ערד, אין רוים, אין נאָענטע ווינטן; / און וווּנדערלעך גייט אויף פאַר מיר די אייב־הייט אין נאַטור / ביים שוואַכסטן קנוף פון פעדעמל, פון שפין געשפונטן".

דער דיכטער וויל אָנקומען צו דער חכמה פון דעם קלענסטן צווייג, צו ווערן צייטיק אַקוראַט פאַרן אָנקומען פון ווינטער. כּבודו מלא עולם. כ'וואָלט געזאָגט, אַ חסידישער מאָטיוו פון בראַצלאַווער: הערן דעם געפּליסטער פון שטיין, די באַרירונג פון אַלע פינגער פון דער נאַטור, זען דעם פעלדז אין זיין וואַרעמקייט, אין דעם שטראָם וועלכן ער טראָגט אין זיך, אין די טיפענישן פון זיין האַרטקייט, פון זיינע געדערעם. אויב דער דיכטער פאַרנעמט אַזוי חסידיש דעם אוניווערס, איז פאַרשטענדלעך זיין וואָרט אַז ער איז גרייט צו דער ערד, און בעט: „לייטער אויס דיינע שטויבן פאַר מיר, ווי איך האָב אויסגע־לייטערט פאַר דיר מיינע גלידער".

אינטים מיט שטיין און ערד. אַלץ טראָגט אַ הייליקן ניצוץ פון געטלעכקייט, אַלץ וויל זיך אַנטפּלעקן אין לעבן, „זעמדעלעך פון דער ערד מיט מיר זיך צו באַהעפטן, דריקן זיך צו מיר מיט בענקענדיקע קרעפטן". / און נאָר די וואָס בלייבן העכער און זיי קענען דעם דיכטער ניט גרייכן, / טרויערן, באַוויינען זייער גורל אין די הייכן".

הערט ער אויך אַ קול פון בערג: „דיך דאַרף מען, דיך". ענטפערט דער דיכטער: „ווער עס דאַרף מיך נעמען — נעמט. איך בין געקומען אויף דער וועלט מען זאָל מיך נעמען".

לייוויקס ליריק איז אַ וועג דורך פּיין און געראַנגל. אַ טיפער אַריינבליק אין מענטש און אין אַלץ וואָס איז אַרום. אַן אַריינבליק אין טויט, וואָס מאַכט

מעגלעך פאַר אים אויפצונעמען דעם טויט מיט אַ שמייכל, מחמת טויט ווערט דערפילט ווי אַן אַריינקום אין אַ פאַרבאַטענעם לאַנד, וועמענס טויערן ווערן פון גורל צעעפנט.

מיטן דיכטער ראַנגלען זיך צוזאַמען די זון, די לבנה, די שטערן, עס ראַנגלען זיך צוזאַמען דער רעגן, דער ווינט און דער האָגל. עס צאַפּלען זיך אין פיבער די פאַרקן, די גאַסן, עס ציטערן הענטלעך פון אַ קינד, און עס טוליעט זיך אין אַ ווינקל אַ מוטער מיט אויגן פון לעצטן טרויער. אַנסופיקער פיין. און דווקא אויפן שוועל פון טויט איז די נשמה פאַרנומען מיט די געפילן פון בטחון, מוט און האָפענונג, מיט די געפילן פון זיכערקייט, אַז עס מוז קומען און אַז עס וועלן קומען די יעניקע, וואָס וועלן דערפירן דאָס לעבן אונדזערס צו דעם בעסערן און העכערן, צו וואָס מיר האָבן נישט געקענט דערפירן. זיי וועלן פאַרווירקלעכן דאָס וואָס מיר האָבן געוואָלט און צו וואָס מיר האָבן געשטרעבט און נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן. דאָס וואָס פאַר אונדז איז געבליבן חלום, וועט פאַר אונדז ווערן וואָר; וואָס פאַר אונדז איז געווען אילוזיע וועט פאַר זיי ווערן רעאַליטעט.

לייוויקס ליריק צעעפנט טיר און טויער פאַר ווייטערע דערגרייכונגען פון יידישער שירה. ער איז אָנגעקומען אין פאַרבאָרגענעם לאַנד פון אַ מענטש אויף דער עקדה. ער איז אָנגעקומען אין פאַרבאָטענעם לאַנד מיט אַלע זיינע פייערן. ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער טראַגעדיע פון אַלע זיינע העלדן, פון אַלע משיחים וועלכע טראָגן די דערנערקרוין, פון אַלע היסטאָרישע יידישע פיגורן.

דער קלוגער ליריקער — מ ש ה נ אַ ד י ר. דער חכם. דער ליריקער פון צער און פריידן, מיט אַ פאָן: מענטשן זאָלן מער ניט פירן קיין שלאַכטן.

זיין פעסטונג: יידיש. יידיש לשון.

„ס'איז מיר אומעטיק, ליבער גאָט. די וועלט איז שוין אַזוי אַלט. די זון גייט אויף און גייט אונטער מיט אַ באַנאַלער רעגלמעסיקייט. פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער זיינען פיר שוועסטער פון איין גלייכגילטיקער און סימפּאַ־טישער מאַמען. דיין לבנה, ליבער גאָט, דערמאָנט אָן דעם זילבער פון אָפּגע־ריבענע מטבעות, דיינע שטערן פינטלען אַזוי אומפאַרשטענדלעך. און מיר אַלע טראָגן דעם טויט אין אונדזערע הערצער ווי אַ ממזר. אַ פ ר ע מ ד ן טויט באַשאַפן פון אַ פרעמדן גאָט, וועלכער אַמוזירט אונדז ניט. ס'איז אומעטיק, ליבער גאָט, דעריבער בין איך אַזוי קלוג און פול מיט וועלטשמערץ — אַ זאַך וואָס געפעלט זייער די דאַמען".

אין אַ ליידיקער וועלט האָט אַ גרויסער ליריקער אַריינגעגאָסן זיינע אילו־זיעס. אַ פאַרבענקט האַרץ מיט אַ סך קאַפּריזן. ווי יעדער גוטער ליריקער. ליריק וועגן לעבן, אַפילו קליינע ברעקלעך פון טאָג; ליריק וועגן טויט, וועגן באַשאַף,

װעגן װוּנדן, װעגן טײַכן, טאָלן און בערג, װעגן אַ טאָג אין אַ גאָרטן. זיך אַלײן געמאַכט אַ מסיבה. פאַר װאָס ניט? פאַר װאָס מעג מען פאַר פרעמדע מאַכן מסיבות און װידמען לידער און פאַר זיך ניט? אין אַ רעגנדיקן טאָג — אַן אַנדער משה נאַדיר. אין אַ זוניקן — אַן אַנדער משה נאַדיר. ס׳איז דאָ גענוג פאַר אַלץ און אַלעמען.

משה נאַדיר דער ליריקער האָט געלעבט אַהין און צוריק, און קײן מאָל נישט אויף אַ גלײַכער ליניע. װער זאָגט עס אַז מ׳דאַרף גײן גלײַך און ניט זיגזאַגיש? ער האָט באַשאַפן אַן אײגענע װעלט. ער איז געגאַנגען פון קרומע װעגן צו גלײַכע, פון גלײַכע צו קרומע. קײן מאָל נישט געװוּסט װעלכער װעג איז דער גלײַכער און װעלכער דער קרומער. ער האָט גערעדט צו ראָזירטע און בערדיקע, צו בלאָנדע און ברונעטע.

משה נאַדיר דער ליריקער איז געװען שטענדיק אין פלאָנטער פון אידײען און באַװעגונגען, אָבער אויסגעהיט זײַן ל י ר י ש ן א י ך. אַ דיכטער װאָס האָט אַלעמען ליב געהאַט און קײנעם ניט. אין זיך פאַרליבט. אין ייִדיש װאָרט פאַר־ליבט. דער לײענער האָט שטיל געשעפּטשעט: מותּר לך. „קושן די אײגענע ליפּן מיט גלוסט — / און קושן דעם שפּיגל װאָס האָט דיך געקושט. / דינען מיט ז ע ל ב ס ט דעם זעלבסטפּולן גאָט / און נאָכגײן די שפּורן פון אײגענעם טראָט״. / מעג דער גרויסער ליריקער אַנטקעגנגײן זיך אַלײן. אַ נאַרקיסט. אַ ציניקער. אַן איראָניקער. אַ הומאָרמענטש. און אין אַלע פאָרמען דערפילט דעם עלנט. ער האָט געזוכט אַן עדה, זי זאָל אים פאַרשטײן. ער האָט געזוכט אַ יחיד ער זאָל מיט אים קענען כאַפּן אַ שמועס און טרינקען אַ גלאָז װײַן. ער האָט במעמקי־מעמקים געזוכט אַ פרוי ער זאָל זי ליב האָבן ביז משוגעת. „איך קער מיך אָן — מיט װעמען? / און װער איז מײַנס — אַ, װער? / איך לאָז אַראָפּ די ברעמען / און ס׳פאַלט אַראָפּ אַ טרער״. און עס דאַכט זיך דעם גרויסן ליריקער אַז ער איז בכלל ניט נײטיק אויפן יריד. אַז דער מאַרק קען זיך באַגײן אָן אים. ער פעלט קײנעם ניט; ער איז עלנט װי אַ שטײן, „ס׳איז ייִדיש בלויז מײַן װײטיק, ס׳איז ייִדיש — מײַן געװײן״.

נאַדיר האָט איראָניזירט דעם מענטש, דעם מאַן, דער פרוי און גאָט אַלײן. פון דער איראָניע איז אַרויסגעװאַקסן זײַן הומאָר. ער איז איבערצײַגט אַז גאָט דאַרף בעטן מחילה בײַ דעם מענטש לגבי אַלע חטאים װאָס ער איז באַגאַנגען קעגן אים יעדן טאָג פון זײַן לעבן. דער מענטש בדרך־כּלל איז אַן איש רחום וחנון, און אויב גאָט װעט געפינען דעם פּאַסיקן װעג װי צו בעטן מחילה, װעט אים דער מענטש מוחל זײַן. ער װעט אים פאַרגעבן. גאָט איז דאָך דער הערשער פון דער װעלט. ער האָט ניט געדאַרפט מאַכן קײן באַזונדערע אָנשטרענגונגען אַז די װעלט זאָל ניט לײַדן פון אַזױ פיל יסורים. אַז איוב זאָל קראַצן זײַנע װוּנדן מיט אַ שערבל, אַז קין זאָל אויפהײבן אַ שטײן און הרגענען זײַן ברודער,

אַז אמנון זאָל ניט פאַרגוואַלדיקן זיין שוועסטער. גאָט איז דאָך דער הערשער פון דער וועלט, און ער האָט דאָך געקענט אויסהיטן די מאַמעס און די קינדער און די זין אויף די שלאַכטפעלדער און אין עיפּושדיקע קעלערס. פאַר וואָס טוט ער עס נישט? און דערפאַר, ווי דער גרויסער פּוילישער דיכטער סלאָוואַצקי: „סמוטנאָ מי באָזשע" ס'איז מיר אומעטיק, גאָט.

דער ליריקער לעבט מיטן שטעכווערטל: „מיין פריינד, אויב עמעצער באַליידיקט דיך, זעץ זיך אַוועק און וואַרט אומגעפער אַכציק יאָר, וועסטו דיך דערלעבן אין אים די גרעסטע נקמה. ער וועט שטאַרבן. אויב עמעצער נעמט ביי דיר צו דיין ברויט, קלאָג אים נישט אָן. זעץ זיך אַוועק און וואַרט אומגעפער אַכציק יאָר, וועט ער באַקומען זיין שטראָף. אויב עמעצער גיט דיר איבערן קאָפּ מיט אַ שטיק האָלץ, טראַכט וואָס פון אים וועט געבעך ווערן מיט אַן אַכציק יאָר שפּעטער און האָב אויף אים אַ רחמנות".

אַ ליידיקע וועלט און אָן אַ שטעכווערטל, אָן איראָניע איז שווער צו לעבן. אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג איז דער ליריקער אַוועק צו אַ גאָט אין אַ גאָרטן און אויסגעשאָטן אַזוי פיל ליריק אַז עס קען סטייען פאַר אַ גאַנצער גוואַרדיע גוטע דיכטערס. אין טעג פון פאַרטרערטע הימלען און זוניקע טעג איז ער זיין גאַנג געגאַנגען און זיין ליד געזונגען. אָט האָט ער דערזען אַ בלויען רוים, אַ קשת בענן, אָט אַ נייער וואָלקן וואָס דראָט און באַדראָט אַ וועלט. ער האָט געזען גראָזן און ביימער אין זייער וווקס און טאַרטאַק און געזונגען פון לעבן און טויט. אַ סך מעשהלעך האָט ער געהערט און אין די מעשהלעך אַ סך חלום. אַ סך דמיון. פון די מעשהלעך האָט ער זיך דערוווּסט אַז ס'איז שלעכט צו זיין אַ קנעכט. אַפילו נישט צו זיך אַליין. אַזוי האָט ער געשריבן:

„קיין העכערס פון מענטש איז ניטאָ. גאָט איז בלויז אויף אַזוי פיל העכער, אויף וויפל דער מענטש טראָגט אים אויף זיין אַקסל".

אַ ליריק אָן חרטה אָבער מיט אַ סך וידוי. שטענדיק אויפדערוואַכט צום לעבן און שטענדיק פאַרקראָכן אין אַ וואָלקן, און דו האָסט קיין מחיצה ניט געקענט שטעלן צווישן דעם אויפדערוואַכטן לעבן און צווישן וואָלקן.

„זיך געוואַשן און געבאָדן / אויפצונעמען יענעם טאָג, / און די זעל מיר אויסגעצוואָגן / מיט אַ גליִענדיקן טשוואָק. / און דאָס האַרץ מיר אָנגעלאָדן / מיט דער יונגער לאַסט פון טאָג". און מיט דער יונגער לאַסט פון טאָג פּלוצלינג פאַרשוווּנדן הינטער די הרי־חושך. גיי זוך מיך. אָבער דער העכסטער לוין פון זיין פאַרשווינדן איז געווען — דאָס ליריש ליד, ליד פון פרייד, ליד פון ווייען. אויב אַפילו אַריינגעטאָן אין זיך גופא, — אַריינגעטאָן אין דער גרויסער וועלט. געזען אַלע פּנימער פון יונגן טאָג און פון דער שקיעה. געהערט אַלע קולות פון דער בריאה. אין די אויערן זיינע האָבן אָפּגעקלונגען אַלע תּפילות, אויב אַפילו דאָ און דאָרט איז דער ליריקער אַנטלאָפן פון זיין אייגענער תּפילה.

אַ שטומער אין זיין געשריי. אַ שרייער אויף קולי־קולות אין זיין שטומקייט.

צו זיין נאַראַיעוו האָט ער אויסגעבענקט די יאָרן, ווי איינער פון די בעסטע פאַרבענקטע דיכטערס נאָך זיין יוגנטהיים. זיין טרער נאָך נאַראַיעוו האָט געמאַכט אַ לאָך אין שטיין.

משה נאַדיר האָט זיך ניט געשפּילט מיט ווערטער. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיין נשמה. יעדער גרויסער ליריקער פירט זיך אַזוי. ער שפּיגלט זיך אין שפּיגל פון דער וועלט און אין זיין אייגענעם שפּיגל. ער איז טוי פון הימל און ערדישע מיסט. ער איז שירה־קוואַל. ער איז אין זיין ליריק אַ געשטייגערטער אומרו.

פון אַלץ האָט משה נאַדיר געשריבן לירישע לידער: פון נויט און וואָגל, פון טרער און פרייד און צעשייד. מאַרק טוועין האָט געשריבן וועגן זיך: „איך בין געווען אַן אויטאָר 20 יאָר און אַן אייזל 55". ווער עס איז אַ בירגער פון דער וועלט מעג זיך דערלויבן אַזאַ איראָנישן זאָג. אַזוינס וועט איר אויך געפינען אין נאַדירס שירה־און פּראָזע־וועלט.

משה נאַדיר איז אין זיין ליריק געווען אַ טייל פון דער טראַגעדיע און אַ טייל פון דער קאָמעדיע וועלכע גייען געאָרעמט אויף אַלע לעבעדיקע מאַרקן און ירידן.

אפרים אויערבאַך איז געווען איינער פון די שותפים פון קעמפּערישן דור. עס זענען דאָ תקופות, וואָס מען מוז אין זיי גראָבן טיפער און אָפּטער. ס'איז אַ ליגן אַז מיר זענען אַ פאָלק פון זכרון. מיר זענען אַ פאָלק פון שיכחה. מיר פאַרגעסן. אָפּט מאָל זאָגן מיר: זאָלן די טויטע באַגראָבן די טויטע, אָבער די ליטעראַטור דאַרף לעבעדיק מאַכן די טויטע. זי דאַרף טראָגן דעם ליכטיקן זכרון פון דור. פון די ווונדערלעכע געשטאַלטן וואָס די העברעער רופן זיי: לוחמים וחולמים, קעמפּערס און טרוימערס. און דו זעסט באַשיימפּערלעך אַז חלום און קאַמף גייען געאָרעמט.

קלאָר איז דער זאָג: כּדי צו פאַרשטיין אונדזער היינט מוז מען קענען און וויסן דעם נעכטן. דער מאָרגן בדרך־כּלל איז אַ רעטעניש, אָבער דאָס רעטעניש קען ווערן לויטערער און ליכטיקער ווען מ'האַלט זיך ביי די פּאַלעס פון נעכטן. א. אויערבאַך טוט עס אין זיין פּראָזעבוך „בעקבות הגאולה". דער גוטער ייִדישער דיכטער האָט אַ זין פאַר געשיכטע. ער קען ניט זינגען דעם אַלטן זמר: ס'איז ניטאָ קיין נעכטן. ער מוז אויסזינגען הויך און בטחונדיק: ס'איז דאָ אַ נעכטן.

נישטאָ קיין תּחומים אין אויערבאַכס יצירה צווישן ליד, פּראָזע און עסיי. זיי זענען איין גאַנצקייט. ליד, פּראָזע, עסיי — חד הם. אין אַלע דריי זשאַנערן: אויערבאַכס לעבנס־אימפּעט, זיין פולסירנדיקער שעפערישער גאַנג. אויערבאַכס

וואָרט האָט אַ שייכות צום ייִדישן גייער, צו זיינע קאַראַוואַנען, צו זיינע לויטערע אַלטע קוואַלן, צו זיין גילדערנעם און דערנערדיקן שפּאַן.

אין „בראשית" ווערט דערציילט טאָג נאָך טאָג. די געשיכטע פון דער שאַפונג ווערט יעדער טאָג פאַרענדיקט „כי טוב" „וירא א' כי טוב". די יצירה איז באַקליידט מיט געשטאַלט: כי טוב. ווען איך הער אויערבאַכס ייִדישן קול פון גייער אין זיין ליד, עסיי און פּראָזע־קאַפּיטלען, זאָג איך: כי טוב... איך זאָג: זיין ייִדישער קול. דער שעפערישער ייִדישער מענטש דאגהט דערפאַר אַז אַ דאַנק זיין ייִדישן קול אין דער יצירה זאָל דער עבר, דער נאָענטער צי ווייטער נעכטן פון זיין פאָלק ניט ווערן אַ שאָטן וואָס דערווייטערט זיך. אַז דער עבר זאָל פאַרבלייבן אַ לעבעדיקער ניגון און זיין עכאָ זאָל אָפּקלינגען אין היינט און אין בערג און טאָלן פון מאָרגן. אויערבאַכס ספר „בעקבות הגאולה" צווינגט אונדז צו געדענקען, אויב אַפילו אין גייסטיקן לעבן איז ניטאָ קיין צוואַנג. ער צווינגט אונדז זען דעם בראשית. די אָנהייבן.

אַ סך דראַמאַטישע מאָטיוון זענען פאַרבאָרגן אין ספר. איינזאַמע נעכט פון ייִדישן קעמפער. אַ רצון קלענער אים מאַכן, נישט לאָזן אים רייסן זיך אין הייכן. דער ענגלענדער האָט נישט ליב יעקבס לייטער און יעקבס חלום. ער האָט ניט ליב דאָס קלעטערן און פיינט האָט ער די מלאָכים. דער געראַנגל שאַפט דראַמאַטישע מאָטיוון און דער דיכטער אויערבאַך פירט אונדז ליריש, דיכטעריש, אָבער מיט היסטאָרישן געזונטן טראָט איבער היסטאָרישע סטעזשקעס, וואָס האָבן געבראַכט ברייטע גאולה־וועגן. דער שעפערישער ברענעריזם שטעקט אין אַ סך קאַפּיטלען. איר שטייט פאַר אַ דור וואָס וויל פון די קעלערס אַרויסגיין צום היכל. זיי זענען געוועזן און פאַרבליבן ייִדישע לעגענדאַרע מענטשן.

אויערבאַכס ליד האָט געהאַט צוויי גוטע שכנים: עסיי און פּראָזע. אָבער אויך די צוויי שכנים האָבן געלעבט אויף אַ דיכטערישער טעריטאָריע. אויערבאַכס ליד איז אַ דאָרשטיקע און אַ הונגעריקע. הונגער און דאָרשט נאָך וואָרט. נאָך סימבאָל. נאָך אימאַזש. נאָך מעטאַפאָר. נאָך גראַם, נאָך בילד, הונגער נאָך גוטער העכערער פּשטות. הונגער און דאָרשט נאָך התגלות. דאַכט מיר אַז דער געזונטער פאָרשטייער פון בעסאַראַבישן שבט איז קיין מאָל ניט זאַט געוואָרן. שטענדיק אין גאַנג צום לויטערן קוואַל. אָבער ביז מ'קומט אָן דורך יעקבס געצעלטן צום לויטערן קוואַל, מאַכט מען דורך אַ יסורים־וועג. אפרים אויערבאַכס זכרון איז לויטער און קוואַליק. גוטע ליטעראַטור שמידט די וואָרעמקייט פון מענטש צו מענטש. ווען איך זאָג ליטעראַטור, מיין איך: דיכטונג, פּראָזע, לעגענדע, פאָלקלאָר. און אַז איך זאָג פּראָזע — מיין איך: ראָמאַן, דערציילונג, נאָוועלע, זכרונות, אאַ"וו. ליטעראַטור רייסט אויף די אינטימע וועלט פון מענטש. און די אינטימע וועלט פון מענטש איז תהומען. אָפּגרונטן. טיפענישן. טאָלסטאָי הייבט אָן זיין ראָמאַן „תחית־המתים" מיט אַ גוואַלדיקן אַקאָרד:

„וויפל מי די מענטשן האָבן זיך ניט געגעבן צו פאַרדאַרבן די ערד, אויף וועלכער זיי האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט צו עטלעכע הונדערט טויזנט אויף איין קליינעם שטח; וויפל שטיינער זיי האָבן ניט אָנגעשאָטן אויף דער ערד, כדי עס זאָל אויף איר, חס-וחלילה, קיין זאַך ניט אויסוואַקסן; ווי זיי מאַטערן זיך נישט אויסצורייסן יעדער גרעזעלע אַפילו; ווי זיי האָבן ניט פאַרפּאַסקודיעט די ערד מיט רויך, דאַמף און אויל; דיביימער אָרומגעשניטן און אויסגעהאַקט און חיות און פויגלען פאַרטריבן — דער פ ר י ל י נ ג איז דאָך געווען פרילינג, אַפילו אין שטאָט".

גרינע גראָזן פאַרמאָגן אַ געוואַלדיקן כוח, זיי גיבן זיך ניט אונטער דעם דאָרן און שטיין און דער ווילדקייט אַרום. די אָרעמע גראָזן זענען סימבאָלן פון עפּעס גרעסערס, פון עפּעס געוואַלדיקס ווען מען דערשפּירט עס, ווען מען באַגרייפט עס. די ליטעראַטור בכלל און פאַר אונדז יידן, די יידישע ליטעראַטור און די העברעיִשע גוטע ליטעראַטור איז בבחינת גרינע גראָזן — וואָס טרייבן צו ליכט, צום לעבן, צום קיום. אין אויערבאַכס אַ ספר דערפילן מיר דעם ריח פון גראָזן, פון דעם פרילינג פון אונדזער אמתדיקער גאולה, פון ייִד אויף בייע וועגן, אין קאַמף, אין מידברדיקן זאַמד, אין גאַנג צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד.

אפרים אויערבאַך זינגט אַ ליד: „אין שטיין איינגעקריצט", אין זיין בוך: „גילדענע שקיעה": „די נאַכט אין מידבר לייִדיק איז און קיל, / די שבטים רוען אינעם שאָטן פון די קאַלטע פאַנען, / זיי זענען יונג די שבטים-קינדער, / פאַרברוינט און פריי און יונג. / זיי זענען ריין, זיי זענען נישט קיין זינדער, / דאָס קול זייערס האָט שוין דעם קלונג פון קופּער, וואָס דאָס פייער האָט געגליט, / דאָס אויג איז שאַרף — אַן אָדלער צום פאַרצוקן, / די האַנט איז אָנגעשטייפט — אַ סטרונע פון אַ בויגן, / דער קאָפּ איז הויך — פאַר קיינעם זיך נישט בוקן, / דער שפּאַן איז אויסגעמאָסטן, קלוג און אָפּגעוווּיגן".

אויערבאַכס בוך „בעקבות הגאולה" — איז נישט אַרכעאָלאָגיע. מיר האָבן נישט צו טאָן מיט שטיינער, מיט מצבות, וועגט און חורבות. מיר דאַרפן נישט לייענען די שטיינער-אויפשריפטן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן מענטש. מיטן יידישן מענטש. מיט גורל. מיט כבוד פאַר ווערטן. פאַר עזרה הדדית. מיר זוכן נישט אין ספר היסטאָרישע קאַפּיטלען פון ווייטער-ווייטער צייט, פון היסטאָרישע מרחקים. מיר זוכן דאָ נישט פראַגמענטן פון דעם אָדער יענעם שבט וועלכער איז אַראָפּ פון דער היסטאָרישער בינע. מיר לייענען קאַפּיטלען פון ברויט, געראַנגל און חלום פון נאָענטן נעכטן, וועלכער האָט אונדז געפירט צום היינט. אָפּט מאָל וואַרפט זיך דורך אַ מיסטיש בילד און איר פאַרשטייט, אַז דאָס בוך איז ניט געשריבן געוואָרן פון אַ טרוקענעם היסטאָריקער, פון אַ ווילן צו פאַרשטיין די סיבות פון דער אָדער יענער גזירה, נאָר שאַפן די גאַנצקייט פון בילד: יע, עס זענען געווען ייִאושדיקע טעג. דער בטחון האָט זיך אָפּט מאָל

געבראַכן. פּרצעס אַן אָוונט אין „הגדוד העברי״ האָט געמונטערט, געוועקט. דער דיסטאַנץ צווישן ווירקלעכקייט און דמיון איז קלענער געוואָרן. אויערבאַך עפנט דאַמבעס און צוימט ניט בכוונה־תחילה דעם טייך, דעם טייך פון געשעע־נישן. ער וויל אויך ווייזן די כוואַליעס און אין דעם איז דער חן וויערבאַכס פון ספר. די שאַרפקייט פון זיין אויג און זיין פּילעוודיק האַרץ און קלאָרער אינטעלעקט האָבן זיך פאַראייניקט צוזאַמען אין דער מסכתּא פון זיין לעבן. געדעכט זענען די וואָס האָבן געזאָגט: שווער צו זיין אַ היסטאָריקער פון יידישן פאָלק, כּמעט אַזוי שווער ווי צו זיין דער טרעגער פון דער יידישער געשיכטע און נישט וויכטיק ביי וועלכע וואָרצלען איר שטייט: ביי סוקעוואַטע דעמבן אָדער ביי יונגע שפּראָצונגען.

אין זיין ליריק איז א. אויערבאַך אַ היסטאָריקער מיט דעם פּענדזל פון אַ קינסטלער. אַ פרישער קוואַל פון נעכטן. מיר לויפן נאָך דעם שטראָם מיט הנאה. מיט אַ סך הנאה.

מנחם באָריישאַ האָט געזוכט זיין גייער אַ סך יאָרן. געזוכט און אים געפונען. ווייל ער אַליין, אין משך פון יאָרן, האָט געזוכט זיך אַליין, געזוכט זיין יידישן הימל. אַ דיכטער וואָס האָט אויסגעטראָגן אין זיך, אין משך פון צענדליקער יאָרן, דורות אין זיין ליד.

אין זיין וואָרט: אמונה און בטחון. געדולד און עקשנות.

כּמעט אַלע יידישע שרייבערס האָבן זיך געהאַדעוועט אין דלות און דחקות, אין פאַריאָגטקייט נאָך פּרנסה, אין פאַרהאַוועטקייט און זאָרג, און דערפאַר טראָגט זייער ליד דאָס קול פון די פאַריאָגטע און פאַרהאַוועטע, דאָס קול פון די וועלכע ברענגען אַהיים דעם קליינעם שכר פאַר זייער שווערער פּראַצע. אָבער דער יידישער דיכטער, צווישן זיי מנחם באָריישאַ, האָט אויך געזען אַ שבת און אַ יום־טוב. געזען די עלטערן נישט נאָר אין וואָכיקן עול, נאָר אויך אין זייער שבת, יום־טובדיקער מנוחה און דערהויבנקייט.

מנחם באָריישאַס ליד פאַרמאָגט אַ פאַרוואָרצלטן יידישן נוסח. אויך די קרעמלעך פאַרמאָגן אַ שבתדיקן נוסח. ער האָט געלעבט מיט תּורה. אין דעם איז באַשטאַנען זיין דיכטערישער כּוח. ער האָט געלעבט מיט אמונה, אויב אַפילו נישט מקיים געווען די מיצוות פון שולחן־ערוך, איז ער געווען כּולו ייִד אין זיין וואָרט, און אויך זיין ליריק איז יידיש ליריק וואָס שטימט מיט זיין פולער יידישער נשמה. אַ נוסח פון אַ יידיש לעבן, אויפצוהאַלטן די מענטשלעכע חשיבות און דערוועקן דרך־ארץ פאַרן יידישן וואָרט.

ליב האָט געהאַט באָריישאַ יידישע געשטאַלטן. ווי האַרציק ער איז מיט זאַוול רימער, וואָס האָט פאַרמאָגט געדיכטע קרויזן, ווי אַ נעגער, ברייט און נידעריק אויף שווערע פיס. די פינגער שוואַרץ פון אַרבעט ביי די כּאָמוטן אין

טאַטנס רימעריי. זאַוול רימער האָט פאַר די אָפּגעשפּאָרטע פּרוטות געקויפט אַ פידל, אויף וועלכן ער פלעגט אָוונטצייט גרימפּלען פאַר די שניידעריונגען. פרעמדע שטיקלעך. אייגענע שטיקלעך. אַ ייִדישער רימער מיט אַ פידל. די קליינע מאַמע פאַר דער טיר האָט אויסגעהערט דאָס גרימפּלען פון איר זאַוול. זאַוול רימער האָט פאַר פערציק קאָפּיקעס אויסגעלערנט נאָטן ביי דעם בעסטן קלעזמער און אויף זאַוולס טיש זענען שוין געלעגן גרויסע בויגנס מיט פּינטעלעך און קייקעלעך און שטעקעלעך. ליב האָט באַריישאַ זאַוול רימערן מיט זיין פידל. דאָס ליד פון זאַוול רימער: „עס ליגט אַ וואָלקן אויף מיין האַרץ / און ווערט גאָרנישט פאַרשווונדן / און קיינער זעט נישט ווי עס פליסט / דאָס בלוט פון מיינע ווונדן". זאַוול־רימער־באַריישאַ האָט אַזוי געזונגען. אַזוי האָבן געזונגען צענדליקער ייִדישע ליריקערס. „עס ליגט אַ וואָלקן אויף מיין האַרץ, / פאַר־שטעלט די זונענשטראַלן / און קיינער זעט נישט אין דער נאַכט / ווי מיינע טרערן פאַלן".

באַריישאַס דראַמאַטיזם און טראַגיק ליגן שוין אין זאַוול רימערס ליד: אַ וואָלקן אויפן האַרץ. אַ שווערער שאָטן. אָבער בענקעניש נאָך דער בת־מלכה, זי זאָל אַרויסגיין אין גאָרטן און וואַרטן דאָרט אויף איר בן־מלך, און ווען די נאַכט וועט קומען וועט ער זי דריקן צום האַרצן: „דו נאָר איינע, דו זאָלסט וויסן / ווי די טרערן מיינע פליסן / און דו וועסט מיר אַלץ פאַרגעבן / ווייל כ'האָב קיינעם נישט אין לעבן"...

מנחם באַריישאַ האָט ניט איבערגעלאָזט זאַוול רימערן און אַנדערע העלדן זיינע איינזאַם אַליין. ער איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. ער איז געווען זייער באַגלייטער. זאַוול מיט זיין פידל האָט געשריבן לידער און באַריישאַ האָט אים ניט איין מאָל אונטערגעזאָגט אַ וואָרט. אַ גראַם און אַן עצה געגעבן: „דו זאָלסט נישט גיין אַהין צוריק, ווו ס'איז געוועזן פרייד און גליק, / נאָר אין דער בענקעניש זיך קערן / ווו ס'איז געוועזן לייד און טרערן".

אַ לאַנגער וועג פון זאַוול רימער ביזן גייער. ביים גייער לייענען מיר אַ קאַפּיטל: „וואָס איז דער זין פון ביכער": זיי ווילן זיך דערגרונטעווען צום תוך פון זאַכן, אויפדעקן אַן אמת פאַרן מענטשן, אַ ציל און ווייזן אים דעם וועג. אַזוי אויך מעשׂה־ביכער. טוט עס דער מחבר? בלויז אויף העלפט. אַ פאָלק מיט שלעפּערס, בעטלערס, שפּלע, געיאָגטע פון שׂונאים דרויסן און באַרייסער אינע־ווייניק — איז דאָס אַלץ? און ווו איז די מחשבה? ווו איז תורה? שבת? קדושה? אַזוי בעצם זעט באַריישאַ זיין פּאָעמע. באַריישאַ האָט געוואָלט אין אַלע זיינע לידער און פּאָעמעס דערגרונטעווען זיך צום תוך פון זאַכן, אויפדעקן אַן אמת פאַרן מענטש, אַ ציל — און ווייזן אים אַ וועג.

ליריק פלוס מחשבה. ליריק פלוס אידייע.

באַריישאַס דיכטונג זוכט העכערע מדרגות. געהאַלטן זיך ביי די פּאָלעס

פון פּרצן. געזוכט אַ וועג צום לעבן פאַר זיך און פאַר זיינע געשטאַלטן. שטייגנדיק האָט דער גייער געזען דאָס רויט פון דער זון און די נעפּלען און דעם צעפינקלטן טוי פון נאַכט, און אַלע פייגל פון אַלע ווינקלען, — און אַלע טעמעס פאַר זיין ליד. אויך אין דער מסיבה פון זונען און נעפּלען — די מחשבה פון ספקות און אמונה. אַלץ פאַרקלעמט דאָס האַרץ און די מחשבה. אַלע „טאָמערס", אַלע „הלמאיס", אַלע „פאַרוואָסן". דער דיכטער ווייס ניט מער ווי דער פויגל וואָס טרילערט, אָבער ער וויל וויסן מער. דאָס האַרץ וויל ריידן, און דער דיכטער, דער גוטער ליריקער באָריישאָ, האָט אַ האַרץ וואָס גאַרט צו פאַרנעמען, פאַרנעמען קלאָרקייט, צווייפל, קשיות, תשובות, סודות, רמזים, אַלץ — אַ שליסל פאַר זיין ליד.

אַ דיכטער פון טויִקע גראָזן און סודות. איין בונד מיט ליכט און נעפּל.

דורך וואַלד און ייִשוב גייט באָריישאָ מיט זיין גייער. פון טייך צו טייך. פון קוואַל צו קוואַל. פון כוואַליע צו כוואַליע, פון שטראָם צו שטראָם. און אומעטום מיט זיין גייער זיך געגראָבן אין דער טיף, געפרעגט אויף אַפילו קיין מאָל קיין תשובה ניט קריגן. געוואָלט וויסן דעם עצם זין פון גראָבן, דעם זין פון פרייען ווילן גיין און אויסקלייבן אַ וועג. שליחות. ער אַליין, באָריישאָ, אַ טייך וואָס פליסט מיט ריטשקעלעך און שטראָמען, אַ טייך וואָס פליסט מיט שפע וואַסערן. געשפיגלט זיך אין הימלדיקע טיפן. געכמורעט אין טיפע כמאַרעס, געשלונגען ביי נאַכט די שטערן. אַזוי איז דער וועג פון גרויסע ליריקערס, אַ טייך וואָס פלייצט און רייסט ביז אויסגעטראָגן און אויסגעפלייצט אַ מחשבה. מנחם באָריישאָ — אַ דיכטער, אַ בעל־מחשבות.

אין דער פּראָזאַיִשער הקדמה, וואָס איז כולו דיכטונג, צו זיין בוך לידער: „טריט אין די בערג", אַרויסגעגעבן אין 1939 אין פאַרלאַג „חורבן", אין מעקסיקע, שרייבט יעקב גלאַנץ: „איך וויל דיך ניט פאַרפירן. איך וויל דיך נאָר אַריינפירן אין די נשמהדיקע פּייזאַזשן מיינע וואָס איך האָב אויסגעמאָלן אין אַלערליי וועטערן, — קיין רעצעפּטן פאַר דיין אייגענעם פּיין זוך נישט ביי מיר. נעם מיין ליד אַזוי ווי ס'איז. מיר גייען אונדזער וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט פון גורל און מיר פאַרלירן אונדזערע טריט אין דער פאַרגאַנגענהייט; דער דיכטער קומט און קלייבט זיי שפּעטער אויף און וויל זיי רעסטאַווירן: געלינגט אים — איז גוט, אלא נישט — איז אויך גוט. פאַראַן ביי יעדן דיכטער מאָטיוון וואָס קומען און גייען אַוועק".

אין יעקב גלאַנצס „טריט אין די בערג" און אין די טאָלן, איז פאַראַן אַ שפע פון בילדער, פון מעטאַפאָרן, האַרבסט־פּייזאַזשן, אָבער אויך פרילינג־פּייזאַזשן. אַ וועג פון וואַנדעריש און וואָגל און אין זיין וואַנדערוועג דער כוס פון שירה ביז איבער די ראַנדן. ער האָט אויפגעשלאָגן זיינע געצעלטן אויף ייִדישע שטחים,

מיט זיין פייפל אין מויל, אַן פּויק און אַן טרומייטן. אַ מאָל — אַ בוים מיט פּולע בלעטער און צווייגן צו דער זון, און אַ מאָל, ווי יעדער גוטער דיכטער, אַן אָפּגעבראָכן וואָרצל. אין די סתירות לעבט דער דיכטער, און אין די סתירות: ווייַ און ווונדער. אָט ברענט דער וואַלד און אין דער שׂרפה — ייִדיש לעבן, און אָט אַ לאָגל טרייסט. ווייל ווי קען דען אַנדערש זיין: „על נהרות בבל" און „נחמו נחמו", אַ צווילינג פון ייִדישער יצירה. אויך אין אַן אָפּגעברענטן וואַלד זינגען פייגל. און דאָס ליד פון דיכטער: „ציטערדיקע צאַרטקייט / פון אַ וואַלד פון נאָך אַ שטורעם".

אַ דיכטער פון זיגזאַגן. אָפּענע טויערן צו דער וועלט, און דער טראָפּ אויף ייִדיש לעבן. ווי געזאָגט: מאָטיוון וואָס קומען אָן און גייען אַוועק. אין „טריט אין די בערג" — פּייזאַזש, און אין פּייזאַזש די פּריסטע קינדהייט, ווען שטורעמס האָבן זיך געקליבן אין וועג אַריין. די ערשטע וועלט-מלחמה, שפּעטער די רעוואָלוציע. שטראָמען וועלכע האָבן אַוועקגעשלעפּט דעם דיכטער צו וואָגל-און וואַנדער-וועגן, צום בייטש פון פּחד און אויפן גייסטיקן געביט: נשמה-ריס פון ייִדישן אינטעליגענט, גאָטזוכעניש אויף אַלע שליאַכן. איז זיך מודה דער דיכטער יעקב גלאַנץ אַז ייִדיש לעבן האָט אים אויסגעזען ווי נעפּלדיקע פּלאָנ-טערנישן. און אין די נעפּלדיקע פּלאָנטערנישן זוכט אַ יונגער דיכטער זיינע שטחים, שטחים גייסטיקע, פּראָדוקטן פון צעשפּליטערונגען און בראָכן. זיין צונג לויפט און יאָגט מיט שרייענדיקן אימפּעט. אויף צעגרינטע פעלדער אין מעקסיקע, אין דער פרעמד, פילט שוין דער דיכטער אין די ערשטע טעג, אַז אויך אַהער טרייבן אָסיענדיקע שטורעמווינטן. אַז אויך דאָ איז נישטאָ קיין מנוחה. אַז די צעגרינטע פעלדער זיינען ניט זיין נחלה, און די מערק פון די פּויערן — פרעמדע, ניט זיינע; און אויב דאָס לאַנד איז באַטרונקען מיט זוניקער פרייד, איז עס ניט זיין פרייד. דאַכט זיך אַז דאָ שטייט דער העברעיִשער דיכטער חיים נחמן ביאַליק און צוזאַמען מיט אים זינגט גלאַנץ דאָס ליד: „אין פעלד" — „איך פאַל צו דער ערד צו דער פייכטער, פאַרגראָב איין אין איר טיף מיין פּנים / און וויין אויס מיט ביטערע טרערן דעם ווייטאָג דעם גרויסן פון האָרץ. / דו, מאַמע, דו, ערד, די געבענטשטע, פאַר וואָס, זאָג, פאַרטיילסטו פון מיר נאָר / דיין געטלעכע הימלישע ברכה? ווי גרויס איז און טיף איז מיין שמאַרץ..."

די זאַנגען ניט זיינע. דאָס ליד פון די פּויערן — ניט זיין ליד. די טיף-בלויע הימלען פאַרצויגן איבער זיין קאָפּ — נישט זיינע הימלען, און דער גאָט אין זיי — אַוודאי און אַוודאי — ניט זיין גאָט. אַ טונקעלער שאָטן אויף די פעלדער. דיכטערס רופן זיך איבער ווי לייבן אין וואַלד. דאָ רופט זיך איבער אַ ווונדער-לעכער העברעיִשער פּאָעט מיט אַ יונגן ייִדישן דיכטער: „ניט איך האָב אַ וואַרעמען רעגן פאַר זיי ביי מיין גאָט אויסגעבעטן, / ניט איך האָב מיט שווייס פון מיין פּנים דאָס פעלד באַדעקט ווערנדיק מיד, / אין שניטצייט — אויף זיי

וועט ניט פאַלן מיין פריילעך, מיין קלינגענדיק ליד". נאָר אין זיין בוך: „פון אַלע נע־ונדן?" — אַן אַנדער מאָטיוו; לאמור — אַזוי צו זאָגן: „זיסקייט פון רו און פון פרידן / אויף גאָטס ערד. / אַ מחנה ייִדן / מיט ווינטיקע בערד / דאַוונט מינחה, / אָוונטפעלד דאַוונט מיט. / די גאַנצע וועלט / אַ תּפילה־ליד. מיט גאָט באַהאָפטן / איז גרינגער צו קומען אַהיים, / אויף גאָט געהאָפטן / וואַרט יעדער אין געהיים. / די מחנה וואַרט / און גאַרט / די שעה / פון גאָט ברוך־הוא. / די שעה פון רו / איז דאָ דערנעבן — / טויט וואָס פורעמט דאָס לעבן".

דאָס ליד „זיסקייט פון רו" איז געשריבן געוואָרן אין ירושלים. פון „טריט אין די בערג" אין 1939, ביז דאָס ליד פון „זיסקייט און רו" און פרידן איז אַ מהלך וועג. אָבער אויך דאָ, אין מעקסיקע, ערב דעם צווייטן וועלטשטורעם, שטייט ניט פאַר אונדז אַן אָבלדיקער דיכטער. ווייל גלויבן איז דער יסוד פון זיין ליד. און אויך דאָ גלייבט דער דיכטער אַז דער טאָג וועט קומען, אָט יענער טאָג וואָס איז פאַרשריבן אין די ביכער, דער טאָג ווען די אַלטע פרייד וועט דערוואַכן, ווען דער טרויער וועט אַוועק, ווען ער, דער דיכטער, וועט אָנקומען אין אַ לאַנד, אין אַן אויסגעטרוימטן לאַנד „וואָס ערגעץ שטאָלצס און בליענדיקס גייט אויף". און דערווייל — די ערשטע אומעטיקע טריט פון דיכטער אויף די מעקסיקאַנער גאַסן. דאָ גייט ער אַרום מיט אָפענע און דאָך בלינדע אויגן וואָס זוכן אין אַלע ווינקעלעך אַ צאַפּל פרייד. און דערווייל — ערשטע אומעטיקע טריט און דער דיכטער שניידט אויף וואָר גראָבע פּענעצן פון גרויקייט.

אויף די היסטאָרישע בלעטער איז פאַרשריבן אַ לעגענדע: די לעגענדע האָט עטלעכע ווערסיעס. איין ווערסיע פון דער לעגענדע וויל האָבן אַז ווען פּאָנטוס פּילאַטוס' סאָלדאַטן האָבן געפירט קרייציקן דעם אומגליקלעכן גאָט יעזוס און ער — אַן אומבאַהאָלפענער, שוואַכער און איינזאַמער — איז געפאַלן אונטער דער לאַסט פון זיין שווערן צלם וואָס מ'האָט אים געצוווּנגען צו טראָגן, האָט זיך אין יענעם מאָמענט געפונען צווישן דעם המון, וועלכער איז אים נאָכגע־גאַנגען — אַ יונגער־מאַן, אַ זון פון אַ ייִדישן שוסטער, וועלכער זאָל אים האָבן געוועזן נאָכגעשריִען: „גיי, גיי דו פאַראורטיילטער גאָט!" אויף וואָס קריסטוס האָט אים געענטפערט: „איך גיי, אָבער דו וועסט וואַרטן ביז איך וועל צוריק־קומען". אַ צווייטע ווערסיע דערציילט: אַ ייִדישער שמיד איז נאָכגעלאָפן יעזוסן, האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט אַ שטיק אייזן און דערפאַר האָט אים יעזוס פאַרשאָלטן. און נאָך אַן אַנדער ווערסיע זאָגט, אַז אַ ייִדישער יונגער קאַפּיטאַן פון דער רוימישער אַרמיי, פּאָנטוס פּילאַטוס, אַ הויפדינער, האָט אים באַליידיקט. וועלכע ווערסיע עס איז די ריכטיקע און צי איז אין אַלגעמיין פאַראַן אַ היסטאָ־רישער קערן אין דער לעגענדע, איז ניט וויכטיק. וואָס עס אינטערעסירט אונדז איז די קללה פון קריסטוסן, אַ קללה וואָס האָט אין דעם צווייטן וועלטשטורעם באַגלייט דעם האַקנקרייץ: וואָס אונדז פאַראינטערעסירט — איז דער מאוימ־

דיקער פאַקט אַז די דאָזיקע לעגענדע איז אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון פינצטערע קריסטלעכע מאַסן פון אַלע פעלקער. דער געלעסטערטער איז אַכאַסווער — דער וואַנדערער.

אין אַ סך לידער זעט זיך דער דיכטער יעקב גלאַנץ, ווי דער אַכאַסווער, דער וואַנדערער, דער נע־ונדניק, און נישט אומזיסט האָט ער אַ נאָמען געגעבן איינעם פון זיינע ביכער מיטן נאָמען: „פון אַלע נע־ונדן". אין אַ סך לידער זינגט ער אויס דעם אייביק יונגן וואַנדערער, וועלכער באַאומרויִקט די וועלט, מאַכט רעוואָלוציעס, גייט אויף באַריקאַדעס. דער וואַנדערער וועט נאָך גרייטן דעם טיש פון דער וועלט מיט זשמעניעס ליכט. די וועלט אין שיכּרות פון ווייַן, דער ייִד — אין שיכּרות פון געוויין. די וועלט אויף טאָלן און בערג פון טאָג, דער ייִד — אַ צעשוימיקטער אַריבער די ברעגעס פון דער נאַכט. אָבער דער דיכטער ווייס, אַז אָן די געוועבן פון נע־ונדניק, פון אַכאַסווער, איז אומעטיק אויף דער וועלט. אַכאַסווער האָט זיין אייגן לעבן, און אויב אַפילו שיילאָק זיצט ביי אַ טישל און ציילט זיינע דוקאַטן, און אויך אים זעט דער דיכטער אויף דער אַרענע, גלייבט ער דאָך, אַז דעם נע־ונדניקס גלאָקן וועלן אויפוועקן די וועלט פון דרימל און פון שימל און מעפּיסטאָפעל וועט לאַכן זיין לעצטן געלעכטער.

איך האָב ליב אַ דיכטער וואָס ווייס ניט פון קיין ריס צווישן געפיל און געדאַנק. כ'האָב ליב גלאַנצן ווייל ער פילט און דענקט. אויב אַפילו ער מאַכט אַ מאָל קאַזשעלקעס מיטן גראַם און מיט זיין ייִדיש לשון, בין איך אים מוחל, ווייל ער בויט אַ בריק אויף וועלכן ער גלייבט אַז זיין וואָרט וועט אַריבער צו געפיל און געדאַנק.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אַ מאָל פאָרמולירט דעם עצם וועזן פון ליטעראַטור, אַז דאָס שטיקווירקלעך לעבן ווערט אַריינגעשטראַלט און אַרויס־געשטראַלט אַן אָפּגעשאַצטער אין געפיל. נישט גערעכט איז ד"ר זשיטלאָווסקי. דער עצם וועזן פון דער ליטעראַטור איז דער צווילינג פון געפיל און מחשבה. דער צווילינג פון האַרץ און מח. די פּראָבלעם איז נאָר די, ווי מיין משהלע קאָברינער, דער באַרימטער חסידישער רבי, האָט אויסגעטייטשט: צֹהר תעשה לתיבה: „שטראַל אַריין אין וואָרט". פאַרטאַכלעווע נישט דיין טאַלאַנט. זיי נאָענט צו הימלען און צום ערדישן געטומל. ביידע קענען ווערן אָפּגעשאַצט נאָר דורך די צוויי כּוחות: עמאָציע און לאָגיק. פון דעם ברונעם שעפּט גלאַנץ זיין ליד, און נישט גערעכט זיינען די קריטיקערס וועלכע האָבן נישט געזען גלאַנצן זיך דראַפּענדיק אויפן הימלישן לייטער און נישט געזען זיינע פיס אויף דער ערד.

אין זיין ווונדערלעכער פּאָעמע „קריסטאָוואָל קאָלאָן", דער שפּאַנישער נאָמען פון כריסטאָפאָר קאָלומבוס, זינגט דער דיכטער: „מענטש זוכט וועלטן נייע, / די אַלטע וועלט פאַרניכטעט — / ערגעץ ברענט אַ פייער / און באַלייכט גע־

שיכטע״. עטוואָס פון דעם פייער וואָס באַלייכט געשיכטע האָט געשטעקט אין גלאַנצן. ער האָט געזען אין פערצן צוויי און נײַנציק דעם ייִד וועלכן מ׳פירט צום שייטער, די מענטשן וועלכע לויפן, שטראָמען און אַנטלויפן פון דער מאווימדיקער אינקוויזיציע און דעם העלדישן קאָלומבוס מיט די דריי ברידער זוכנדיק נייע אינדזלען. ער האָט געזען דעם באַרימטן ייִדישן געלערנטן פון פופצנטן יאָרהונדערט איסאַק אבֿרבנאל, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן קאָלומבוסן מיט ראַט און מיט טאַט און אויך איזאַבעלען און פערנאַנדן אין זייער חשכות, אַכזריות און ייִדן־שׂינאה. צייט איז אייביק און דער קאַמף איז אייביק. נישט נאָר אייביק איז דער קאַמף, נאָר אויך הייליק. „דער קעמפער הינטער קראַטן ווערט פאַראייביקט דורך די טאַטן״ — זינגט גלאַנץ אין „קריסטאָוואָל קאָלאָן״ — „און איןווילדן ים־געזאַנג / איז דורות דראַנג / פון האַר און שקלאַף, — סוף און אָנהייב פון באַשאַף״. געזונטע מחשבה איז נישט קיין שטרויכלונג פאַר עמאָציעס. אין זײַן נאַכטיקן וואָגל האָט ער געזונגען זײַן ליד, אַ מאָל ווי אַ תּפילה און אַ מאָל ווי אַ גלאָק. אַ מאָל מיט קליינע פּערלדיקע ייִדישע אותיות און אַ מאָל לבֿנה־שריפט. קיין מאָל ניט אַנטלאָפן נישט פון חלום, נישט פון וואָר. אָנגעלאָדן מיט בענקעניש, בענקענישן מיט חן־גריבעלעך. אַ מאָלער, אַ מאָל מיט גראָ קאָליר, אַ מאָל מיט בלויע פאַרבן. אַ נעכטיקער און אַ הײַנטיקער, איבער די שטחים פון געשיכטע און אין זיינע ייִדישע הײַנטיקע ד׳ אמות. מיט אַ סך פאַרבנשפּיל, ווי אַ רעגן־בויגן.

דער לאַטיינער זאָגט: „האַבעאַנט סואַ פאַטאַ ליבעללי״. ביכער האָבן זייער מזל. אויך דיכטערס האָבן זייער מזל. דאַכט מיר, און אפשר טעות איך זיך: יעקב גלאַנצן האָט ניט באַגלייט דער פּאָפּולערער מזל, כ׳וויל אים נישט אָנרופן: דער פּאָפּולערער מזל פון גאַס און יריד, בחזקת: שמור לי ואשמור לך. נישט שטענדיק האָט מען געזען זײַן וואָרט אין חשיבֿותדיקן דיכטערישן ייִדישן קיום, ווי אַ חשובֿע רינג אין דער קייט, צי אַ גאָלדענע, צי אַ זילבערנע, צי גאָר פון שטאָל געשמידט. אפשר האָט מען אים ניט מוחל געווען וואָס ער האָט געשריבן אויך מיט שׂכל. און אַנשטאָט צו זאָגן: ער שרייבט קלוג, האָט מען אונטערגעברומ־קעט: ער קליגלט זיך. און ס׳איז אַן אונטערשייד פון שרייבן קלוג, מיט שׂכל, און קליגלען זיך. גלייבט מיר, אַז איך קען זיי. די וועלכע קענען ניט אונטער־שיידן צווישן קלוג זײַן און קליגלען זיך. יעקב גלאַנץ האָט זיך געוואָרפן אויף אַ סך טעמעס. ער האָט געוווּסט שׂימחה פון יצירה און געגאַנגען זײַן וועג מיט זײַן יחידישער בענקשאַפט. ער איז געווען אַ בעל־פּלוגתּא צו זיך אַליין, און דערפאַר: אַוועק פון ליד צו עסיי, פון עסיי צו פאָרשונג, פון קורצן ליד צו פּאָעמע, פון וועלט צו ייִד. ער האָט געשניטן פּאַסן פון אַ סך שטחים. מיר האָבן געהערט קולות און עכאָס. ער האָט געוואָלט אויף איין צוזאַמענטרעף־פּלאַץ צוזאַמענברענגען זײַן ליד און עסיי, און מאַכן זײַן סך־הכּל. נאָר דער סך־הכּל

איז אַנטלאָפן פון אים און אין היכל און שפּייכלער פון ייִדיש איז געבליבן אַ נאָמען פון אַ דיכטער: יעקב גלאַנץ.

אַ. אַלמי איז געקומען מיט געזאַנג און געוויין. ער האָט זיך געשפּילט מיט גאָט און געהאַט צום בורא־עולם אַ סך גערעכטע טענות. גאָטס צייטפּאַרטרייב איז ברענגען חורבן און דאָס האָט אים פאַרדראָסן. געפרעגט האָט ער שאלות, צי איז אויף דער וועלט ניטאָ קיין ליכט און פרייד? איז פאַר וואָס דאַרף גאָט זיך פאַרנעמען מיט גיפט און גאַל? אויב גאָט איז אַלץ, און יעדער איך און יעדער דו איז גאָט; אויב בלומען און דערנער, עקרותדיקע ביימער און פרוכט־ביימער זענען גאָט, איז פאַר וואָס אַזוי פיל אומגליקן אויף די וועלטשליאַכן?

געשטעקט האָט אין אַלמין בענקעניש נאָך פּשוטן ברויט, נאָך גראָז, נאָך רו, און דאָ זוכט דער דיכטער די חכמה פון זיין פרוכט. וואָס זשע זעט ער: „די חכמה שרייט פון פּולעמיאָט, / פון יעדער שרויף, פון יעדן ראָד, פון יעדער באָמבע, יעדער קנויט, / וואָס שפּרייט פאַרוויסטעניש און טויט / אין סוויסטשען פון שראַפּנעל — זיין קול, / אויף בראָך און אומגליק אַזאַ קול. / טיילסט אויס יסורים מיט פולער האַנט, / פאַר יעדן פאָלק, פאַר יעדן לאַנד...״ געזוכט האָט דער ליריקער א. אַלמי דעם אל־מלא־רחמים און געפונען האָט ער דעם אל־מלא־זעם. דער טראָן פון מלך־המלכים אין אלמיס ליד שאָקלט זיך. דער גאָט פון אומזין און חורבן איז ניט זיין גאָט. דער גאָט פון גריבער און פלאַמען — איז ניט דער אל־מלא־רחמים וואָס ער זוכט אים אויף אַלע וועגן.

אין תּפילה שטייט אַלמי און בעט, אַז די פייערן זאָלן אַ וועלט נישט צינדן. אַלמיס איוב איז ניט דער איבערגעבעטענער איוב פון תּנ״ך. איוב בלייבט אין אַלמיס ליד ווי אַ יסורים־מענטש וואָס הייבט אַ פויסט קעגן גאָט, אַ באַשעפער וואָס זיין טראָן זינקט אין בלוט פון דורות. און איוב מאָנט אַ חשבון, אַ חשבון פאַר דורות, וועלכע לעבן אין שרעק, אין שרעק פאַר טויט, אין שרעק פאַר יסורים...

אַ ליריקער צווישן ליכט און פינצטער, צווישן זיין־ניט־זיין.

געצויגן האָט אים צו שמועסן וועגן דורותדיקע געשטאַלטן. ער האָט געוואָלט הערן דעם שמועס פון דיאָגעניסן און באָנטשע שוויַיג, פון בודאַן און שפּאָלער זיידע... נישטאָ קיין נאַקעטע דורות. אַלע דורות זענען אָנגעלאָדן מיט פרוכטיקע ביימער, מיט וואָרצלען. אַלע דורות האָבן איבערגעלאָזט קולטורווערטן. וויל דער דיכטער זיי לאָזן ריידן. ער וויל וויסן צי דער בעל־שם־טוב קען פאַר־נעמען בודאַס רייד און וויצע ווערזאַ. אַלע דורות פאַרמאָגן חלום. דמיון. וויל ער אַז די דורות זאָלן זיך טרעפן און זאָלן זיי זיך דורכריידן. וואָגלט אַלמיס דיכטונג אין בודאַס וואָגל, אין ניט־זיין און אין בענקעניש נאָך די שטערן און הימלס פאַרב. מיט יעקבן גייט אַלמי. עס באַגלייט אים דעם פאַסטעכס פלייט.

עס באַגלייטן אים קוואַלן. קינדער אין גאַנג טוליען זיך צום גייער. אויך רינדער און עופות, אויךביימער און צווייגן. דאַכט זיך אַז אויך דער דיכטער זאָגט אין גאַנג — מאַכט אַ וואָרע פאַר אַלמין. אויך ער איז אַ גייער. שפּאָרזאַם אין וואָרט. אַ וואָרט — אַ רענדל. דער עיקר אין ווונדערלעכן ציקל: אמר ר׳ יוחנן הסנדלר. דאָ קלאַפּט אַריין אַלמי אַ שטיפט נאָך אַ שטיפט אין ליד, ממש ווי יוחנן הסנדלר.

אַ סך פילאָסאָפיע אין זיין ליד. „ווער ס׳שפּאַנט און ווער ס׳איילט זיך / ווערט אַלץ איינס נישט דעריאָגן”. אָט האָט זיך אַלמי געאיילט, אָט האָט ער געשפּאַנט רויִק, געלאַסן און ער איז נישט אָנגעקומען צו די הימלען, צו די שטערן, צו אַ זשאַרקעלע רו. אָבער אָנגעקומען איז ער צו ליריק. צו ליד: „אונדזער וועלט איז אַזאַ שטיוול. / וואָס וואָלט וועלט געווען אָן מענטשן וואָס זאָלן דעם באַשעפערס ווונדער באַוווּנדערן און בענטשן?”

אַן איינזאַמער געווען אין געראַנגל מיט מחשבה און עמאָציע. אין געראַנגל מיט טויט און אומשטאַרבלעכקייט. געוואָלט פאַרשטיין אין ליד, צי איז טאַקע אמת אַז דאָס לעבן איז אַ פּראָצעס פון שטאַרבן, צי ס׳איז אמת אַז באַלד ווי דער מענטש ווערט געבוירן הייבט ער אָן צו שטאַרבן. דאָס האָט אים געשראָקן. ער האָט זיך ניט צוגעוווינט צום טויט, און דאַכט זיך אַז ער האָט אים געזוכט. ער האָט ניט שלום געמאַכט מיט אים און געזען — טראָץ זיין טראַגישן סוף — אַז דער טויט ווערט אויפגענומען ווי אַ מוראדיקע טראַגעדיע. ווי דאָס וואָלט געווען אַן אומגעריכטע, אומדערוואַרטע קאַטאַסטראָפע.

ספּינאָזאַ זאָגט אין זיין „עטיק”, אַז „אַ פרייער מענטש טראַכט ווייניקער ווי אַלץ וועגן טויט... זיין חכמה באַשטייט אין מעדיטירן נישט וועגן טויט, נאָר וועגן לעבן”. דאָך פאַרנעמט זיך ספּינאָזאַ אַליין יאָ מיטן טויט און אין דער „עטיק” קערט ער זיך כּסדר אום צו די פּראָבלעמען פון טויט און השארת־הנפש. מעטערלינק אין זיין עסיי וועגן טויט זאָגט: „וואָס מער אונדזערע געדאַנקען ראַנגלען זיך צו פאַרטרייבן דעם טויט פון זיך, אַלץ ענגער פּרעסט ער זיך אַרום אים”. מעטערלינק האָט דעם עסיי געשריבן פאַר אַלמין...

אַ. אַלמי האָט מקנא געווען יוחנן הסנדלר וואָס מיט זיין יעדן קאַפּול קומט אָן דער גרויסער חלום פון דער וועלט: די מחשבה ביי דער אַרבעט. זעט ער: אַלץ וויל האָבן אַ געשטאַלט, דער שטיין, דאָס שטאָל, דער וועג אין וואַלד, די לעדער, ס׳אייזן און דאָס ברעט, פון אַלצדינג טראָגט זיך אַ געבעט: „בן־אדם, גיב אונדז פאָרעם, גיב אונדז תּוך, לייז אונדז אויס פון טויטן יאָך”. אַלמיס ליריש ליד מיט גלוסטעניש און צער האָט געגעבן געשטאַלט צום מענטשלעכן געבעט, צו זיין באַריר אין דער וועלט. ער האָט זיך מזווג געווען מיט יוחנן הסנדלר ווייל ער האָט געזען ווי דער פּשוטער שוסטער גיט אַ געשטאַלט דעם רויען לעדער: אַ שיכעלע. אַ מוסטער.

מאיר שטיקערס ליריק נעסטעט אין יידישער לאַנדשאַפט.

אַלע פייערן ברענען אין די פעלדער פון דער נאַכט. ווער איז דער שומר? ווער איז דער היטער פון יידישער לאַנדשאַפט? ווער קען פאַרלעשן דאָס פייער ווען ער צעפלאַקערט זיך רישעותדיק אין זאַוויערוכע־נעכט? נישט נאָר ערד איז פול מיט ווונדן. אויך דער הימל. ווייל פון וועמען קען דער דיכטער בעטן, פאַדערן יושר? גערעכטיקייט? אַ ביסל חן אויף די וועלטישע שליאַכן? דער דיכטער טענהט אַז די נאַכט באַהאַלט זיך אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן. אָבער מאיר שטיקערס אויגן זעען. קומסט אָן אין זיין לאַנדשאַפט און יידיש לעבן צאַפּלט זיך. נישט מיט קאָמפּליצירטע מעטאַדן, נישט מיט אַנאַליזן, נאָר פּראָסט און פּשוט: דער גורל פון ייד קומט דיר אָן אַנטקעגן. ווייל מיר קענען יענע לענדער ווו דער ייד איז געווען דער נע־ונדניק: „קענסטו דאָס לאַנד ווו די רדיפות בליִען / אויף אונדזער לעצט געזינד — און ווו די רוצחים קניִען, / ניט צו צלמים איצט, נאָר צו אַ רויטן האָקן? / — איך קען דאָס לאַנד, איך קען זיי די פּאַליאַקן".

דער יידישער דיכטער לעבט אין זכרון פון אַלע פאַרגאַנגענע טעג. אויך מאיר שטיקער. דער דרדקי מלמד קומט אים אָן אַנטקעגן און לערנט מיט אים פון דאָס ניי אַלע פּרשיות פון די אָבות און אמהות. פון דאָס ניי יאָמערט די מאַמע רחל. פון דאָס ניי דער אַלטער קנויט וועלכער ווערט ניט פאַרלאָשן ביז די פּרשה ווערט ניט ביזן סוף אויסגעלעקט. אַ קאָנסעקווענטער אין זיין גאַנג אין יידישער לאַנדשאַפט. זי האָט אויף אים אַ שטאַרקע שליטה. יעדער פאָלק איז באַשאָנקען מיט געוויסע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, סיי פון דעם גוף, סיי פון דער נשמה, סיי פון זיין לאַנדשאַפט. אייגנשאַפטן גייען איבער בירושה. זיי קומען אָן פון דורות צו זיין דרדקי מלמד און פון דרדקי מלמד צום יידישן דיכטער. דער דיכטער נעמט אַרום אַלע דערשיינונגען פון זיין יידישער לאַנדשאַפט, ער רעאַגירט אויף די דאָזיקע דערשיינונגען, נישט ווי אַ היסטאָ־ריקער, אַ חקרן, נאָר ווי אַ ליריקער פאַר עקסעלאַנס. אַ באַזונדער אופן פון רעאַגירן. אַ באַזונדער קוק אויף די יידישע קולטורעלע אוצרות.

אין שטיקערס יידישער לאַנדשאַפט באַשטימטע שטריכן פון גוף און נשמה פון ייד. אַלע ניגונים אין זיין ליד, אַפילו דער חסידישער ניגון וואָס ווימלט אין אַ חסידישער קלויז. דער מעשענער גלאָק זאָגט אָן פאַגראָמען. מלחמת גוג און מגוג קלייבט זיך אויף דער וועלט. אין רישעותדיקער וועלט אַ תפילה פון מאיר שטיקער: גאָטס פייערפלאַם זאָל ניט פאַרגיין אין וואָלקנרויך. דער יידי־שער דיכטער וועלכער האָט אָפּגעלעבט זיין לעבן אין אַמעריקע האָט געוווּסט קלאָר און דייטלעך, אַז ער עלטערט זיך אין אַ לאַנד וואָס איז ניט זיין לאַנד, אַז ער איז געקומען מיט אַ קמיע און אַן איינציק העמד פאַרזייען זוימען אין דער געלער ערד, וואָס איז ניט זיין ערד. און דערפאַר ווערט דער דיכטער: „צו

ביסלעכווייז פאַרצערט״. אויך דאָס שטעטל אין זיינע לידער. ווי קען דען אַנדערש זיין. מ׳רעדט דאָך וועגן ייִדישער לאַנדשאַפט. מ׳רעדט דאָך וועגן אַ ייִדישן פּנים, וועגן ייִדישן „באַוווסטזיין״. דאָס שטעטל — אין די בלוטן. אַ מאָנומענט פון דער אַלטער וועלט, ווו עס ווערט אָפּגעצייכנט ייִדישע לאַנדשאַפט. דער חומש־ייִנגל אויף די שנייען. דער אַלטער זיידע וועלכער האָט צוגעזאָגט צו שענקען אַ זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט, „אויב דו וועסט זיך אויסלערנען אַלע ייִדישע אותיות״... דער קאַנטשיק. די געוועלבער. דער מילנער. דער גאַנצער ייִדישער אַרום. ממש — אַ שטיק קולטור־געשיכטע פון ייִד. אַ שטעטל מיט פּשוטע ייִדן און גרויסע ייִדן. אַן אָביעקטיווער היסטאָריקער קען אַרויסנעמען פון שטיקערס דיכטונג אַ סך שורות כּדי צו געבן ייִדישע לאַנדשאַפט.

אַלע ייִדישע דיכטערס זענען געווען רעפּרעזענטאַנטן פון די שטומע נשמות. תּלמידים פון י. ל. פּרץ. אויך מאיר שטיקער: אַ רעפּרעזענטאַנט פון שטומען. פון בלינדן. פון טויבן. דער דיכטער ברענגט זיי די לבנה צו זייער היים.

די עקזיסטענץ פון מאיר שטיקערס ליריק לעבט אין דער ייִדישער היים. דאָ איז זיין געגנט. אַ געגנט וואָס לייגט אַרויף אויף זיין ליד אַ שטעמפּל פון אומרו. פון צאַפּל. פון אַנגסט. דער אַקטיווער ייִד — אַ טייל פון זיין דיכטונג. אַ באַוווסטזיניקער ייִדן־„איך״. דאָס קינד פון דער ווייטנס בענקט אַהיים. אַ בענקעניש פון אַלע ייִדישע ליריקערס. די שאלה איז אָבער שטענדיק פאַרבליבן: צו וועלכער היים. אָבער אַ דיכטער וועלכער טראָגט אין זיינע טיפסטע טיפענישן די שטראַלנדיקע פּסוקים פון תּנ״ך, און די פאַרטרערטע אַלטווייבערישע תּחינות, פאַרמאָגט אַן אייגענע בענקשאַפט נאָך אַ היים, וואָס זאָל אים ניט זיין פרעמד.

אויב מיר וועלן אָננעמען די דעפיניציע אַז ליריק איז יענע שורה ווו מענטש און נאַטור פליסטערן זיך אויפן אויער, דאָרט ווו די נשמה איז אין דער נאָענטסטער און אינטימסטער באַציִונג מיט דער וועלט און אירע זאַכן און איר אַרום: דאָרט ווו דו פילסט און דו הערסט די מיסטעריעזע שטילקייט און די צאַרטע ווייכקייט פון רו אין קלעם פון נאַטור, אין די אָרעמס פון באַרג און טאָל, פון נאַכטיקן וויי, פון סודותפולן שעפּטש אַרום בוים; אויב מיר וועלן אָננעמען די דעפיניציע אַז ליריק איז דראַנג צו חן, צו שיינקייט; דאָס בענקען נאָכן אומקלאָרן און ווייטן, נאָך דעם אומדערגרייכלעכן סוד; אויב מיר וועלן אָננעמען די דעפיניציע אַז ליריק איז די שפּראַך פון דער נשמה, אַ הימל אַן אויסגעשטערנטער און ערד מיט צמחים און אַרום — שקיעה און זונאויפגאַנג און צווישן זיי און אין זיי אַ סך ליבע און אַפילו אַ זשאַרקעלע געשלעכט — איז ב. י. ביאַלאָסטאָצקי דער ליריקער.

ווי אַלע גוטע ליריקערס — אַ לעבן אין סתּירות: אַ ליד אין שרייִקייט. אַ ליד אין שטיל. דער טאָג שווייגט אין ליכטיקייט, נאָר כמאַרעס אויף די הימלען

שווייגן ניט. פשוטע ווערטער נעמען איין אַפּט דעם לייענער, ווי הימלישע. „אין טאַרבעלע אַ ברויט. אַ ביסל זאַלץ. אַ בריוו. / טריף מיין ליד, ווי אַ חלב־ליכטל טריף". / ליד פון פאַרנאַכטן און ליד פון פאַרטאָגן. אַ שטוב אין מיטן פעלד. וויל דער דיכטער וויסן: ווער זשע וווינט אין מיטן פעלד. געפינט זיך דאָ אַ מתבודד? אַ מענטש וואָס איז אַנטלאָפן פון הו־האַ פון לעבן; ווער בויט דאָ זיינע שעהען אין מיטן פעלד? אַ ווילן צו בלייבן ביים הײנט. ניט אַוועקגיין פון דער טאָג־טעגלעכקייט. ברענגט דאָך יעדער טאָג אוצרות צער און אוצרות ליכט. דער טאָג זשומעט פון אַלע עקן. דער טאָג ברענגט ווונדן און פרייד. נעם דיין ליד צו אַלע רחבותן. צו רחמנות. צו שפּאַס, צו נאַקעטע בייטן, צו פויגל, צו לבנה, צו צעפּליקטער נויט.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקיס ליריק שטייט פאַרגאַפּט פאַר דעם פּשוטן טאָג, פאַרן פּשוטן לעבן, פאַר וווקס און שפּראָצונג. עקשנותדיק, מיט האָפענונג, מיט גלויבן אַז עס נעענטערט זיך די שעה ווען אַלע וועלן טוליען זיך צו מאַמע־ערד וואָס קומט מיט ליבשאַפט און פאַרגעבונג פאַר אַלץ וואָס שפּראָצט און זשומעט.

דער טויט איז אונטערטעניקייט. דאַרף דער מענטש אין גערענגל נאָכקוקן העראָישקייט פון וווקס פון בונט פון יעדן שטאָם. זען גרין און גאָלד און אַן אויפגעוואַכטע וועלט. אויף די רחבותן פון דער וועלט וווּנדער איבער ווונדער, מוז מען אַריבערשפּרינגען דעם יִיאוש־תהום. אַ פּשוט וואָרט וואָס שאַפט ליריק און ברענגט ריטעם און פרייד, מאַטער און לייד.

דער ליריקער ביאַלאָסטאָצקי איז אין פערמאַנענטער שפּאַנונג אַז דאָס רייפע ערד זאָל ברענגען דאָס טרייסטוואָרט. אַ וואַרטונג אַז דער פרילינג זאָל אָנקומען, אַ פרילינג וואָס האָט בכּוח צו צעפּראַלן טיר און טויער. אַ שורה: „דער טרויער פון דער וועלט איז טיפער נאָך פון ים".

און דאָך אַ סך ליכט אין זיין ליריק. קעגן צאָם. קעגן הכנעה. קעגן אונטערטעניקייט. קעגן האַרבסטן וואָס רייסן אויס וואָרצלען און ברענגען דעם בלעטערפאַל. האָט דער דיכטער טענות צו די בלעטער וועלכע האָבן געשלאָסן אַ בונד מיטן טויט...

אַ סך האַרבסטיקע פרימאָרגנס אין זיין ליד, אָבער אַ דיכטער אָן בהלה. ווו זשע וואַרעמט מען זיך, אויב ניט ביים ליד. לידער וואָס האָבן צו טאָן מיטן קריי פון האָן, מיט שמאָלינקע סטעזשקעס, מיט גאָלדענע זאַנגען און מיט רייכערדיקע קוימענס. אַ דיכטער — ווי אַ סך ליריקערס — אין קלעם פון סתירות. „קוקעריקוקעריקו — און אין קאָפּ / פאַלט ווי פון הימל אַ שטערן אַראָפּ".

אַ דיכטער וואָס האָט געלייגט דעם דגש אויף אינטעלעקט: א ל י ע ז ר ג ר י נ ב ע ר ג.

„דאָס וואָרט אַליין איז קליין און אָפן, / ס'האָט קיין פריינד און ס'האָט קיין

שונאים: / ס׳קומט נישט טרייסטן, ס׳קומט נישט שטראָפן, / עס קוקט דער וואָך נאָר גלייך אין פּנים. // נאָר ווען פאַרזייט אין שורה באַדן / דאָס וואָרט צעבליט זיך און נעמט שוועבן — / מיט לעבנס־חכמה אָנגעלאָדן — / ערשט דאַן ווערט וואָרט אַ צד אין לעבן״.

אַ דיכטער — מיט לעבנס־חכמה אָנגעלאָדן. כּדי ראַטעווען דאָס ליד, דאַרף מען פאַרמאָגן דאָס וואָס דער העברעער רופט: לב נבון. אַ קלוג האַרץ. אָנגעלאָדן מיט חכמה. אַנדערש, ווערט דאָס ליד פאַרשליידערט אין שאול תחתיה אַריין. אַזוי גלייבט אליעזר גרינבערג. אין זיין וואָרט — מאַניפעסטן וועגן דיכטונג. אויסזינגען דאָס קליינע ליד. דאָס קליינע ליד פאַרמאָגט ניגון. תּפילה. אַ סך סכּנות לויערן אויף די גרויסע פּאָעמעס. אויך אויף קליינע לידער, אָבער אין די קליינע לידער קומט ער אָן בלחש צו דער תּפילה, צו דער „בלחשדיקער וידוי״. „דאָס קליינע ליד איז גרויסער ווונדער, / עס באַהעפט וואָרט מיט וואָר, און באַזונדער — / זינגען זיי אין איינעם דאָס קליינע ליד פון גרויסן ווונדער״.

די גאַנצע וועלט איז צעשרויפט, צעשויבערט, פּרובירט דער דיכטער דעם ברייטן לייוונט, זאָגט אליעזר גרינבערג: „דאָס קליינע ליד וועגט און מעסט, / געדאַנק און געפיל, און וואַרעמט ווי אַ נעסט / די באַשערטע ווערטער, די אליהו־הנביאדיקע געסט״. געדאַנק און געפיל. דאָס ווערט איבערגעחזרט אין אַ סך לידער. די צוויי באַגלייטער — די יסודות פון ליד. די פליגל וועלכע ברענגען צו הייכן, וועלכע חברן זיך מיט אַלע נאַטור־דערשיינונגען.

דאָס ליד איז כּולל נשמה און שׂכל. אַלע תּפילות גייען אַרויף צום הימל מיטן כּוח פון די צוויי פליגל. דער שר־השירה איז מבטיח אַז אַ דאַנק עמאָציע און אינטעלעקט קומט מען אָן למרומי השירה. זיי זענען די פענצטער דורך וועלכע דער דיכטער קוקט אויפן קאָסמאָס...

דאָס געבורט פון ליד איז אין ציטער, אין ציטער פון ליכט און חושך. זוכט דער דיכטער דעם כּוח אָנצוקומען צו ליכט: — „אַ זיג איז נישט קיין זיג / אויב ס׳איז נישט קיין בריק / צו צדק, יושר און שלום״.

אַזוי רעדט אַ י י ד י ש ע ר דיכטער. ווייל אַ ייד איז איבערגעלאָדן מיט מורא און פאַרדאַכט. איז דעם יידס אייביקער חלום: צדק, יושר און שלום. אַ סך ליבשאַפט צו יידיש. יידן האָבן געשטאַמלט אין אַ סך לשונות, נאָר צום קלאַנג פון אייגן לשון בלייבט דער ייד טויב און שטום. מיר זענען די גרעסטע עקספּערטן אויף פרעמדע שׂימחות פון גייסט, נאָר אונדזערע אייגענע גייסטיקע ווערטן זעען מיר ניט. מיר בלייבן צו אונדזערע אייגענע גייסטיקע ווערטן טויב און שטום. גלייבט דער דיכטער: אויב עס וועט אַ מאָל קומען אויף דער וועלט דער לאַנג געחלומטער באחרית־הימים, די גערעכטע וועלט־אסיפה, און יעדע אומה וועט ריידן אויף איר לשון וועגן אייגענעם צושטייער פון גייסט, וועט דער ייד זיין געלעכטער, זיין געוויין אַרויסשטאַמלען אויף לשון־יידיש.

אַ בייזער חלום: אויף אַן אַסיפה פון אַלע לשונות האָט ס׳לשון פון דיכטערס פאַלק געפּעלט. אַ בייזער חלום. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן. אין תוהו־ובוהו אויף דער וועלט — זאָל דער בייזער חלום ניט מקויים ווערן. ווייל אַנדערש — וועלן בלוטיקן אַ סך יידישע הערצער.

זאָל דער גלייבן אין יידיש מיטגיין מיט אונדז.

די דיכטערין ר י י ז ל ז ש י כ ל י נ ס ק י האָט אַ שווערע שאלה: „ווּהין קומען אַן די רייד / פון עלנטע מענטשן / וואָס רעדן צו זיך אַליין / אין די גרויסע שטעט אויף דער וועלט?״ די תשובה איז: אויב רייזל זשיכלינסקי זאָגט זיי אַרויס, קומען זיי אַן צום שיר־השירים פון דער יידישער דיכטונג.

נישט אַלע איינזאַמע מענטשן זענען פּאָעטן. אָבער די איינזאַמע רייזל זשיכלינסקי איז אַ פּאָעט פון דער ערשטער מדרגה. אַ פּאָעט וואָס איר שירה־קוואַל זענען די קליינע טעמעס וועלכע ווערן דערהייבן צו סימבאָלן דורך אירע לידער. קען די דיכטערין קריכן אויף וואָלקן־קראַצערס, קלעטערן אין הימלען, קומט זי אָן צוריק צו איר מאַמעס שיך, באַדעקט מיט געדולדיקן שטויב פון יאָרן; קומט זי אָן צו איר מאַמעס מידע בליקן. ללמדך: קומסט אָן פון אַלע ווייטן און פון אַלע טיפן צו דיין אייגענעם שוועל, וועלכער איז געווען און פאַרבליבן פאַר דיר דער נאָענטסטער שוועל. ווייל דער נאָענטסטער שוועל דיינער איז באַשאָנקען מיט אַ סך זכרונות, וועלכע באַגלייטן דיין לעבן. דו קענסט פון אים ניט אַנטלויפן. דער מאַמעס שיך און אירע בליקן האָבן אַנגעזאַמלט דעם גאַנצן אוצר פון דיין לעבן. עין־בעין האָסטו געזען דיין מאַמעס מידע בליקן... אין זיי איז געלעגן תמימות, פּראַכט, דער גאַנצער אוניווערס.

אַ קליינע טעמע, אָבער גרויס אין איר סימבאָל. ווייל רייזל זשיכלינסקיס ליד איז באַשאָנקען מיטן חסד פון ליריק. דאַכט זיך: אויסגעטאָן פון דער וועלט, און דאָך א י ן דער וועלט. אַ מורא פאַר די ווייטן זיי זאָלן ניט אומוואַרפן דיין אָרעםביידל. זי וויל ניט זיין קיין קרבן־עולה פאַר די שטורעמס, פאַר די ווינטן, פאַר די פייערצונגען. זי וויל ניט אויף איר ביידל מוותר זיין. און אין דער דיכטערינס אָרעם ביידל — אַ גרויסע וועלט פון פאַרבן און קאָלירן. קוקט זי אַריין אין די אויגן פון רעמבראַנדטן, אין די לאַבירינטן וואָס האָבן נישט קיין סוף און נישט קיין נאָמען. לאַבירינטן וועלכע פירן צוריק צו זיך. צו שוואַרצער ערד.

גייט אויף אַ שיין אין איר אַלקערל, אַ שיין נאָך לאַנגע וואָגלענישן. רעמבראַנדטס שיין. „דאָס ליכט, וואָס שטאַמט נישט פון טאָג / און נישט פון נאַכט / וואָס לויכט פון זיך אַליין״.

דער חורבן פון ייִד אין אירע איינגעווייד. דאַכט זיך אַז זי שטייט מיט איר וואָרט און גראָבט אַ קבר פאַר זיך אַליין. ווי קען מען אַרויסרייסן פון זכרון דעם

פלאַקער־פייער וואָס האָט פאַרברענט איר פאָלק. אירע לידער וואַרפן אַ הויפן משוגעת אין שירי־החורבן פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער דעפּאָרטירטער, פרעמדער, פאַרוואָגלטער ייִד גייט אַרום אין איר ליד. דער שניי פאַלט און דער דעפּאָרטירטער ייִד גייט זיין וועג אויפן בלאַסן פּלאַנעט. שפּורלאָזע טריט. דאַכט זיך: די טריט וועלן נישט קומען צוריק. אָבער: מיר לעבן ווייטער אויף דער ערד וואָס האָט אונדז פאַרברענט, מיר לעבן ווייטער „אַ הייפעלע געבליבענע אויף קדיש". דער ווינט הוליעט פראַנק און פריי אַרום, און מיר פירן ווייטער אונדזערע קינדער ביי די קליינע הענט. „מיר לעבן ווייטער. עס פאַלט אויף אונדז אַ שניי. / מיר טרעפן ווייסע ביימער, יאָ, מיר זעען זיי. / מיר טרינקען די דעמערונג מיט טונקעלע אויגן, / און ריידן שטומע רייד צו קליינע, גרויע פייגל".

שטומע רייד פון אומקום. שטומע רייד פון ייִדישן מיזבח.

רייזל זשיכלינסקיס ליד — אַ קול, אַ ווידערקול פון גרויסן חורבן. איר אייגן לעבן פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט אַלע פעדעם פון איר מאַמעס שיך. אָבער ערד און הימל לויטערן זיך אין איר געזאַנג.

אין דעם הויז פון די פּשוטע האָט י. י. ס י ג אַ ל פאַרזייט קערנער ליכט. אויסגעלאָשענע זונען. גאָלדפלעקן, איז כּדאַי דער לירישער גאַנג, כּדי איינזאַמלען שטיקלעך זאַנג און קלאַנג. די אָרעמע־לייט בויען די הערלעכע וועלט. אַ הויפּטמאָטיוו אין דער גאַנצער ייִדישער ליריק. זיי ברענגען פון מידבר יענעם סימבאָלישן דאָרן פון לעבן, וועלכער ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. טיף די הייל פון זייער וויסטן שווערן ליידן, נאָר זייער תּפילה איז דער יסוד פון דער וועלט. אָן דער תּפילה פון אָרעמאַן קען אונדזער וועלטל ניט עקסיסטירן. זייער נידעריקער געבעט אַליבאַ דעם דיכטער דערגרייכט צו די הייכן. ממעמקים קראתיך יה — אַזאַ די תּפילה פון אָרעמען מענטש.

דעם ליריקערס טעג קיניגן איבער ברייטע ערדן מיט פעלד, איבער טיפע הימלישע הייכן. וואָר און חלום — און דער דיכטער איז אַריינגעוואַקסן, ווי געזונטע וואָרצלען אין דיביימער, אין ביידע.

אָן אייביק פרעמדער איבער דער וועלט גייט י. י. סיגאַל מיט זיין ליריק. אַזוי אויך אַ נאָמען פון איינעם פון זיינע ספרים. ייִדישער שייכות צו זיין דור. דערשלעפּט זיך דורך אַלע דורות צו די קערנער ליכט פון ייִדיש־ליד. ווען דער טויט באַזעצט זיך אין אונדזערע ייִדישע דלד אמות, ברענען ציטערדיק די טעג אין אונדזערע פענצטער. דער דיכטער איז אַ גרויסער שותּף צו אַלע ייִדישע דלת אמות וועלכע ווערן פאַרברענט. לעבן די פאַרברענטע שטיבלעך, גלייבט דער דיכטער, קען מען פון דאָס ניי אויסבויען אַ שטיבל: די פענצטער בלוי. די טירן רויט. אין אַזאַ אָרעמער היים קען אויך זיין פרידן און אַ פּיצל גליק.

„אַ מענטש דאַרף האָבן איין שעה דערלייזונג / און אַלע וועלטן ווערן אויס־געלייזט".

י. י. סיגאַל איז איינער פון די ווונדערלעכע ליריקערס, וועלכער האָט פאַרשריבן פשוטע אָנווייזונגען פאַרן ייִדיש־ליד: פאַרפלאַנצן גוטסקייט אין די לידער. גוטסקייט און ליבשאַפט. מעג דער ווינקל זיין קליין, אויב דו פאַרזייסט די צוויי פרוכטן: גוטסקייט און ליבשאַפט, מעגסטו זיכער זיין אַז דאָס ליד וועט אויסגעוואַרעמט ווערן און ברענגען נחמה אַלע וואַנדערערס. מעגסטו זיך בייגן שפּלדיק צו דער ערד, מיט די צוויי פליגל קען אַ ייִדיש ליד פאַרפליען ביזן כסא־הכבוד און ווערן אויפגענומען מיט גרויס פאַראַד. לוחות פאַר אַ ייִדיש־ליד.

פון די בלוטיקע צלמים עסן מיר, ייִדן, אונדזער אָבל־ברויט. און אַלץ ווערט פאַרשריבן... עס ווערט פאַרשריבן ווי אונדזערע זקנים, אונדזערע מאַמעס, אונדזערע קינדער עסן דאָס אָבל־ברויט. אָבער דאָך זעען מיר: אין די פענצטער־לעך אין ווייטע גאַסן האָבן זיך געצונדן אין דער הייך די שטערן. „איך וועל אַוועקגיין פון מיין גאַס נאָך ניט קיין אַלטער, / אויף מיין קאָפּ — די שווערע האַנט פון אומגליק. / און אויף מיין באַק דער זיסער אָנריר פון די קינדערישע ליפּן". קיין גרעסערע הייליקייט עקסיסטירט ניט, די הייליקייט פון קינדערשע ליפּן. דער ליכטיקער צייכן וועט פאַרבלייבן, די קינדערשע ליפּן זענען די גרויסע ברכה פון דער וועלט. „כ'האָב זיך אויסגעלערנט / גרינג און שטיל צו טרעטן, / קוים געהערטע טריט, / קוים געהערט געמיט". אַ דממה־דקה־ליריק.

י. י. סיגאַל האָט אַרומגעשפּאַצירט אין זיין דיכטונג אין חסידישע שטיבלעך און זיך איינגעהערט זייער ניגון. אין שטיבלעך און אין בתי־מדרשים. ייִדישע הימלען שטייען אָפן פאַרן דיכטער. ייִדישע ימים־טובים. כל ישׂראל אחים. כל שבטי־ישׂראל — אחים. איין לאַנדשאַפט: י״ד. גייט ער נאָך אַלע חסידישע ניגונים, אַלע פאַרשטויבטע ייִדישע וועגן. אַ מתבודד — און מיט אַלעמען. אַליין — און אויף אַלע ייִדישע ירידן און מער. אַן אייגענער. נישט קיין פרעמדער, ניט אין שטיבל, ניט אין בית־מדרש... און דאָס וואָרט ריין. פּשוט. ערלעך. ווייל אַ געטרייער ליריקער פון דערהויבענעם ניגון. מיט ר' נחמנען צו וואַלדגעזאַנגען, מיט ר' אלימלכן און זיין ברודער זוסיה איינגעהערט זיך דאָס ליד פון קאָצק: „וואָס האָט מען צו זאָרגן וואָס וועט זיין מאָרגן? ליבערשט לאָמיר טראַכטן וואָס איז געווען נעכטן, אפשר וועט מען קאָנען עפּעס פאַררעכטן".

„די זון איז אַ הייסע, / דער דאָרשט איז אַ בייזער / און דאָס וואַסערל האָט זיך באַהאַלטן / דאָרט הינטער בערגיקע שפּאַלטן". דאָס ליכטיקע זיידענע וואַסערל האָט זיך באַהאַלטן אין דיכטערס ליריק. פאַרליבט אין ייִדיש, אין די ברייטע גרינע פעלדער איבער ליטע, פּוילן און גרויס־וואָלין. ייִדיש מיט אַזאַ ליכטיק, לויטער קול. אין ייִדיש הערט י. י. סיגאַל דאָס געזאַנג פון אָפענע, טיפע בלויע הימלען, פון לויטערקייט. פון אַלע בלימעלעך און זרעים אויף אונדזערע

בייטן. אויך נאָכן חורבן צעוואַרפט ער זיי אויף אויפגעאַקערטע בייטן מיט פולער אמונה, אַז ער וועט זוכה זיין צו שניט.

י. י. סיגאַלס ליד איז אַ קוואַל פון ייִדישער לאַנדשאַפט. ער זעט דעם לעגענדאַרן זקן מיטן איינגעבויגענעם רוקן טראָגן ווייטער ליבשאַפט דער וועלט. ער זעט דעם ייִד ווי דעם יונגן וווּנדער פון דער וועלט, וועלכער טראָגט שטיקלעך הילף און ברעקלעך טרייסט צו אַלע פאַרוואָרפענע יישובים.

די תּהילים־שורות אין זיין ליריק. אייגענע מיזמורים פאַרוועבט מיטן תּהילים. אַ מיזמור צו דעם הייליקן בעל־שם־טוב בשעת ער איז אָנגעקומען צווישן קיטעוו און קאָסעוו צו זיינע פּשוטע ייִדן און דערזען נייע פעלדער, נייע צווייגן אויף אָפּגעהאַקטע ביימער פון דער תּקופה ת״ח ות״ט... געבענטשט אַלע ייִדישע הייזער, געבענטשט אויך יעדן מת אויפן בית־עולם. דער דיכטער, ווי דער בעל־שם־טוב, זעט אויך זיין שליחות אויפן ייִדישן מאַרק: טראָגן בשׂורות. היילונגען. מעשׂיות. רעטענישן. „קאַפּיטלעך תּהילים, / קאַפּיטלעך לידער / נישט פאַר קעניגן / נאָר פאַר די בעטלער־לייט״.

י. י. סיגאַל האָט געזען ייִדישן ייִחוס אין גאון. אין שוסטער. אין שמש. ביים צפתיקן טויער און ביי די תּחינה־בלעטלעך. שטענדיק אויף אַלע נע־ונד־וועגן האָט דער ייִד אין זיין וואָגל מיטגענומען די מגילת־הייִחוסין, זיין ייִחוס־בעט־לערבריוו. דאַרף דער ייִדישער דיכטער אָפּהיטן דעם ייִחוס־בריוו.

י. י. סיגאַל אין זיין ליד היט אָפּ דעם ייִחוס־בריוו פון גאון, פון שוסטער, פון שמש. אַ בענקעניש נאָך אַ נייעם שבתדיקן טאָג. אַ בענקעניש נאָך די אַלטע טאָוולען, נאָך אַ געלייטערטער שעה. אַ גלויבן אין בוים פון לעבן. אין המשך. אין בוים פון חסד, דער בוים פון גאָט און ייִד. די טעג פון קרבן האָבן נאָך ניט אויפגעהערט. אַ מוז אויפהייבן די געפאַלענע פאָנען און מייסטערן מיט מעשׂים אַ היים פון ערד און ליים.

אַ ליריק וואָס פירט דעם חשבון פון ייִד, ניט מיט ייִאוש אויף די ליפּן, נאָר מיט בטחון.

דריי אויסטערלישע מתּנות האָט דער דיכטער י. י. שוואַרץ צוגעטראָגן דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום: די אומדערמידלעכע איבערזעצונג־שפע פון העברעיִ־שער פּאָעזיע אין ייִדיש; דעם גרויסן עפּאָס קענטאָקי און די לירישע פּאָעמע יונגע יאָרן. ליטע איז אָנגעקומען פון דאָס ניי צום ייִדישן טיש.

אין „ווידערוווקס״ האָט ביאַליק געשריבן: „ערגעץ איז, און מיט רעכט, געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מענטש זעט און באַגרייפט זאַכן בלויז איין מאָל אין זיין לעבן: בעת ער איז נאָך אַ קינד. די ערשטע זעונגען, וואָס זיי זיינען נאָך פריש פונקט ווי זיי זיינען נאָר וואָס אַרויס פון באַשעפערס האַנט, זיי זענען דער עיקר, דער תּמצית, און די שפּעטערדיקע זיינען בלויז צווייטע, געפעלערטע

אויפֿלאַגע. זיי זענען אַזוי ווי די ערשטע, אַ שוואַכער רמז אויף די ערשטע, אָבער נישט זיי גופא. און איך האָב דאָס געלערנט טאַקע אויף זיך אַליין: אַלע זװנגען, הימלישע און ערדישע, וואָס איך האָב געמאַכט אויף זיי אַ ברכה אין מיין לעבן — האָבן זיך גענערט פון דעם כּוח פון מיין ערשטן בליק". (איבערגעזעצט: י. י. שוואַרץ).

די וועלט פון קינדהייט איז אַ וועלט פון ווּנדער איבער ווּנדער. אַ וועלט פון נסים. פון דמיון. פון חלום. פון פֿאַנטאַזיע. אַ גאַראַנטירטע היים פֿאַר כּלערליי נסים. די בגרות־יאָרן אונדזערע מאַכן די וועלט באַנאַלער. שמעלער. איינגעשרומפּענער. דער שליסל צו י. י. שוואַרצס ליריק זענען די יונגע יאָרן זיינע אין ליטע. י. י. שוואַרץ גיט אַ מייסטערשטיק פון אינטעראָספּעקציע אין דער ייִדישער ליטע. י. י. שוואַרץ האָט געקענט זאָגן אויף זיך: אשרי זקנותנו שלא ביישה את ילדותנו (ווייל איז צו אונדזער אַלטקייט וואָס זי האָט נישט פֿאַרשעמט אונדזער קינדהייט). אין ילקוט שמעוני איז דאָ אַ זאָג: האָט די תּורה געזאָגט: רבונו־של־עולם, טייל מיך צו צום שבט פון אָרעמקייט.

א. קריב (אין דער פּראַכטפולער איבערזעצונג פון אליעזר רובינשטיין) גיט אַ קווערשניט פון ליטע וועלכע מיר זעען אין י. י. שוואַרצס פּאָעמע „יונגע יאָרן". ליטעס פּייזאַזש האָט געניגט צו אומעט. פעלד און וואַלד, טייך און אָזיערע. מיט קיין באַהאַלטענע נאַטור־אוצרות איז זי ניט געבענטשט געוואָרן. נאָר געבענטשט איז זי געוואָרן מיט אַ ווּנדערלעכן ייִד וואָס אַלע פלאַנצן און וויינגערטנער פון ייִדישן עבר זענען געוועזן פֿאַרפלאַנצט אין אים. די חכמה פון ליטווישן ייִד האָט אָנגעשטעקט אַלע תּפוצות. טראָץ דעם וואָס דער גאַנצער פּייזאַזש האָט זיך געניגט צו אומעט; טראָץ דעם וואָס ליטע האָט ניט אַריינגעלאָזט דעם חסידות אין אירע גרענעצן, טראָץ דעם האָט זי געשאַפן אַ באַזונדערן נוסח, אַ ליטווישן אומעטיקן נוסח, וועלכער האָט פֿאַרלאָזן ליטע און אַוועק צו אַלע תּפוצות־ישׂראל. דער ליטווישער ייִד האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַלע סאָרטן מלאָכות וואָס האָבן אַרומגענומען די לעבן־באַדערפענישן אין יענער צייט; זייערע אייגענע באַדערפענישן און די באַדערפענישן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין שטאָט און אין דאָרף. זיי זענען געוועזן די מילנערס און די בעקערס, די שניידערס און די רימערס, די מולערס און די גלעזערס, די שמידן און בעלי־עגלות, די טרעגערס און אַלע אַנדערע. ייִדן האָבן זיך דאָרט באַשעפטיקט מיט וואַלדאַרבעט, מיט וואַסער־אַרבעטן. זיי זענען געוועזן די וואָס האָבן געבונדן די טראַטועס, און די וואָס האָבן זיי געפירט איבער וואַסער, אויך גרינסנצוכט איז געוועזן ביי ייִדן, אָבער אויך דאָס קרעמעריי, וואָס על־פּי רוב האָט עס קוים געגעבן פּרנסה די וואָס האָבן זיך מיט דעם פֿאַרנומען.

פון די יונגע יאָרן האָט דער ליטוואַק י. י. שוואַרץ מיטגענומען אַ פֿאַרזאָג: „איבער מיר האָבן דורות געוויינט: / מיין קינד, דו זאָלסט בלייבן אַ ייִד. /

זאָל דיין טאַטנס ירושה און לייד / אין דיין האַרצן טיף ווערן געהיט". דער דיכטער אין זיין ליד „ירושה" איז זיך מודה אַז ער איז ניט באַשטראָפט געוואָרן פון גאָט מיט גאָלד אָבער מיט גייסט איז ער באַשאָנקען געוואָרן, דאַרף ער טראָגן אויף זיינע פּלייצעס די לאַסט פון דורות. און דער ליטווישער ייד האָט גוט געוווּסט דעם באַטייט פון „לאַסט פון דורות". אין דער פּאָעמע „יונגע יאָרן" לערנען מיר, אַז דער דיכטער האָט ניט פאַרגעסן זיין גאַנג איבער דער וועלט, און ניט פאַרגעסן האָט ער דעם זאָג: זיי אַ ייד. איינגעהילט אין יראה, און דאָס געזיכט אין פּרוכת. „מיר האָבן זיך פון אונדזער אַלטער היים צעשיידט, / אַ שטורעמווינט האָט אונדז אַהער פון וויט פאַרווייט. / ס'האָט איינער ווו אַן אַלטע מאַמע דאָרט געלאָזן / און איינער האָט אַ טאַטנס קבר צווישן גראָזן".

דאָס אַלץ האָט מיטגענומען מיט זיך דער ליטווישער ליריקער קיין אַמעריקע. ער האָט מיטגענומען דעם ליכטיקן זכרון פון זיין היים, די טרערן וועלכע האָבן געשטיקט בשעת דער צעשיידונג, אַלע גאַסן, אַלע זכרונות. אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן האָט ער געבראַכט אַ בינטל ערד פון זיין היים, אַ שטילן צער, אַ דורותדיקן אַלטן טרויער, אַ ווידערקול פון שווערע זיפצן. נייע זאַפטן אויף נייעם באָדן מיט אַלטע זכרונות. און גערעכט איז געווען ביאַליק אין זיין „ווידערוווּקס": אַ מענטש זעט און באַגרייפט זאַכן אין זיין לעבן נאָר איין מאָל: בעת ער איז נאָך אַ קינד.

אָנגעקומען אין אַ ניי לאַנד. אין קענטאָקי. אַ זאַמדיק־רויטער טראַקט, אַ טראַקט ברייט און אָפן, וואָס האָט זיך געצויגן צו וייטע האָריזאָנטן. פון קענטאָקיס פּליינען האָט הייס און פרעמד געשלאָגן אַן אומבאַקאַנטער טראָפּישער געשמאַק פון בליִונג און צעפּוילטקייט. איז געקומען דער ייד פון ליטע מיט די ווונדיקע פיס, מיטן האַרצן וואָס קלעמט, מיטן פּאַק אויפן פּלייצע, מיטן שטעקן אין האַנט.

י. י. שוואַרץ איז אַ ווונדערלעכער ליריקער. די קאַפּיטלען קענטאָקי, ווי די יונגע יאָרן, עטעמען מיט פּייזאַזש, מיט אָפענע אויגן פון אַ דיכטער וואָס זעט אַלץ אויף זיין וועג, אַלע פאַרבן, פּיאָלעט געמישט מיט בלוי און רויט, אַלע רויטע טיפע שטרייפן, אַלע שטערן אויף די הימלען, אַלע צעהיצטע ריחות פון ערד און בוים.

אַ פּאָעמע פון אַ גרויסן ליריקער, וועלכער האָט אויפגענומען אַלע קלאַנגען, געזאַנגען פון די יוגנט־יאָרן אין ליטע און אַלע קלאַנגען און געזאַנגען פון קענטאָקי.

איז געגאַנגען דער ליטוואַק דורך די שטויבן פון זיין נייער היים און ס'האָבן פרעמדע הינט אים נאָכגעבילן. דאָ האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק און אָנגעקלאָפּט אין דער ערשטער בעסטער טיר.

מ א י ר ז י מ ל ט ק אַ ט ש האָט שטענדיק געזוכט אין זיין דיכטונג: אלה

תולדות מענטש. ער איז געגאַנגען מיט אָדמען צו די גן־עדן־טויערן זוכן זיין פאַרלוסט. אָדם שטייט אַ נאַקעטער פאַר גאָט, מיט אים זיין דיכטער. ווייל אויך דער דיכטער ווייס אַז די שווערד באַוואָרנט דעם פאַרבאָט אַריינגיין צוריק אין גן־עדן. איין מאָל פאַרטריבן, אויף שטענדיק פאַרטריבן. בעצם דאַרף די וועלט ניט דעם גן־עדן פון יענער צייט ווען זי האָט דערפונדן מאָרד. הבל איז דער ערשטער מת און מאיר זימל טקאַטש אין זיין שירה פירט מיט אים אַ שמועס. אַ דיאַלאָג צווישן מאיר זימל טקאַטש און הבלן.

ליב האָט זיין דיכטונג דעם תנ״ך. ער קומט צו די אָבות. ער שפּילט זיך ניט מיט זייערע בערד ווי מאַנגער, נאָר ליב האָט ער צו דערציילן פון דאָס ניי וואָס איז דאָרט אויף די תּנכישע בלעטער פאַרשריבן. אַ ליריקער וועלכער זוכט אויף אַלע וועגן גאָט און מענטש. דעם מענטש האָט ער ניט געפונען, אָבער גאָט, דאָס העכסטע איבער העכסט, האָט ער געזוכט אָן אויפהער. „איך דאַרף ניט אָנזען גאָט אין פּנים / צו וויסן אַז ער איז פאַראַן, / ווי קאָן די וועלט געמאָלט זיין אָן אים? איך דאַרף ניט אָנזען גאָט אין פּנים / צו זאָגן עדות אַז איך קאָן אים — כ׳זע געטלעכקייט אויף יעדן שפּאַן, / איך דאַרף ניט אָנזען גאָט אין פּנים / צו וויסן, אַז ער איז פאַראַן״. פאַרוואַנדלט מיט אַלע מענטשן. דער עיקר מיט קינדער, כאָטש ער האָט קיין אייגן קינד. מיט זיי איז ער אַ קינד מיט קינדער. עכט. אַ קינד. אפשר איז ער מיט גרויסע אַ פאַרשטעלטער, אָבער ניט מיט קינדער. ער אַליין איז אַ שפּילצייג פאַר די קינדער, ער גיט ווייניקער ווי ער נעמט.

אין זיין שירה, זאָגט דער דיכטער, פאַרשרייבט ער פאַר די גרויסע ליגן, אָבער ניט פאַר די קינדער. די קינדער רעדן מיט אים און ער מיט זיי אמתדיק און קלאָר, ווי אמתדיק און קלאָר זענען אַלע לירישע שורות זיינע.

ניט צו גרויסע טעמעס איז ער געגאַנגען. ווייל איז אים געווען אין קליינקייט. דאַכט זיך אַז ער איז דערוואַקסן צו זיין פאַרקליינט, ווייל ער אַליין איז אַ קליינער בראָכטייל פון אַ גאַנצקייט. אַ בראָכטייל וואָס האָט קיין מורא ניט אַז ער וועט פאַרלאָרן גיין. ער גלייבט און ער איז זיכער, די גאַנצע וועלט וועט אים געפינען. נאָר איינס ווייס דער דיכטער — און דאָס גיט צו גרויסקייט זיין געזאַנג, אַז ער איז ניט קיין איבעריקער שפּליטער „און ווייל כ׳בין קליין, איז גאָט אַליין מיין היטער, אַ קינד אין שויס פון טאָטן, וואָס איז גרויס״.

מאיר זימל טקאַטש איז פאַרבונדן מיט לאַנדשאַפטן. מיט דער גאַנצער נאַטור. ער איז אַליין וואָרצל. צווייג. ער באַוואַסערט זיך אַליין. ער איז אַליין דער גערטנער פון זיינעביימער־לידער. ער זינגט אַ ליבגעזאַנג דעם בוים אין אַלע פיר יאָר־תּקופות. ער מאַכט אַ ברכה איבער זייער טעמפּער קאָרע, איבער זייערע קנאָספּן, איבער די צאַרטע פרילינג־בלעטער. ער איז מתפּלל מיטן בוים. אַ חסיד — נוסח בראַצלאַווער וועלכער איז זיך מתּיר צו זאָגן: „מה נאה אילן

זה"... ער זעט ביימער מיט יידישע אויגן, איינגעהילטע אין טליתים פון די בלעטער. ער זאָגט מיט זיי הלל. מעמקים בעט ער פאַר זייער וווקס און שפּראָץ. פאַר רעגן. פאַר טוי. פרום אין תפילה מיט די ביימער. פון זיי מאַכט ער זיין לייטער אַרויפצוגיין צו די הייכן. אַ דאַנק זיי וועט מען דאָרט אין די הימלען הערן זיין שטומע תפילה. ווען די צווייגן בייגן זיך אַרונטער, פילט ער זייער צער, זייער טרויער. ליב האָט ער די ביימער וועלכע טראָגן אויף זיך די לאַנגע מלבושים פון צניעות. ווייל אויך זיין ליד איז אָנגעטאָן אין לאַנגע מלבושים פון צניעות.

אַ וועג פון אַ דיכטער אָן אַ סליאַד, אָן אַ צייכן. און אויב אַפילו אָן אַ סליאַד, איז די וועלט פאַר אים אָפן און ער קען אַלע וועגן און שטעגן. ווי אַ פויגל גרייכט אַהין ווו שירה דאַרף גרייכן. די פייגל וויסן זייער וועג. זיי וויסן גענוי ווען דאַרפן זיי פאַרלאָזן בייזע ווינטן און אָנקומען צו פרילינגדיקע לענדער. דער דיכטער זוכט דעם סוד פון די פייגל. ער דאַרף דעם סוד פאַר זיינע לידער. מיט ציטערדיקע פינגער זוכט ער דעם סוד פון די פייגל. ביימער. פייגל. איז דאָך גאָר קיין חידוש ניט אַז אויך ער וויל אָנקומען צו אַזאַ לאַנדשאַפט. צו לאַנדן דאָרט ווו די שווערד איז ניטאָ. שטומע שטיינער פאַרפאָלגן אים, ווייל זיי מאָנען פון אים ווערטער. אַזוי דאַכט זיך דעם דיכטער. און ס'איז אָן אמת. פון מאיר זימל טקאַטשן האָבן אַלע שטומקייטן געבעטן ווערטער. ער ווייס וואָס זיי מאָנען. ער ווייס און קען די שטומע נשמות. פרצעס אַ תלמיד. שטומע צינגער פאַרמאָגן ניט קיין גערעדטע סימנים, אָבער געשריבענע סימנים פאַרמאָגן זיי. וויל ער אויך זיין אַ פאַרשריבענער סימן אין ספר־השטומע. ער וועט זיי העלפן מאָנען. עפּעס פילט ער זיך שולדיק לגבי זיי. ער וויל זיי אַנטקעגנקומען אָבער „פאַרלאָשן שטייען זיי און קומען": „געפיל נאַרט אָפּ, געדאַנק פאַרפירט, / דעם אמת קאָנסטו ניט געפינען, / נאָר ווער עס זוכט ניט, דער פאַרלירט, / זיין גרויע חכמה איז אָן זינען". אָבער זוכנדיק איז דער געפיל געוואָרן טיפער און דער געדאַנק מער געשליפן.

אַ רעגן־בויגנדיקער דיכטער, מיט אַ סך פאַרבן. אַ דיכטער פון קלאָרקייט. קלאָרקייט איז פרייד פון ליד. אויך דער ניסתר, נישט נאָר דער ניגלה דאַרף זיין קלאָר. זיין צער, זיין פרייד, טיפקייט און ערלעכקייט פון קלאָרע רייד.

טיפע פשטות אין ה. ר ו י ז נ ב ל אַ ט ס ליד.

„יעדער ליד זיינס לעבט מיט אָן אייגענעם זכות, אַ לעבן פאַר זיך אַליין. אינטימקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין גורל. אין סימבאָלישן אויפגלאַנץ. די פילעוודיקייט איז אַ נאָענטע ביז גאָר, און אין דער זעלביקער צייט אַ ווייטע, ראָמאַנטיש ממש. ווי עס איז דער זילבער פון הויכע לבנה־אָוונטן, ווי עס איז די בלויקייט פון די הויכע אָוונט־טרעפּ. די דאָזיקע ראָמאַנטישקייט רעדט מיט אַ

קלאָרער שפּראַך, מיט אַן אָפּן לשון. איר בילד איז ציכטיק, איר אָטעם זוניקער" (נ. ב. מינקאָוו).

דער יחיד, די וועלט, שפּיגלען זיך אַרויס אין דער באַזונדערער אויסשטראָלונג פון זיין ליד. ה. רויזנבלאַט איז דער מייסטער פון קלאָרקייט אין ליד. מיט יִראת־הכּבוד פאַר אַלע סימבאָלן, אָבער קלאָר. קונסט באַדייט, אַליבאַ דרויזנבלאַט, זיין אינטים מיטן גאַנצן אַרום, און אינטימקייט האָט ניט ליב קיין פאַרנעפּלטקייט. שטיל לעבן, לבנה, שטערן, צי אַ ברויזנדיקער ים, האָבן ליב דעם חסד פון קלאָרן וואָרט. נאָענטקייט. ליריק האָט ליב אַלע וועגן, ווייטע, נאָענטע, נאָר זײַן שפּראַך וואָס מיידט אויס דעם וואָלקן. דעם טריבן נעפּל. זיין קול־דממה־דקה איז שטאַרק און טיף. אַ שירה וואָס אויף איר קען מען זאָגן: מלא־חן. פון איטלעכן מענטשלעכן פּנים גליטשט זיך אַראָפּ גוטסקייט, פון איטלעכן בוים — אַ תּפילה נאָך זון. נאָך רעגן. אַלץ אין דער וועלט איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט ליכט. אַזאַ איז דער נשמה־געוועב פון זיין ליד.

פּערזענלעכע ליריק. ראָמאַנטישע ליריק און דאָך אַ כּמו־רעאַליסט. ער דערציילט אונדז אין ליד אַ מעשה און אין מעשה זינגט ער אַ ליד. אַ ראָמאַנטיקער און אַ רעאַליסט. און זיי קריגן זיך ניט. זיי לעבן בשלום. זיי טראָגן אין זיך אַלע ים־כוואַליעס. נישט אַלץ דרייט זיך אַרום דעם יחיד און נישט אַלץ דרייט זיך אַרום דעם רבים. דער יחיד און דער רבים — איין איינהייט. ביידע צדדים עקסיסטירן ווי אַ שאַפונגס־כּוח. ביידע פאַרמאָגן נשמה: דער רשות־היחיד און דער רשות־הרבים. ביידע פאַרמאָגן צאַפּלדיקן גייסט. ביידע פאַרמאָגן חלום און וואָר. אינטימע היימישקייט הערשט אין רויזנבלאַטס ליד צווישן ראָמאַנטיק און רעאַליע. אַ גוטמוטיקייט. אַ ברייטהאַרציקייט. אַן אינטימקייט, וואָס איז לויטער, ווייל קלאָר דאָס וואָרט און זויבער.

ווען מען פרעגט: ווי קומט אַ פּערזענלעך און ראָמאַנטיש ליד צו אַ רעאַליסט? — ווייסט מען דעם סוד רויזנבלאַטס. ווייל אַלע יסורים, ליידן, אַלע פריידן וואַקסן אויף זיין שירה־בוים. „אַ שרייבערס לעבן הייבט זיך אָן מיט דער ערשטער שורה", און רויזנבלאַט גיט צו: „אָט פון דער שורה הייבט זיך אָן מיין צויבער־מעשׂהלע".

אָנגעזאַמלט אין פאַרנאַכטן אַ סך צויבערדיקע מעשׂהלעך און דערנאָך געקומען זיי דערציילן אין שירה און אין פּראָזע. פון די ערשטע שורות זיינע: מיין אַלטע קלוגע באָבע פלעגט מיר דערקלערן / אַז דאָרט אין קלאָרן הימל, שיינט אויך פאַר מיר אַ שטערן. // און דווקא קיין געמיינער, — פון אַלע איז ער דער שענצטער, / אין דעם ווייסן שטערנרייך פון אַלע העלער גלענצט ער// און איך זוך דעם שטערן, איך זוך זיין העלן שיין; / פילע שטערן לייכטן, אָבער ווו קען מיינער זיין?" איז אַרויס דער דיכטער אין די ערשטע שורות זוכן זיין שטערן. זיין שטערן, אַזוי האָט ער געגלייבט, שיינט מיט גאָלדנשטראַלן. כאַפּט

אים אָן אַ מורא פֿאַר אַ שטערן וואָס פֿאַלט אַראָפּ פֿון הייכן. קיינער באַווייַנט ניט קיין אַראָפּגעפֿאַלענעם שטערן. נאָר דער דיכטער. ווייל אפשר איז דאָס דער שטערן וואָס זיין קלוגע באָבע פֿלעגט אים דערקלערן „אַז דאָרט אין קלאָרן הימל שייַנט אויך פֿאַר מיר אַ שטערן". אַלע מלאָכים, אַלע שׂרפֿים אין די הימלען זענען זייַנע. אַלע שטערן — געהערן צו אים. ער איז דער שומר.

אַ גרויסער חסיד פֿון אַלע הימלישע אוצרות. אַ גרויסער חסיד פֿון די מלאָכי־השרת וועלכע קומען אַריין אין דער ייִדישער שטוב ווען די שבת־ליכט ברענען און פֿילן אָן די שטוב מיט פֿריידן. אַ דיכטער מיט אַ ייִדישער נשמה־יתירה. אייַל זיך ניט, באָבעשי, מיט „גאָט פֿון אַברהם". די זון איז נאָך אין מערב־זייַט ניט פֿאַרגאַנגען. וואַרט נאָך אַ ווײַלע, באָבעניו. דער שבת פֿאַרמאָגט הייליקע רו, איז צעשטער ניט, באָבעניו, די הייליקע רו און געזעגן זיך ניט אַזוי שנעל פֿון שבת־קודש. וואַרט כאָטש אַ רגעלע צו. ענדיקט זיך דער שבת, ווערט דער ייִד איינגעשפּאַנט אין טאָג־טעגלעכן יאָך. עס הייבט זיך אָן דער אומעטיקער גלות... דאָ, אין דער ייִדישער שבתדיקער שטוב איז דער טרעפּפּלאַץ פֿון דיכטער מיט שלווה. מיט הייליקייט. רויזנבלאַט איז אַ ליריקער פֿון דער ייִדישער שטוב. די נאַטורלידער — ממש אַ מענטשלעכע הוויה. און אַזוי ווי ער קען די מענטשלעכע הוויה, אַזוי קען רויזנבלאַט די ווינטערנעכט, דעם „בלייכן ווינטערטרוים". „די נאַכט איז שיין, דער הימל ריין, / די שטערן מילד און ווייך, / דער שניי ליגט פֿול אויף באַרג און טאָל, / אויף וואַלד און פֿעלד און טייך".

רויזנבלאַט איז אַ בן־בית אויפֿן פּויערס פֿעלד. אַ בן־בית אין דער שטוב פֿון פּויער ווען ער כאַפּט זיך אויף פֿאַרטאָגלעך פֿון זיין דרימל. אַ דינער ליריזם וואָס איז באַזוימט מיט סאָציאַלע לידער. אַן אמתדיק רעאַל לעבן וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין השתפּכות־הנפש. עס קראַכט ניט, עס דונערט ניט. אַלץ ווערט דערציילט מיט דער שפּראַך פֿון לירישן אויסגוס.

דאָס סאָציאַלע ליד האָט געפֿאָדערט פֿון דיכטער די אייבערהאַנט. אָבער דער ליריקער האָט אַריינגעשושקעט אין אבר פֿון סאָציאַלע לידער אַ סוד: מ'קען און מ'מוז לעבן בשלום. איך וועל זיך ניט אָפּזאָגן פֿון דעם סאָציאַלן ליד, אָבער ברכי נפשי — כ'פֿאַרמאָג אויך מיינע פּערזענלעכע טענער. אין אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט קומען זיי ביידע צום דיכטער. נישט מיט קיין טרומייטערס קומען זיי צו זיין געלעגער, נאָר רויִק, שטיל, כּדי שלום צו מאַכן.

„עס קומט אַ צייט. דאָס האַרץ פֿאַנגט אָן צו נאָגן / און דאָס בלוט פֿאַרקילט פֿון טריבן אָסיען־וועטער — / בייג איין דיין קאָפּ, זאָג שטיל צום פֿריינד אין אויער, / ס'איז די טריבע צייט ווען ס'פֿאַלן אַלטע בלעטער". עס קומט אַ צייט. אָן קיין שום ספק, אַז דאָס ליד וואָרצלט אין סאָציאַלן נוסח, אָבער דאָס ליד עטעמט מיט ליריזם. מיט ראָמאַנטישקייט. אפשר איז די צייט אַ דם־שונא אַלטע

בלעטער, אָבער מ׳קען פון אַלטע בלעטער, וועלכע פאַלן אַראָפּ פוןביימער אין האַרבסט, ניט אַנטלויפן.

אַברהם רייזען איז געווען אַן עפּיקער און אַ ליריקער. אויך ה. רויזנבלאַט: אַן עפּיקער און אַ ליריקער. „עפּיק און ליריק, ראָמאַנטיזם און פּלאַסטישקייט, חלום און וואָרצלדיקייט — דאָס זיינען אַלץ זאַכן, וואָס העלפן אַ פּאָעט צו זיין שטענדיק פּראָדוקטיוו, צו קומען צו רייפקייט. די מעגלעכקייטן זיינען דאָ אין לשער״ (נ. ב. מינקאָוו) אַ פּאָעט־רעאַליסט מיט טיפער שייכות צו זיין פּערזענ־לעכער וועלט. ער טראָגט שייטלעך האָלץ פון רעאַליע צו חלום און וויצע ווערזאָ.

אַלע יִדישע דיכטערס האָבן געצאָלט אין אַמעריקע צינדזן — דאָס סאָציאַלע ליד: יוסף ראָלניק, זישע לאַנדוי, אייזלאַנד, יואל סלאָנים, מאַני לייב, לעיעלעס א״אַ. אָבער טיף אין זייערע אינגעווײדן האָט געשלומערט ל י ר י ק. דער זיווג איז געווען אַ געבענטשטער. אַנדערש וואָלט אפשר אויך רויזנבלאַט פאַרבליבן אין פאַבריק און ביים העמערל, און ביי דער שער און ביים פלוג. דער עצם ז י י ן פון זיין רייכן א י ך האָט געבראַכט די זויבערע קלאָרע ליריק פון ה. רויזנבלאַט.

ווי דער הייליקער בעל־שם־טוב איז ז י ש ע ל אַ נ ד ו י געגאַנגען איבער פעלדער, געעפנט די לעפצן און האָט אויפן קול זיך צעזונגען: אַ ווויל איז דעם גייער איבער פרוכטיקע פעלדער.

דער מאַן פון ליד איז געווען אין מחשבות פאַרזונקען. ער האָט געזונגען אַ לויב צום מענטש, אַ לויב צום באַשעפער, ווי אַן אייניקל פון אַ חסידישן הויף. אַ לויב דעם באַשעפער, פאַר אַלץ וואָס ער שיקט דעם מענטשן אַנטקעגן. מיט אים זענען געגאַנגען ווייטע ווערטער, ווי אין זיין ליד „דיכטונג״, וועלכע האָבן געווייעט און גערוישט ווי אַ וואַסערפאַל. די ווייטע ווערטער האָבן אים דערציילט, וואָס די נאַכט זינגט אין איר ליד, און ווי דאָס ליד וואָס קומט פון ווייטע ווערטער וואַלגערט זיך ביי זיינע טריט. ער איז געשווומען אין וואָרט. אין נאַכט. אין קלאַנג. אין שיין. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס די אותיות מיינען. ווען לאַכן זיי אין זיין געמיט און ווען וויינען זיי אין זיין געמיט. „פאַראַנען ווערטער ווונדער־לעכע, דינע, / קוים זאָגסטו זיי, ווערט לייכטער דיין געמיט״. דינע, ווונדערלעכע ווערטער. ער, דער דיכטער, ווייס אַפילו נישט דערפון, ערשט נאָכדעם ווי די ווערטער קומען אָן, דערזעט ער אין וועלכן כּישוף־לאַנד ער געפינט זיך, אין כּישוף־לאַנד פון דער ריינער ליריק. דאַן רעדט דער דיכטער אַזוינע רייד, וואָס קיין מאָל האָט ער זיי ניט גערעדט און ער זעט, וואָס קיין מאָל האָט ער ניט געזען. און צו אַלץ — ווען ער געפינט זיך אין כּישוף־לאַנד פון ריינער ליריק — צו וואָס ער רירט זיך צו איז פרייד און פרייד. ווערטער ווונדערלעכע, דינע.

ער האָט געזונגען און אויך מעשׂיות דערציילט אין זיינע לידער. „די מלכּה

פון דער מעשׂה / מיט מיר אין איינעם שפּאַנט, / דאָס ציגעלע דאָס ווייסע צופּט גרעזלעך פון מיין האַנט". און נישט נאָר דאָס ציגעלע. אויך די פּאַווע האָט די גאָלדענע פליגל צעשפּרייט. און „די פּאַווע האָט די פליגל / די גאָלדענע צעשפּרייט — / די נאַכט ליגט אונטער ריגל, / די שרעק ליגט אויף אַ קייט". דאָס ווייסע ציגעלע ביי זישע לאַנדוי האָט אַ פּאָר מאָל זיך אויך אָפּגעשיידט פון דער פּאַווע און איז אַוועק אַליין. דאָס ציגעלע האָט איר וועג און אויך די פּאַווע האָט איר וועג.

לייענען מיר דאָס ליד פון דעם ציגעלע און דאָס ליד פון דער פּאַווע, זעען מיר השפּעות. פון פאָלקסליד. אָט קלינגט אויף אַ שורה: „צי האָסטו טעפּ, צי האָסטו פּאָנען — צי האָסטו לוסט צו פרעמדע מאָנען?" אין קעגנזאַץ צו דעם ליד: „אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה, די מעשׂה איז גאָרניט פריילעך", זינגט ז. לאַנדוי: „אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה, די מעשׂה איז זייער פריילעך". דער חנעוודיקער לאַנדוי האָט געוואָלט עס זאָל זיין פריילעך, און אַז עס איז נישט פריילעך הייבט ער אָן וויגן... אַ וויגעלע: איי-ליו-ליו — מיט אַ ציגעלע, און אָן אַ ציגעלע. אויך אין אַ שיין ליד וואָס רופט זיך „מאַן און ווייב" זינגט זיך: „איי-לולו-לו פייגעלע אין נעסט אין דעם געטרייען; / דער פּאַוועס גרוס וועט איטלעך האַרץ פון בענקעניש באַפרייען. / און ווי דאָס זאַטע קאָרנפעלד אין זומערדיקן רעגן, / מיט שפּע פול וועט יעדער טאָג זיך וויגן דיר אַנטקעגן". די פּאַווע וואָס פאַרהיט איטלעך האַרץ פון בענקשאַפט און צער וועט זיך וויגן אַנטקעגן מיט ליד פול מיט שפּע פון זאַטע קאָרנפעלדער.

אין פרילינג און דעם גאַנצן זומער באַמערקן מיר ניט אַז עס איז דאָ ביימער. נאָר אין האַרבסט, ווען געלע און פאַרוועלקטע בלעטער פאַלן צו דער ערד און געיאָגטע פאַלן זיי צו צו אונדזערע פיס, נאָר דאַן באַמערקן מיר אַז עס זענען דאָ ביימער וועלכע שטייען ווי דערשראָקענע שעפּסעלעך. אַזאַ די ראיה פון אַ ליריקער זישע לאַנדוי.

ווען מען הערט דער דיכטער זינגען אין קאָסמאָס? די קליינע קינדער זינגען אין הימל אַלע מאָל. ער האָט דאָס קול געהערט. אַ ווייט ניט-דאָיִק גליק האָט אים באַגלייט.

עס האָט אַ זין, אַ טיפן זין דיין לעבן און דיין שיר, זישע לאַנדוי. „די פינגער הייבן אָן צו קנעטן / פון זילבן ווערטער און געמיט. / איין וואָרט נעמט זיך צום צווייטן בעטן / אין לויב פון קומענדיקן ליד".

דערציילט מען אין נאָמען פון דובנער מגיד; דער ווילנער גאָון האָט אַ מאָל ביים דובנער אַ פרעג געטאָן:

— ר' יעקב, גיט מיר צו פאַרשטיין, פאַר וואָס האָט דער משל אַזאַ השפּעה, אַזאַ ווירקונג אויפן מענטשן? זאָגט איינער תורה, קומט אַ קליינער עולם; אָבער

אַז איר קומט מיט משל איז פול דער בית־מדרש. ווי אַזוי ? ווי שיקט זיך עס ?
האָט דער דובנער געזאָגט צום גאָון :

— איך וועל דאָס אייך מסביר זיין טאַקע מיט אַ משל : דער אמת איז אַ מאָל אַרומגעגאַנגען אין גאַס הויל נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, האָט אים קיינער אין הויז ניט געוואָלט אַריינלאָזן. וווּ נאָר מען פלעגט אים דערזען, פלעגט מען אַנטלויפן פון אים, זיך אָפּקערן אין אַ זייט. און אַזוי ווי דער אמת גייט אַזוי אַרום אויף ביטערע צרות, טרעפט אים אָן דער משל, און דער משל איז געווען פאַרפוצט אין שיינע קליידער, מיט שיינע פאַרבן. מאַכט דער משל אַזוי צו זאָגן — „זאָגט מיר, ר׳קרוב, וואָס דרייט איר זיך אַרום איבער די גאַסן אַזוי דערשלאָגן ?" האָט געענטפערט דער אמת : „שלעכט, ברודערל, ביטער ! איך בין שוין אַלט, זייער אַלט און קיינער וויל מיך ניט קענען, קיינער וויל ניט וויסן פון מיר". האָט דער משל געזאָגט : „ניין, נישט דערפאַר וואָס דו ביסט אַלט האָבן מענטשן דיך ניט ליב. אָט בין איך אויך אַלט, זייער אַלט, און פון דעסטוועגן, וואָס עלטער איך בין, אַלץ מער ליב האָבן מיך מענטשן. נאָר איך וועל דיר פאַרטרויען אַ סוד : זיי האָבן ליב אַז יעדע זאַך זאָל זיין אַ ביסעלע פאַרפוצט און אַ ביסעלע פאַרשטעלט. איך וועל דיר לייען אַזעלכע קליידער ווי מיינע און דו וועסט זען, אַז די מענטשן וואָס זיינען אָפּט פאַריאָגט און פאַר־האָוועט, וועלן דיך אויך ליב האָבן און אַריינלאָזן צו זיך אין שטוב אַריין".

און דער דובנער האָט ווייטער געצויגן :

— דער אמת האָט געפאָלגט די עצה און ער האָט זיך פאַרפוצט אין משלס קליידער. זינט דעמאָלט גייען משל און אמת האַנט אין האַנט און די מענטשן האָבן זיי ביידע ליב. אַ גליקלעכע פּאָר...

פון דאַנעט לערנען מיר אַז דער דרך־המוסר פון דובנער איז געווען : אונטער־טראָגן דעם אמת אַ ביסעלע פאַרפוצט און ניט אַזוי נאַקעט און האַרב. אַהבת־ישראל איז ניט האַרבקייט, שטרענגקייט, נאָר חסד, רחמים, מילדקייט. דער משל, ווי די מעשׂה, שטאַמט נאָך פון די אַלטע צייטן.

ס׳ווערט אויך דערציילט, אַז משה מענדעלסאָן האָט אַ זאָג געטאָן צום דובנער :

— איך הער, רעב יעקב, אַז איר זענט דער ייִדישער עזאָפּ. יענער האָט פאַרפאַסט וווּנדערלעכע פאַבלען אין אַלטן גריכנלאַנד.

האָט דער דובנער געפרעגט :

— וואָס פאַר אַ משלים האָט יענער עזאָפּ געזאָגט ?

— אָט — האָט מענדעלסאָן געענטפערט — ער האָט פאַרפאַסט משלים וועגן לייב, וועגן וואָלף, וועגן פוקס, מיט אַ מאָראַל צום סוף. האָט דער דובנער געזאָגט :

— אויב אַזוי בין איך ניט גלייך צו יענעם. מיינע משלים נעם איך על־פּי

רוב ניט פון חיות, נאָר פון מענטשן. איך מיין אַז מענטש פון מענטש קען זיך מער אָפּלערנען, ווי מענטש פון חיה. לאָמיר שוין בעסער זיין ווי „דער דובנער", איידער ווי דער גריכישער עזאָפּ.

די פאַבל, בדרך־כּלל, איז אַ מעשׂהלע מיט אַ מאָראַל. אויב דער ליריקער פירט אַ מאָנאָלאָג מיט זיך אַליין, פירט דער משל אַ דיאַלאָג מיט דער וועלט. די פאַבל איז לויט איר מהות טענדענציעז, אָבער זי דערהייבט די טענדענץ צו קונסט, ווי יעדע גוטע קינסטלערישע ליטעראַטור.

די פאַבל זוכט פאַרשיידענע וועגן און שטעגן ווי אויסבאַהאַלטן די טענדענץ. אַ מאָל רעדט די פאַבל מיט דער שפּראַך פון רחלען און מיינט לאהן און אויך פאַרקערט. דער משל לעבט מיט אַ באַזונדער גורל. צוליב הימלישע און ערדישע טעמים איז ער אַ מאָל פאַרשטעלט. פאַרפּוצט. ער טראָגט אויף די אַקסלען אַ פּאַק פון טויזנטער יאָרן חכמה. אָבער שטענדיק האָט דער משל, און דער עיקר דער ייִדישער משל, אַן ערדישן בונד. ער קומט אָן צום ייִדישן מאַרק און מוסרט ניט, נאָר דערציילט אַ פאַבל, און די פילפאַרביקע רוישיקע עדה פאַרטראַכט זיך אויף דעם מוסר־השׂכּל. דער משל רעדט ניט ממרומי הר־סיני, פון די הייכן. ער איז מער אין טאָל ווי אויפן באַרג. דער משל שאַנעוועט ניט, אָבער אַלץ ווערט געטאָן מיט רחמים. די פאַבל פאַרמאָגט אַ סך ווייַ אָבער אַ סך שמייכל. ניט שטענדיק איז ער מלא־גדולה אין שׂימחה, אָפּט מאָל ברענגט ער אַ טרער, אַ קרעכץ, ער ווייזט דעם מענטשן אַז ערשט נעכטן האָט ער געשטרויכלט, ערשט נעכטן איז געווען טרויעריק, אָבער: בטחון. בטחון אין גאָט. אין מענטש...

די נביאים האָבן זיך באַנוצט מיט משלים איידער זיי האָבן אַרויסגערעדט די גאַליקע שטראָפרייד. דער פאַבוליסט איז אין די הענט פון דער מוזע, אַזוי ווי יעדער דיכטער, ווייל אין זיין מהות איז ער צום אַלעם ערשטן אַ דיכטער.

דער ייִחוס און דער חן אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור איז דער גרויסער משלים־שרייבער אליעזר שטיינבאַרג. ער האָט געבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אויף אַ מייסטערישן אופן דעם משל־זשאַנער. זיין משל — עטיש־קינסטלעריש. זיין משל פאַרמאָגט אַלע חנען פון פאָלק־אייגנשאַפטן. שטיינבאַרג האָט געבראַכט מחשבה. אַ וועלטבאַנעם. ער האָט געקענט גוט אַלע סאָציאַלע שיכטן און פון זיי האָט ער געשעפּט זיין משל און זיי האָט ער געגעבן זיין משל...

אליעזר שטיינבאַרג איז דער גרויסער ליריקער מיט קעמפערישן פּאַטאָס. ליריק און קעמפערישער פּאַטאָס לעבן בשלום. זיי זיינען איינגעפלאָכטן אין איין געוועב. שטיינבאַרג איז אונדזער אוצר פון ייִד־פאַרשטייעניש און וועלט־פאַרשטייעניש. אין יעדן ווונק פון דער שפּראַך זשומעט אַ ייִד, אין יעדן זאָג — אַ סוד, אַ פירוש, אַ דרש. אַ חלומער און אַ טרייסטער טראָגט זיין ביסל צאָרן. אַן אַריינזאָגער — טראָגט זיין רחמים, אַ שמייכלדיקער — טראָגט זיין קרעכץ...

שניידן זיך אַריין אַזעלכע שורות: „נאָך עד־היום איז אַ זעג, אַ בעל־מלאכה, גאָר אַ פּלעק אין דער משפּחה און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה — אי ער קוילעט, אי מען מאַכט אויף אים אַ ברכה". אַ זעג וואָס טראָגט סימבאָליש די גאַנצע וועלט אויף אירע פּלייצעס קען זיך ניט פאַרמעסטן מיט רציחה, וואָס האָט צוויי אויפ־גאַבעס: „אי מ׳קוילעט, אי מ׳מאַכט אויף אים אַ ברכה". אַזאַ משל איז ניט נאָר סאָציאַל, ער פאַרמאָגט טיפע נאַציאָנאַלע קערנער, ער טראָגט אין זיך דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, אַז עס מוז אַנדערש זיין און דער כבוד פאַר דער זעג מוז אומגעקערט ווערן... אַז אליעזר שטיינבאַרג רעדט וועגן „זשאַבעס": „גייען אָנגעזאַפּטע מיט פאַרדראָסן / און זיי צינדן — וואָס זשע? פּאַפּיראָסן. / ווי געפעלט אייך דאָס, געבאָסן?!" — צילן זיינע ווערטער צו אַ ספּעציעלן „זשאַבע־שיכט", צו קהלישע פאַרזאָרגערס.

גערעכט איז יעקב שטערנבערג ווען ער שרייבט: „שטיינבאַרגס שאַפן באַוועגט זיך ווונדערלעך האַרמאָניש צווישן די צוויי באַפּרוכפּערנדיקע שאַפונגס־פּאָלוסן פון דער יידישער ליטעראַטור — פּרץ און שלום־עליכם. צו פּרצן טוליעט זיך שטיינבאַרג מיט זיינע ליריש־פילאָסאָפישע משלים און צו שלום־עליכמען מיט די שטייגעריש־סאָציאַלע. ביי שלום־עליכמען האָבן געשטאַלטן פאַרביטערטע ווייבער, ביי שטיינבאַרגן דעם פּאָבוליסט שעלטן דער „חי" און דער „דומם" (דאָס לעבעדיקע און ניט־לעבעדיקע). „אוי, מיין ווייטיק אָן אַ שיר איז — / וויל איך שעלטן, וויל איך שרייען אָן חקירות" („דער האַמער און דאָס שטיק אייזן"). אליעזר שטיינבאַרגס פאַבל טראָגט דראַמאַטישע קאָנפליקטן. ער איז אַ סאָציאַלער דראַמאַטורג. אליעזר שטיינבאַרג האָט אונדז געלערנט אין אַ משל אַז די גאַס־לאַמטערן, אמת טאַקע, ברענט, פיין, נישקשה, אָבער זי קען נישט קאָנקור־רירן מיט שטערן. מעג די לאַמטערן גלייבן אַז זי איז טאַקע אַן „עמוד־אש", אָבער קאָנקורירן מיט אַ שטערן, מיט אַ שטראַלנדיקן האַר — דאָס ניין. און עס איז נאָך דאָ אַן אונטערשייד ווען אַ הונט בילט קעגן אַ גאַס־לאַמטערן אָדער ווען אַ הונט בילט קעגן דער לבנה.

משה אַלטמאַן וועלכער איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון אליעזר שטיינ־באַרג שרייבט: „אליעזר שטיינבאַרג האָט פאַרמאָגט יענע טיפע זעלבסטלאָזע ליבע צו יידישער ליטעראַטור און קולטור, וועלכע צווייפלט נישט און זוכט נישט קיין היתרים. גרויס און אַן עניו. אַ תלמיד־חכם און גוט, מענטשלעך, איינפאַך. ער האָט געהאַט אַרום זיינע מעלות אויך אַלע מידות, וואָס האָבן אים ראוי געמאַכט צו ווערן די צענטראַלע פּערזענלעכקייט פון אַלע שעפערישע כוחות".

אַזוי ווי ביי שלום־עליכמען, אַזוי ביי אליעזר שטיינבאַרג, רעדן אין אַ ווונדערלעכן יידיש דער חי און דער מידבר, דער דומם און דער צומח. אין זיין כוונה — פּרציש, אין זיין פאָרעם און אויסדרוק שלום־עליכמיש. „די נאַטור און

די ביבל זיינען געווען די קוואַלן זיינע. דאָס פעלד, דער בוים, די בלום, אַ גרעזל — עס איז קוים זיך פאָרצושטעלן ביז צו וועלכער מדרגה עס איז דער־גאַנגען שטיינבאַרגס ליבשאַפט צו דער נאַטור בשעת איר וואַקסן. עפּעס ענלעכעס האָבן מיר געהערט נאָר דערציילן וועגן זיידן מענדעלע מוכר־ספרים. און אויך אַזוי ווי מענדעלע, איז ער געווען פאַרליבט אין דער ביבל, אָדער ווי שטיינבאַרג פלעגט זי רופן, פּשוט און אַלטמאָדיש: „דאָס תּנכ״ל". „דברה תּורה כלשון בני אדם" (די תּורה האָט גערעדט אין דער מענטשלעכער שפּראַך) — אַזוי דער גרויסער קינסטלער. אַ שפּראַך פריש און צאַפּלדיק וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע ירושה. אַ שפּראַך וואָס רעדט צום יחיד און צום כּלל, אַ שפּראַך פון דביקות און בענקעניש. אַ שפּראַך וואָס לייגט איר שטיינבאַרגישן שטעמפּל אויף דער יצירה. אין וואָרט „וישא את משלו" (און ער האָט פאַרגעטראָגן זיין משל) — שטעקט אַ גרויסער שירה־קוואַל.

אַ שיינע עצה: לאָמיר זיי אויסרעכענען — אַוודאי פאַרגעסן אַ סך: שלמה המלך וואָס האָט לויט דעם כראָניקער פון מלכים א׳ פאַרפאַסט דריי טויזנט פאַבלען. דער האַלב־לעגענדאַרער גריך עזאָפּ. דער רוימער פעדרוס, די מיטל־עלטערלעכע ר׳ ברכיה הנקדן — דער בעל־„משלי שועלים" און ר׳ יצחק סאַהולאַ, דער בעל „משל הקדמוני", די מאָדערנע: לאַפאָנטען ביי די פראַנצויזן, קרילאָוו ביי די רוסן, י. ל. גאָרדאָן מיט זיין פאַבל־דיכטונג און יהודה שטיינבערג מיט זיינע פּראָזע־משלים אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. און אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — אליעזר שטיינבאַרג. מיר וואָלטן נאָך אפשר געקענט צוגעבן: ר׳ מרדכילע טשעמערינסקי, מ. ז. טקאַטש, פּרץ מיראַנסקי א״אַ.

שניידן זיך אַריין די שורות: „טרויריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער! ביטער! מיט אַ משל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר". „דער אויפברויז קעגן עוולות און אַכזריות, דער פּאָסטולאַט פון ליבשאַפט און רחמים לכל אשר נשמה באפו" (דב סדן). „העי, העי, העמערל — / קומט צו מיר אין קעמערל! איך וועל אייך עפּעס ווייזן — / אונטערן שווערן האַמער קרעכצט און וויינט דאָס אייזן". מיר זענען אַריין אין זיין קעמערל און געזען דעם שווערן האַמער און אויך דעם בונט פון דעם אייזן.

דערציילט אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט: ווען דער גרויסער רומענישער פּאָעט טודאָר אַרגעזי האָט אין 1947 געלייענט שטיינבאַרגס משלים אין רומענישער איבערזעצונג, האָט ער אָנגעשריבן אַ קורצן אָפּרוף אין אַ טאָגצייטונג (אָדע־ווערול) ווו ס׳איז פאַראַנען אַזאַ דיאַלאָג צווישן אים און שטיינבאַרגס גייסט, אַראָפּגעקומען פון טראַנסצעדענטאַלע ספערן:

— צי איז אייך ניחא, וואָס מען קלאַסיפיצירט אייך ווי אַ פאַבוליסט?
— לאַוו־דווקא — האָט שטיינבאַרג געענטפערט.

— איר זענט אַ לירישער פּאָעט, מיין ליבער, מיין פאַרערטער, אַ סענטימענטאַלער און גאָר אַ צאַרטער...

קומען מיר אָן צו אַהרון צייטלינס שירה. ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטיין, דאַרפסטו אין זיין לאַנד גיין. און נישט נאָר אין זיין לאַנד, נאָר צו זיין היים, צו דער סביבה פון וואַנעט ער האָט געשעפּט די גייסטיקע קוואַלן. אַהרון צייטלין, אין אַן עסיי צו זיין פאָטערס בוך „ר׳ נחמן בראַצלאַווער״, דערציילט וועגן זיין היים, דער עיקר וועגן זיין פאָטער הלל צייטלין. אין אַ העברעיִשער פּאָעמע „אבי״, זאָגט אַהרון: „אני ידעתי איש משורש נביא, זה היה אבי״. „איך האָב געקענט אַ מענטשן וואָס וואָרצלט אין נביא, — דאָס איז געווען מיין פאָטער. אַ מענטש פון זיין דור, פון דער וווּנדערלעכער פּוילישער ייִדישער גאַס, וועלכע האָט זיך געטוקט אין חכמה, פילאָסאָפיע, רעליגיעזע ראַנגלענישן, סודותדיקע וועלטן, ניגלה וניסתר. אַ ייִדנטום פון חלום אוןווירקלעכקייט און דו האָסט ניט געוווּסט ווו הייבט זיך אָן דער חלום און ווו ענדיקט זיך די ווירקלעכקייט. אַ מענטש מיט אַ שבתדיקער נשמה, אַ שבת, ווו אויך דער אינדערוואָכן ווערט באַלויכטן מיט אַלע זיבן זונען. דער טאַטע איז געווען אַ טיפער דענקער, אָבער די היים האָט געעטעמט נישט נאָר מיט קבלה, מיט חסידות, מיט ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו, מיטן בעש״ט; נישט נאָר מיט אַ ייִדישן ניגון, נאָר אויך מיט שעסטאָוו, דאָסטאָיעווסקין, ניטשען א״אַ. אַ טיפער דענקער וועלכער האָט געוואָלט פאַרשטיין נישט נאָר די ייִדישע סודותדיקע וועלטן, נאָר אויך גיין אויף אַלע וועלטשליאַכן״. אין אַהרון צייטלינס שטוב איז אַרומגעגאַנגען אַ נביאישער ייִדישער גייסט. אין זיין היים איז אַרומגעגאַנגען דער גרויסער געשריי פון דער צוקונפטיקער חורבן־וויזיע, און דער קול־דממה־דקה פון תּהילים, פון תּפילה. ווי זינגט ער דאָרטן: „ייִדיש הייסט איינזאַם, / איינזאַם הייסט תּפילה״... אין זיין היים איז אַרומגעגאַנגען אַ סודותדיקע וווּנדערלעכע געשטאַלט, וואָס האָט פאַרמאָגט צוויי גרויסע, טיפע ייִדישע אויגן. אַ בעל־תּפילה לעבן שטענדער, איינגעוויקלט אין זיין טלית און פון מאָל צו מאָל האָט זיך אַרויסגעשריען ממעמקים אַ שאלה צו גאָט. דער טאַטע זיינער האָט געזוכט מיטדאַוונערס. אַ מאָל האָט ער זיי געפונען אין אַ חבדער שטיבל, אַ מאָל אין ייִדישן ליטעראַטן־קלוב, צוזאַמען מיט די ייִדישע שרייבערס, אָבער דער עיקר האָט ער געטראָפן די מיטדאַוונערס אויפן ייִדישן מאַרק. ער האָט דאָרט געטראָפן דעם פּשוטן ייִד, און דעם תּלמיד־חכם. ביידע אַרומגענומען מיט חברשאַפט און אהבה, מיט ביידע זיך דורכגערעדט און אַוועק ווייטער זיין וועג, שפּינען און וועבן זיין פּאָעטישן וועלט־חלום און ייִד־חלום. אַהרון צייטלין שרייבט אַז זיין פאָטער איז געווען טרויעריק־פריילעך, ייִאושדיק־בשורהדיק. זיין האַרץ האָט זיך געבראָכן פון רחמנות איבער אַן אָרעמער פּשעקופּקע (הענדלערין) ביי די וואַרשעווער

האַלעס, און איז צו גלייך געווען פול מיט אַנונגען פון אַ מקובל וואָס וואַרט אויף משיחס קומען און רעדט אין חלום מיט נשמות פון פאַרצייטן און פון איבער־איבער־מאָרגן.

די שטוב איז געווען פול מיט מוסר־ספרים. די שטוב איז געווען פול מיט תפילה. מיט הסתּכּלות. מיט התבוננות. אַריינקוקן. זען. האַלטן אָפן די אויגן. די שטוב איז שטענדיק געווען הונגעריק נאָך גאָטס וואָרט, נאָך אַ ברעקל אמונה, אָבער אויך נאָך וואָכעדיקע, יושרדיקע ווערטן, כּי לא רק על השבת לבד יחיה יהודי. נישט נאָר אויפן שבת לעבט אַ ייִד, ער לעבט אויך אויף זיין וואָך, אויף די פאַרפראַצעוועטע זעקס טעג. הלל צייטלין האָט אין דער יוגנט צונויפגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פון געדאַנקען איבער דעם מענטש. ער רופט זי: „תּורת־האדם". די אַנטאָלאָגיע איז קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער דער קליינער אַהרון האָט אָפט אַריינגעקוקט אין דעם געבונדענעם עקזעמפּלאַר פון יענעם קאַליגראַפישן ספר, און האָט מיטגענומען אויף זיין לעבנסוועג אַ סך וויסן און ידיעה פון דעם ספר מיטן נאָמען: תּורת־האדם. אין אַזאַ היים פון אמת־זוכערס, פון אייביקע פראַגעס, פון זוהר, פון קבלה, פון טראַכטן, פון טיף רעליגיעזער מחשבה איז אַרומגעגאַנגען אַ קליינער וואַסער־טרעגער אַהרון און האָט געשעפּט פולע עמערס פון זיין טאַטנס ברונעם.

דער פאָטער זיינער האָט אויך אין די יונגע יאָרן געשריבן אַ בוך מיטן נאָמען: „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס ביי ייִדן און אַנדערע פעלקער", ווי אויך אַ שפּינאָזאַ־מאָנאָגראַפיע, וואָס האָט צו טאָן מיט שפּינאָזאַס באַהויפּטונגען וועגן ייִדישקייט. דערנאָך האָט ער געשריבן אַ ווערק: ווי אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין די ייִדישע געשיכטע און אַנדערע ווערק וועלכע האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע השפּעה אויף דער ייִדישער גאַס און דער עיקר אויף זיין יונגן זון: אַהרון.

דער חבדישער ניגון איז אַריין אין אַהרון צייטלינס ליד, ווייל ער האָט דעם ניגון מיטגענומען פון זיין היים. דער ניגון האָט געפירט דעם טאַטן און דעם זון צום קוואַל פון לעבן. הלל צייטלין איז געווען אַ גוטער חבר פון ברענערן, איז דאָך גאָר קיין צופאַל ניט וואָס דער זון אַהרון האָט אָנגעשריבן אַ וווּנדערלעכע דראַמע „ברענער".

הלל צייטלין איז געווען אַ פּערזענלעכקייט פון אַ סך סתּירות, ווי זיין אַהרון. די סתּירות האָבן זיך באַוויזן אויף זוכן ייִדישע שיינקייט, אם לא למעלה מזה, אין זיין אַריינגעדרונגען אין אַ וועלט פון מיסטעריע און אין זוכן די אונטערשטע ר ע אַ ל י ס ט י ש ע שורה פון ייִד; העכסטער הימלישער גלויבן און זיין אַריינגעטאָן אין וועלטן פון קאָנקרעטער וויסנשאַפטלעכקייט. אַ שווערער פּראָצעס פון שאַפן: לעבן דעם גלויבן לעבט דער ספק, לעבן דעם ייאוש עטעמט שטאַרק דער בטחון. עס ראַנגלען זיך קעגנזייטיקע כּוחות. תּורת־האדם. די תּורה

פון מענטש. און דער מענטש איז אַ צעריסענער אין זיינע סתירות. אויף דער ייִדישער גאַס אין וואַרשע גייט אַרום אַ גרויסער ייִד אין אַ פּעלערינע, און הונדערטער מענטשן גייען אים נאָך. דער מענטש הייסט: י. ל. פּרץ. אַ געשטאַלט וואָס זוכט פאָלקסטימלעכקייט און פאַרקניפּט און פאַרבינדט וועלטן אין זיינע חסידישע מעשׂיות. אַ מענטש מיט אַ זעלטענער אינטויִציע. פּרץ איז געווען דער וואָס האָט אונדז געגעבן פּסיכאָלאָגישע פאַקטן פון דער רעליגיע. ער האָט אונדז געגעבן לעבן דער וואָכעדיקער פאָלקסטימלעכקייט רעליגיעזן צאַפּל, רעליגיעזן ציטער. אָט איז דער וואַסער־טרעגער. אָט איז דער פּרוש. אָט זענען געשטאַלטן וואָס זוכן דעם חטא און ווערן געלייטערט מיט הויכע הימלישע ניגונים. אָט זיצט אַ העלד איבערגעבויגן איבער די קבלה־ספרים, בכדי צו האָבן דעם כּוח אַרויסצורופן ליליתן, לכּבוד וועלכער ער זינגט „בואי כּלה" און מיט וועלכער ער טאַנצט אַ פלאַמענדיקן ריקוד. דער פּרוש האָט זיך אויסגעלענקט. זיין רעליגיעזע וועלט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון ליליתן. ער לעבט אין סתירות. אין ייִאוש. אין גלויבן. אין ספק און אמונה. אַ נשמה וואָס האָט געזוכט קאָנטאַקט צו גאָט, האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט. מיט פּרצן האָט הלל צייטלין געשלאָסן אַ בונד און זיי זענען נאָענט געווען. פּרצעס גייסט איז אויך אַריבער צו דעם יונגן אַהרון צייטלין. און אויך אין זיין ווייטערדיקער העברעיִשער און ייִדישער שאַפונג געפינען מיר אַ דיכטער וואָס זיין נשמה האָט געזוכט דעם קאָנטאַקט צו גאָט און נישט איין מאָל אים פאַרלאָרן.

פּרץ הייבט אָן זיינע מעשׂיות פון נחמנען, לאמור, אַזוי צו זאָגן: „די מעשׂיות פלעגט ר׳ נחמנקע דערציילן נאָך הבדלה. און וויסן דאַרף מען, אַז תּכלית המעשׂה איז געווען, ערשטנס מגלה צו זיין סתרי־תּורה, וואָס מען קען נישט מסביר זיין נאָר בדרך־משל און צווייטנס — צו פאַרטרייבן די מרה־שחורה, דאָס עצבות און בענקעניש צו דער נשמה־יתירה, וואָס טוט זיך אָפּ אויף אַ גאַנצע וואָך. די בשׂמים, פלעגט ער זאָגן, גיבן זייער ריח פאַרן גוף, די מעשׂהלעך — פאַר דער נשמה, פאַר דער פאַריתומטער, וואָכעדיקער נשמה". פון אָט די ר׳ נחמנס מעשׂיות פון פּרצן האָט אַהרון צייטלין געשעפּט די אינספּיראַציע פאַר זיינע ערשטע לידער. עצבות. נשמה־יתירה, דער ווילן צו פאַרטרייבן די מרה־שחורה. דאָס ערשטע ליד אין זיינע געזאַמלטע לידער הייסט: „די קליפּה פון עצבות". און דאָרט זינגט ער: „און וואָס וועט זיין, ווען טרער און טויט פאַרשווינדן / און ס׳ווערט די גאַנצע ערד באַדעקט מיט פרייד / ווי ס׳איז דער פליין פון ים באַדעקט מיט אינדן? / צי וועסטו, מענטש, נישט בענקען שטילערהייט / נאָך ווונד און ווי פון אַלטע בייזע צייטן? / אָן פּיין איז פרייד אַ הימל אָן אַ גאָט / און קיין שום גליק קאָן טרערן נישט פאַרבייטן". דאָס איז אַ טראַגישע, גייסטיקע געשטאַלטונג: פון איין זייט וועלן פאַרטרייבן די מרה־שחורה און פון דער צווייטער זייט, דער וויסן אַז אָן עצבות, איז קיין לעבן ניטאָ. אַז אַ הימל אָן

פרייד איז ווי אַ הימל אָן פיין. מ׳דאַרף פאַרבינדן ביידע וועלטן: די פיינפולע און די פריידפולע. קיין שום גליק קען טרערן ניט פאַרבייטן. ווייל אַ טרער באַפרייט דעם מענטש פון קלעמענישן, פון צער און וויי. אין טרער ליגט פרייד. דאָס איז פרצעס־נחמנקעס מעשׂיות. פרצעס אידייע, ווי די יונגע אידייע פון אַהרון צייטלינען, אַרויסגעשעפּט פון זיין טאַטן און פרצן: באַדינען די פאַריתומ־טע, וואָכעדיקע נשמה און מגלה זיין סתרי־תורה, אַנטפּלעקן אין די טיפקייטן פון מענטש דעם געלעכטער און די טרער. דערקלערן וועגן און אומוועגן פון צער און פרייד. אַזוי ווי פרץ האָט געטובלט זיין פּראָזע אין רעאַליטעט און פּאָעזיע, אַזוי אויך איז אַהרון בן־הלל פון ערשטן טראָט אין דער פּאָעזיע געווען פאַרבונדן מיט דער רעאַלער וועלט און מיט פּאָעזיע. אַזוי ווי ביי פרצן, איז זיין טעמע געווען אַן אַסאָציאַציע פון זיינע איבערלעבענישן, אַזוי אויך ביים יונגן אַהרון צייטלין. און אַזוי ווי פרץ האָט ליב געהאַט צו מאָלן טיפן, קאָנטראַסטן, ווי אין זיינע דערציילונגען: „אָראָפּגעלאָזטע אויגן״, „מענדל ברייגעס״ (מאַן און ווייב), „ביים גוסס צו קאָפּנס״ (לייבל און נחמנקע), „אַ קאַפּיטל תהילים״ (דער פּרוש און דער וואַסער־טרעגער), „מוסר״ (חנה און גרוינע), אַזוי אויך אַהרון צייטלין, בויט שוין פון זיינע יונגע יאָרן אַ וועלט פון קאָנטראַסטן, פון זינדיקע און גאָט־געבענטשטע גלייביקערס, פון רעוואָלוציאָנערן און ייִאוש־מענטשן, אָן אַ פונק פון גלויבן און אמונה. אַ וועלט מיט קאָנטראַסטן, — אפשר דערפאַר האָט אים ברענער אַזוי פאַראינטריגירט.

כדי צו פאַרשטיין פרצן, — דאַרף מען האָבן ספּעציפיש פילנדיקע סטרונעס אין דער נשמה. אַזוי אויך צייטלינען. ווייל אַ שרייבער אָדער אַ דיכטער וועלכער פאַראייניקט ליד און פּראָזע, בויט אַ באַזונדער וועלט ווו עס פאַלן די מחיצות פון ממשותדיקייט און דמיון, — ווערט קאָמפּליצירט, און מ׳דאַרף צו אים האָבן אַ באַזונדער שליסל צו עפענען זיינע אוצרות.

אַהרון צייטלין האָט געהאַט אַ גוטע היים פון זיין טאַטן און פון פרצן, אַ צוגעפּאַסטן קלימאַט, כדי צו פאַרפלאַנצן אין זיך געפילן, פון וועלכע עס זאָל אַרויסשפּראָצן און אַרויסוואַקסן אַזאַ דיכטונג ווי מיר לייענען זי אין זיין גאַנצער יצירה, אַזאַ דראַמע און אַזאַ עסיי ווי אַהרון צייטלין בויט זיי. פון די טיפסטע טיפענישן וועקן זיך אויף אין זיין ליד מיסטעריעס, זעט אויס אַז די מיסטעריעס האָבן אין אים געדרימלט אַ סך יאָרן, ביז זיי זענען צייטיק געוואָרן. אַלע נשמה־רייכקייטן האָט ער מיטגענומען פון זיין וואַרשעווער היים, אַלע געפיל־סיטואַציעס, אַלע צאַפּלענישן פון דער אויסערלעכער און דער אינערלעכער ייִדישער וועלט. גערעכט איז דאָך ביאַליק אין זיין ספּיח אַז אַ מענטש זעט נאָר איין מאָל: אין זיינע קינדער־יאָרן, און וואָס ער האָט געזען אין די קינדער־יאָרן נעמט ער מיט אין זיין נשמה און האַלט זיי טיף אין זיך זיין גאַנצן לעבן.

אַ סך לירעס און אַ סך האַרפעס אין צייטלינס ליד. אָבער אויך אַ סך פויקן.

ווייל אַ דיכטער, וועלכער שאַפט אין משך פון פופציק יאָר, קען ניט שטענדיק שפּילן אויף אַ פידל, פון מאָל צו מאָל מישט זיך אַריין די פּויק און לעבן דער דממה־דקה דערהערן מיר אַ געשריי. אַ געשריי פון אַ הונגעריקן וואָלף אין וואַלד.

אַזוי ווי פּרץ האָט אויסגענוצט פאַרשיידענע חסידישע מעשׂיות און זיי אַריינגעגאָסן אין זיין וואָרט, אַזוי האָט אַהרון צייטלין אויסגעהערט פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן צדיקים, חסידים, מקובלים און אַריינגעגאָסן זיי אין זיין ליד. אַלע משיח־בענקענישן, אַלע די וועלכע זענען געגאַנגען אויף גבורהדיקע און גליטשיקע וועגן, אויף דעם וועג פון גאולה, וועט איר געפינען ביי אַהרון צייטלינען. האַמלעט, דאָן־קישאָט, פאַוסט האָבן אייביק עקסיסטירט, ערשט שעקספּיר, סערוואַנטעס און געטע האָבן זיי געמאַכט פאַר לעבעדיקע געשטאַלטן. דאָס זעלבע האָט אַהרון צייטלין געטאָן מיט די מקובלים. מיט ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו. מיטן קאָצקער. מיט די העלדן פון געראַנגל און דורכפאַל.

דאָרטן ווו ס׳איז דאָ קידוש־השם, דאָרטן איז דאָ אַהרון צייטלין. דאָרט ווו פּראָמעטעוס איז צוגעשמידט צום פעלדז און גיט זיך ניט אונטער ווייל ער ברענגט דעם פייער דער מענטשהייט, דאָרט איז דאָ אַהרון צייטלינס ליד. „איך גיי, איך גיי" — רופט אויס דער גוסס, דער פּשוטער נחמנקע פון זבאַראַזש, בכדי צו גיין מיט די וואָס ליידן, מיט די געפּלאָגטע אין גיהינום, — דאָרט הערט איר אויך אַהרון צייטלינס קול: איך גיי, איך גיי, איך בין אַ גייער אויף די אייביקע יידישע וועגן, זיין מיט די מיטליידנדיקע, מיט די וואָס טראָגן צער און יסורים אין זייער האַרץ...

אין אַהרון צייטלינס ליד איז דאָ אַ סך גלויבן, אָבער זיין ליד איז אויך דורכגעאַקערט מיט ספקות. מיט טויזנטער שאלות. מיט: למה? מדוע? ווייל מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דיכטער אַ פילאָסאָף, וועלכער טראָגט אין זיך אַ וועלט מיט אומרו. ער טראָגט אין זיך דעם שטומען פּירוש און איובס ווייגעשריי. ביי פּרצן שטייט געשריבן: „האָב נישט ליב דעם ים ווען ער לאַשטשעט זיך צו דיר ווי אַ קאַץ, נאָר ווען ער וועקט זיך אויף ווי אַ לייב". די קאָנטראַסטן פון אַ לאַשטשענדיקן ים, און אַ ים וואָס וועקט זיך אויף ווי אַ לייב, — וועט איר געפינען לענג־אויס אַהרון צייטלינס יצירה.

אין אַהרון צייטלינס דיכטונג איז דאָ אַ געזאַנג פון זאַוויערוכעס, פון שטורעמס, נישט נאָר אויף דער ערד, נאָר אויך אין די הימלען. ווייל דער דיכטער גייט איבער שטחים פון צייט, פון דור צו דור, פון פלאַם צו פלאַם, פון פייער צו פייער, פון חורבן צו חורבן, מיטן דראַנג אַנטקעגנקומען צי דאָ צי דאָרט דעם אָדם־משיח.

אַהרון צייטלין איז פון די גרעסטע ליריקערס אין דער יידישער שירה.

אין איינעם פון זיינע לידער סך־הכּלט אַהרון צייטלין זיין אַני־מאמין: דער אני־מאמין איז פול מיט דיכטערישער אַנלאָדונג. זאָגט אַהרון צייטלין: ווי קען

ער גלייבן אין שפינאָזעס גאָט, אַ גאָט וואָס קען ניט ענדערן דעם באַשאַף; אַ גאָט וואָס איז געוואָרן אַליין געזעץ, און ביים געזעץ איז ער געוואָרן אַ נעבעכדיקער שקלאַף. אַ גאָט אָן גרוילן, אָן נסים, ממש אַ קאַלטער אַפּיקורס. אַ גאָט, וואָס וויל אים נישט קענען. וואָס אַרט דען שפינאָזעס גאָט, אַז ער, דער ייִדישער דיכטער, צוזאַמען מיט זיינע ברידער וועלן ברענגען אויף אַלע פייערן עד סוף כל הדורות. שפינאָזעס גאָט איז אַ מאַטעמאַטישער. אַ בעל־חשבון. ווי קען אָנקומען צו אים דער ייִדישער געשריי פון פּיין, פון יסורים? אַפילו די מלאכים זיינע זענען ציפערן. און ווי קען ער, דער ייִדישער דיכטער, גלייבן אין אַ גאָט וואָס באַמבלט זיך אויף אַלע צלמים. אַ גאָט פון עבודה־זרה, וואָס פאַרגיט פאַרויס גילוי־עריות און שפיכות־דמים; ווי קען ער גלייבן אין די קלויסטערגלאָקן, אַ גאָט וועלכער האָט אפשר צוגעהאָלפן פאַרגאַזן, פאַרסמען, פאַרברענען. דער סך־הכל איז אַ שווערער, ווייל ער קריכט אַרויס פון זיין ראַציאָנאַליסטישער נאָרע און גייט אַריין אין אין־ברירה. ער קען עס ניט באַגרינדן. אָבער ווייסן ווייס ער אַז ער האָט קיין ברירה ניט, נאָר צו גלייבן אין דעם גאָט פון תהילים און פון סידור, און נאָר צו אים אַליין שרייען, ווייל אָט דער לירישער גאָט פון תהילים און פון סידור שלאָפט ניט אין דעם שטייפן געזעץ. אמת טאַקע, איך קען זיינע מעשים ניט באַגרייפן, אָבער ער דערלויבט מיר לייגן מיין אַש צו זיינע פיס.

אַהרון צייטלין גלייבט אַז זיין ייִדישער גאָט ליידט צוזאַמען מיט אים. ער שרייט צוזאַמען מיט אים. ער גלייבט אַז ער וועט אים אַרויסנעמען פון אַלע עקדות און פון אַלע פייערן. אין די ייִדישע הימלען שטעקן איכה און שיר־השירים. אָט פאַרלירט דער ייִד זיין גאָט און אָט געפינט ער אים צוריק. אַהין־צוריק פון חסדים און דינים. סיני און מיידאַנעק. ליריק געבונדן צו דער וועלט פון בראַצלאַווער, צום חסידישן ניגון, צום בעל־שם־טוב, צו ניגונים וועלכע זענען דער שורש פון אַלע נאַטורקלאַנגען, פון ציטער פון בלאַט, פון שאָרך פון ווינטל וואָס וויגט זיך ווי אַ תפילה איבער באַרג און טאָל...

אַהרון צייטלינס ליריק איז די באַפליגלטע פאַנטאַזיע וואָס ווישט אָפּ גרענעצן, פאַראייניקט עבר און הווה. דער פּאָעטישער לירישער כוח קוועלט מיט הויכן פּאַטאָס און אויך מיט דממה־דקה. דער דיכטער אַהרון צייטלין, אין אַ וועלט פון ליקוי־גאָט, דערשפּירט דאָך, אַז ער איז אַ שיר פון זיין טאַטן הלל צום ווייטער, און זיין תפילה איז המשך.

לאָמיר זיך ווענדן צו „מיין לעקסיקאָן", צווייטער טייל, און זען ווי אַזוי מלך ראַוויטש מאָלט זיין אייגענעם פּאָרטרעט. בקיצור זעט עס אויס אַזוי:

זיין ריכטיקער גאַליציאַנער נאָמען: זכריה בערגנער. ער האָט מקנא געווען דעם דיכטער מלך כמעלניצקי פאַר זיין שיינעם סלאַווישן נאָמען און האָט ליב

געהאַט דעם מיסטעריעזן העלד פון לאַמעד שאַפּיראַ „אויפן ים" — יאַנקאַ ראַוויטש. און אַזוי איז ער געוואָרן מלך ראַוויטש. צו זעקס יאָר האָט אים אַ דינסט אַ מאָל מיטגענומען צום שוחט. און דאָ האָט ער זיך דערוווּסט, אַז נישט נאָר מענטשן האָבן נשמות, נאָר אויך עופות. צו 18 יאָר איז ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט געוואָרן אַ וועגעטאַריאַנער.

אויב ראַוויטש פאַרמאָגט אַ פונק אינטעליגענץ, שטאַמט עס, לויט זיין מיינונג, פון זיין מוטער. ווען ער איז אויפגעוואַקסן אַלס דיכטער, עסייִסט, דענקער — ער שרייבט אין סך פאָרמען — האָט ער געזען פאַר זיך צוויי אמונות: גלויבן אין שליחות פון ייִדישן פאָלק און אין שליחות פון דער ייִדישער ליטעראַטור. עד־כאן: מלך ראַוויטש על מלך ראַוויטש.

פון זיין מוטערס ספר — מרת הינדע בערגנער — „אין ווינטערדיקע נעכט" באַקענען מיר זיך מיט זיין היים. פון זיין ספר „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן" — לערנען מיר אַ סך פּרטים פון זיין שרייבערישער מלוכה.

מלך ראַוויטש איז אין זיין לעבן געווען נישט נאָר דיכטער, פּראָזאַיִקער, עסייִסט, נאָר אַן אינסטיטוציע. אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט נישט קיין סטאַביל אָרט. אַן אינסטיטוציע, וואָס איר נאָמען איז מענטש, דער ייִדישער מענטש אין זיינע געראַנגלען, די פריינדשאַפט און חברשאַפט, וואָס ווערן אויסגעשמידט אויף די באַריקאַדן איבער די רחבותן פון דער וועלט, בעת זיי שטייען דאָרט מיט זייער לעבנס־מאָראַל אומבאַשיצט אין אַן אכזריותדיקער וועלפישער וועלט; אַן אינסטיטוציע פון איבערגעגעבנקייט צו יעדן ייִדישן דיכטער און אָנהייבער, צו יעדן יונגן פּראָזאַיִקער. מלך ראַוויטש איז צום אַלעם ערשטן געווען אַ מ אָ ר אַ ל י ס ט, אַ מאָראַליסט וואָס האָט געזוכט שייכותדיקייט פון ברודער צו ברודער, פון מענטש צו מענטש. אין דער זאַמלונג „עיקר שכחתי" שרייבט דער דיכטער אַ תּפילה צום פּנים פון מענטש: „אָ דו, וואָס די קרוין פון די קרויגען ביסט / און פון אַלע ווערטן די מאָס פון ווערט, / טו אַזוי אַז דיין פּנים זאָל נישט זיין, / דאָס לעצט פּנים פון אַ מענטש / אויף אונדזער מאַמע ערד".

אַ דיכטער, וואָס קניט פאַרן פּנים פון מענטש. זיין אויג — ווי אַ בליק פון טויזנט מאַמעס אויף זייער קראַנקן קינד. אַ דיכטער, וואָס פיבערט מיט טרערן און מיט בלוט — און דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק אין זיינע לידער — פאַרן מענטש אין זיינע געראַנגלענישן...

מלך ראַוויטש איז אַרומגעגאַנגען אויף אַלע שטחים פון יצירה, כּדי צו זען דעם יחיד און דעם כּלל אין זייער אומרו. ייִדישע ליטעראַטור דערציילט אַ סך פון אָרעמשאַפט, פון איינזאַמקייט, פון אַ ווייסער בעריאָזקעלע, וואָס איז מתפּלל אויף איינזאַמע וועגן פאַרן מענטש, פאַרן ייִד; פון חורבן און גלייבן אין דער צוקונפט, פון ייִדישן פּחד און צאַפּל פאַר זיין המשך.

שלום־עליכם האָט געזען איוואַן פּאָפּאָרילען, דעם אַכזריותדיקן גלח מיטן

הונט, און ער האָט געשאַפן זיין טוביהן — דעם ייִד פון גלייבן אויף זיין שטייגער, קעגן די וואָס ווילן אים פאַרטיליקן. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע קיין אַמעריקע און דער פאַרהאָרעוועטער ייִד איז דערשינען אינעם שוויצשאָפּ מיטן פּרעסל אין האַנט, איז אויפגעקומען דאָס סאָציאַלע ליד, איז אויפגעקומען מאָריס ראָזענפעלד, אַ טרייסטער, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך צאָרן און פּראָטעסט.

דער ייִדישער דיכטער און דער ייִדישער שרייבער האָבן תּמיד געגעבן זייערע לייענערס דאָס אין וואָס זיי האָבן זיך גענייטיקט אין זייערע שווערע טעג. און מלך ראַוויטש האָט באַלד אין אָנהייב פון זיין שאַפן דערקענט דעם באַזונדערן געוועב פון זיין דור.

דאָס איז געווען ס׳יאָר 1913, אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת דער דיכטער האָט אין יעדן דריטן וואָרט דערזען בלוט. איז ער געוואָרן דער שקלאַף פון פּחד פאַרן וואָרט: ב ל ו ט. דער פאַקט, וואָס האָט זיך געוואָרפן פאַר זיינע אויגן, דער פאַקט פון די אָנקומענדיקע בלוט־טעג — אים האָט ער געגעבן אויסדרוק פון זיין אָנהייב אָן, אָפן אָן פאַרהוילעניש. די טעכניק פון זיין ליד האָט זיך צוגעאייגנט די פּראָזאַישע שורה, און די פּראָזע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שיר.

אַ גלייכן צו זיך האָט ער געהאַט אין דער ייִדיש־ליטעראַטור: יעקב גלאַטשטיינען, וואָס האָט אין דעם געזען זיין ספּעציעלע שליחות: צו זען אין די פּראָזאַישע שורות וואָס אין דער דיכטונג די גרויסקייט פון ליד. מלך ראַוויטש קומט ניט מיט קיין געציקלטע אויסדרוקן, ער איז נישט פאַרכאַפּט פון צויבער פון די שפּראַך־פּאָלירערס, כאָטש ער האָט ניט ווייניק בייגעשטייערט דער ייִדישער שפּראַך, אויסצוברייטערן אירע גרענעצן און אויסצעשפּרייטן אירע רחבותן. ער וויל זען דעם מ ע נ ט ש. רעדן צו אים. שטאַמלען צו אים. אָבער נישט קומען צו אים מיט זשאָנגלירעריי, וואָס ווערט אָנגערופן: ווירטואָזישקייט; נישט באַצווינגען עמעצן מיט אויסגעפּראַנטעוועטער קאָקעטעריע, אַלע דורך נשמה־פאַרבינדונגען, דורך קלאָרקייט: „נ אַ ק ע ט ע ל י ד ע ר". מלך ראַוויטש איז געקומען און דערציילט דעם ייִד־מענטש וועגן זיין שטעטל רעדים און וועגן די וועלף, וואָס שאַרפן זיך די ציין אים צו פאַרצוקן; און וועגן פּוילישן ייִד האָט ער דערציילט, וועלכער בויט זיין לעבן ביי די ברעגן פון דער ווייסל; און וועגן שפּינאָזען האָט ער דערציילט זיינע ברידער ייִדן, ווייל אויך ע ר האָט געטרונקען פון דער איינזאַמקייט, ווי עס טרינקט דער שניטער אין מיטן ברענענדיקן טאָג.

מלך ראַוויטש איז אַ ליריקער. אַריינגעטאָן אין פילאָסאָפיע, ייִדישע פּראָבלעמען, און דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין אַ כאַליאַסטרע־מענטש, אַ צעשויבערטער דיכטער מיט בראָדערזאָנען און מיט פּרץ מאַרקישן.

זיינע ביכער זענען מקורות פאַר פאָרשן יידיש לעבן אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. אַ מאָראַליסט, וועלכער וויל, ווי לייוויק אין זיין ליד „אָפּענע הימלען", אַז ניט גאָט זאָל אים קומען אַנטקעגן, נאָר אַ מענטש, מיזרח — דו, דרום — דו, צפון — דו, מערב — בתּנאַי: דו — דער מענטש. ווייל מלך ראַוויטש איז צום אַלעם ערשטן אַ מאָראַליסט. און ווען ער קומט אָן צו די תּנ"ך־בלעטער, וויל ער די זעלבע עשרת־הדברות, נאָר דער „אָנוכי" זאָל זיין דער מענטש. אויב אַפילו אין „עיקר שכחתי" לייענען מיר אַ שורה: „מענטש איז דיין גרעסטער טעות — אַ, דו אַנטעוּותדיקער גאָט".

אין יידישן לעבן ראַנגלען זיך צוויי כּוחות: הלכה און אגדה. מלך ראַוויטש איז כּולו אגדה, אַגדה מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים, אַגדה מיט מידת־הרחמים, אַגדה פון אַ העלן, אַ ליכטיקן טאָג, וועלכער מוז אָנקומען. צי באחרית־הימים, צי פריִער...

זיין ספר „דאָס מעשׂה־בוך פון מיין לעבן" איז נוגע פאַרשידענע לעבנס־געביטן און זענען ווונדערלעכע כראָניק־קאַפּיטלען פון אַ זעכציק יאָר לעבן אויף באַרגיקע הייכן...

אין מלך ראַוויטשעס קאַפּיטלען שירה און פּראָזע גייט אַרום נישט נאָר דער חורבן, דער טויט, נאָר אויך דער לעבנסדאָרשט פון ייִד. דער אף־על־פּי־כן, וואָס איז דער סם־החיים פאַרן דור אין זיין גערעאַנגל. נישט נאָר שרעק, נישט נאָר גרויל, נייערט אויך אַ תּורה, וואָס רייסט זיך צום לעבן, אַ לעבן פון אַ רשות־היחיד און אַ רשות־הרבים. ראַוויטשעס דיכטונג איז אָפּט מאָל הימנען און אַ מאָל ווי פּרקי תּהילים, געחתמעט מיטן חותם פון נע־ונדן ייִד.

מלך ראַוויטש איז שטענדיק געווען פול מיט געדאַנקען. פּאָעט — מכּף־רגל ועד ראש. ליריש־אינטעלעקטועל. אָפּט מאָל געמאַכט אַנטרינונג פון ליד אונטער די פּאָלעס פון דער שטורעמדיקער צייט, נישט געפונען אונטער די פּאָלעס קיין אמתע אַנטרינונג. אַנטלאָפן צו שפּינאָזען. צו ליד. צו אַלע וועלט־קאָנטינענטן, צו וואַנדערונגען און איבער אַלץ — צו ליבשאַפט, צו די 22 יידישע אותיות. ער איז אַפילו געווען אין געוויסע תּקופות געגנוג רוישיק און רעשיק, אָבער ער איז תּמיד פון אַלע כאַליאַסטרעס אַוועק אין אייגענעם ווינקל פון שטילקייט און פערזענלעכער רו, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט פון גרויסן טראַקט, פון טומל און האַרמידער.

ראַוויטש האָט פון די ייִנגסטע יאָרן געזוכט פּאָעטיש און פילאָסאָפיש — גאָט, אָבער גאָט האָט אַ גרויסע מעלה, אַז מ'דאַרף אים אַפילו נישט געפינען. געגנוג אַז מ'זוכט אים. זוכן און געפינען איז, אגב, אידענטיש ביי ענינים, וואָס שטייען ברומו־של־עולם. ראַוויטש האָט זיך אויך פּאָעטיש און פילאָסאָפיש פאַרנומען מיט מענטש. מענטש — בצלם אלוהים. ער האָט צו אים אַ סך צוטרוי. אַליין — אַ מענטש פון סתּירות. פון הפכים, און אויך דעם מענטש און

וועלט — זעט ער אין סתירה. אַ גלייביקער אין שליחות פון דער ייִדישער ליטעראַטור. זינגט דער דיכטער:

און מיר, / ברידער מענער, / לאָמיר קוקן ביי נאַכט צו די שטערן / און זען זייער פרידלעכן גאַנג / היינט, נעכטן, פאַראַיאָרן, פאַרפירטויזנט יאָרן / די זעלבע בלוי־זילבערנע שבילי שמים, / די זעלבע מילך־זילבערנע דרכים / ווי אין יענער נאַכט, ווען אונדזער פאָטער / האָט אַרויסבאַגלייט די דריי אורחים מלאכים. / אָ, לאָמיר נישט דאַרפן מקנא זיין / די שטערן זייער רו ביים זיין אין איינעם, / דאָס לייכטן און לאַכן זיי נאָר דערפאַר / מיט אַזוי פיל גליק, / ווייל זיי קריגן זיך נישט און זיי שלאָגן זיך נישט / און זענען פאַר דער גאַנצער וועלט / אַ לייכטנדיק משל פון גוטע שכנים".

מיט די אַלע גוטע שכנים איז געגאַנגען מלך ראַוויטש, דער פילאָסאָפּישער ליריקער. אָן שינאה. נאָכגעפאָלגט אַלע נאַכטיקע פענצטער פון ייִדישע היימען און אַלע ליכטיקע שטערן. געשטאַנען ביים שכנישן פלויט פון שעפערישן ייִדישן לעבן, געגאַנגען מיטן ייִד, מיט שירה דורך דערנער־פעלדער, געזאַמלט אוצרות און אין זיין טאַרבע אַריינגענומען דעם באחרית־הימים, דאָס גאָלד פון שלום „טאַקע ווי אויבן אין די שטערן": „דערזע מיך, ברודער, אין מיין טיפן נעכטן / און גיב מיר מיין רעכט אויף מיין ווייטן מאָרגן / און אַזוי זע איך דיך סיי ווי סיי, / דערזע מיך, איין מאָל מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע / און ברידער־לעכן גלויבן".

מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע און ברידערלעכן גלויבן זעען מיר מלך ראַוויטשעס ליריק.

ביי די ברעגן פון פאַרגאַנגענע יאָרן — זינגט פון אונדז אַרויס פאַרציטערט דער ניגון פון נעכטן. ווי אויף כוואַליעס קייקלט ער זיך, אַ מאָל שפּילעוודיק און אַ מאָל שטורעמדיק, אַ מאָל מיט רוגזה און אַ מאָל מיט חסד און חן, אַ מאָל מיט בייזקייטן און אַ מאָל מיט שמייכל. ווי דער פיש קען ניט לעבן אויף דער טרוקעניש, אַזוי קען אַ קולטורמענטש נישט לעבן אָן די אוצרות פון די נעכטיקע טעג... אַ ניגון איז ווי אַ בלאָנדזשענדיקער שטערן, אַפילו ווען ער פאַלט אין ערגעץ ניט אַראָפּ פאַרבלייבט זיין ליכט באַהיט אין האַרץ פון דיכטער און מוזיקער.

ייִדישע דיכטערס, עסייִסטן און גוטע לייענערס געדענקען בראָדערזאָנס ניגון.

אין בראָדערזאָנס דיכטונג האָט דער גוטער ייִדישער לייענער געפונען אַלץ וואָס ער האָט געזוכט: אַ וויטרינע פון כלערליי חנעוודיקע שטיינער, אַ סימפאָניע פון פאַרבן און קאָלירן, אַן עשירות פון ווערטער און קלאַנגען, און אין יעדער וואָרט — צימצום און פאַרשוועַנדערישקייט, אַ פאַרשוועַנדערישקייט פון אַ גביר

וואָס קען זיך דערלויבן; אַ ליד וואָס איז געווען און פאַרבליבן אַ קאַמפּס־אַרענע און דאָך אַ שטילער ניגון כחנה בשילה, אַ ניגון פון תּפילה זכּה, ווען מ׳גרייט זיך צום יום־הדין. לאַנגזאַמע טריט און דאָך אַזוי האַסטיק, אימפּעטיק; געפילן און פאַרגעפילן וואָס שפּילן אויף מיט טויזנטער טראָמפּייטן, און עלעגיע ווי אָנגעמאָסטן צו שעפּטשענדיקע ליפּן; פאַרחידושט און דערשראָקן — און רויִק אין זיין פּראָטעסט און צאָרן. אַ דאַנק טאַלאַנט — אַ צוזאַמענשמעלץ פון סתּירות.

בראָדערזאָן אין זיין ליד „דער קאַרנאַוואַל פון שׂטן" אין זיין בוך „באַגייס־טערונג" (און ווי אַנדערש זאָל הייסן בראָדערזאָנס אַ בוך) האָט געפּרוווט אַוועק־גיין פון שרעק, פון וויי, געוואָלט ווערן אַ תּושב אין דער פאַרכּישופטער מדינה פון נאַכט און שניי. נאָר צווישן האַווענדיקן עולם, ווי עלנט און ווי בלאָס זיין אויסזען, האָט דאָך דער יונגער בראָדערזאָן אין זיין וויזיאָנערישן קאַרנאַוואַל פון שׂטן דערזען פּנימער „פול מיט קעלבערנע התפּעלות — שוויצן, שטיפן און תּאווהדיקע אויגן גלאַנצן אַרום אַ תּהום אַ טיפן"; האָט דאָך שוין דער יונגער בראָדערזאָן פון באַגייסטערונג מיט זיין דיכטערישן אָנגעשאַרפטן חוש דערזען דעם פּירער פון בלוטיק־בונטן קאַרנאַוואַל, דעם אָנפירער פון גאַנצן שפּיל; האָט ער דאָך שוין דאַן געזען זיין אויסגעקרימטן אָפּגעדעקטן פּנים, די לאַקריץ־זיסע, רודף־שלומדיקע שטים, שטים וואָס האָט אַרויסגעפירט מיליאָנען אויף די בלוטיקע שלאַכטפעלדער. לייענען מיר היינט בראָדערזאָנס ליד, פאַרטיפן מיר זיך אין זיין וואָרט, דערזעען מיר זיין נבואיש וואָרט פון קנעכט און משרתים טרייע אין דינסט פון שׂטן. אויף יענעם יונגן קאַרנאַוואַל האָט געזוכט דער דיכטער זיינע צוויי מאַמעס: די אוראַלטע, אייביק וואַכנדיקע מוטער רחל מיט איר טרערן־צאָרן, די אייביק בענקענדיקע מאַמע און די יונגע מוטער מרים. און אפשר האָט ניט געוווּסט און ניט דערשפּירט ביזן סוף דער יונגער בראָדער־זאָן אַז די וועלכע זינגען און קניִען „אַווע מאַריאַ" וועלן צעפּייניקן און אויף שטיקער צערייסן די אייביק בענקענדיקע מאַמע, די אייביק וואַכנדיקע מוטער רחל. יע, פּאָעט משה בראָדערזאָן, נישט נאָר דער שניי, ווי דו זינגסט אין דיין ליד, האָט פאַרדעקט די שפּורן פון מערדער, נאָר עקלהאַפטער ציניזם פון פּויפּסן און בישאָפן, פון רעליגיע־פּרעדיקערס און פּאָליטיקערס, פון פאַלשע קולטור־טרעגערס האָבן פאַרדעקט די טריט און שפּורן פון רוצחים, פאַרדעקט און געכּשרט, ווי אין דיין ליד: „העי, כּשרן, כּשרן דאַרף מען וואָס גיכער: / נשמות און הערצער און בייזע געדאַנקען — / ס׳זאָל שיינען, ס׳זאָל בלאַנקען! / העי, פלינקער און ראַשער! / איך ווייס און איך כּשר".

נישט נאָר אַ וועג פון „אַל דאָס גוטס", ווי עס הייסן זיינע מעשׂהלעך פאַר קינדער — איז דורכגעגאַנגען בראָדערזאָן. די צייט פון „אַל דאָס גוטס", ווען דער דיכטער איז געשטאַנען פאַר ייִדישע קינדערלעך און אויסגעזונגען זיי דאָס ליד פון שניי און טייך, פון אַלע זיבן זונען, פון צעשפּרונגענע וועלעכלעך, פון

צעקלונגענע בלימעלעך, פון געקייטלטע רינגען, פון פרייד איבער שטעט און שטעטלעך — די צייט פון אַל דאָס גוטס איז פאַרשוווּנדן. פון יענעם מירמל־פּאַלאַץ, פון דעם שניי און ווינטערשאָטן, פון יענע דימענטזאַלן איז נישט אַרויס אַ בלויע פּאַווע... קורץ האָט בראָדערזאָנס בלויע פּאַווע געשפּונען זיבן זונען פאַר ייִדישע קינדערלעך. ווי קורץ האָבן: „וואַסערלעך געזונגען, האָבן ווערלעכלעך געשפּרונגען און די בלויע פּאַווע האָט דערהויבן קרוינדל־קאָפּ צום הימל אויבן". ווי ווייטיקלעך קלינגען היינט אַזעלכע בראָדערזאָן־פּערזן אין 1971, 49 יאָר נאָכן חורבן. „איז אַוועקגעפלויגן מלאך, / איבער וועלט אַ ווייט מהלך, / איבער פרילינגערד דער רונדער, / אַלע מענטשן אָנצוזאָגן, / וואָס די פרילינגפרייד פאַרמאָגן, / יעדערן באַזונדער / אַז מען זאָל אויף פּאַווע קוקן / און צום הימל בלוי זיך בוקן, / צו דעם פרילינג־וווּנדער". אַזוי האָט בראָדערזאָן געשריבן פאַר ייִדישע קינדער אין 1922.

וויפל האָפענונגען. וויפל טרוימען. אין קאַראַהאָד פון פרייד. אַ געוואָגטער פּרווו פון אַ דיכטער עפענען מיט התרוממות אַ ליכטיקן וועג. און אין התרוממות זען אַ תּנ"ך־מאָטיוו, פון רות־מאָטיוון — ווי בועז שטייט און וואַרט דעם גואל אָפּ ביים טויער.

אין וואָכיקע טעג האָט ער געזונגען זיין שבת־ליד. מיט ווונק און ויצעקו, מיט רמז, סוד און שטיפערישער פשטות, מיט גלייבן אַז אפשר האָט די מעשׂהלע קיין אָנהויב און קיין סוף; מיט תּמימותדיקן גלייבן: „כ'ווייס אויף זיכער, כ'ווייס: מיר וועלן זיך אין קינדער שיין און קליין פאַרוואַנדלען / און ס'וועט אַ מאַמע ווינט אונדז זינגען פון די ראָזשינקעס און מאַנדלען / און פון אַ לאַנד פון בלויע פויגלען בלוי, / און פון אַ לאַנד ווו אַלעס הייליקט זיך אין טוי, / איך ווייס עס, אוי איך ווייס / און אַלץ ט'זיך אָנהייבן פון אָנהייב, פונעם אַלף־בית" — אין דעם אויסגעבענקטן חלום־לאַנד, ווו אַלץ הייליקט זיך אין טוי איז דערגאַנגען בראָדערזאָנס השארת־הנפש.

אין 1939 איז אָנגעקומען צו אונדז בראָדערזאָנס בוך (ייִד). און מיר האָבן געלייענט: „יאָ, ס'איז דער נאָמען מיינער ייִד — אַזאַ אָ צייכן, / אַ מיספּר, צען און צען מאָל גרעסער איז מיין צער: / איך בין אַן אות, אַ פאָלק וואָס איז זיך מכין — נאָך עונש אָפּקומען — צו לאָדענען אויף זיך דעם שׂכר דערפאַר".

געגלייבט האָט דער דיכטער אין עונש און שכר. געגלייבט אַז דער וויאַ דאַלאַראָזאַ־וועג פון אַ ייִד וועט באַלוינט ווערן. ווי גדלותדיק קלינגען היינט די ווערטער: „און אַז מיר זאָגן 'ייִד' — דאַן דאַרף מען ברכה מאַכן ווי אויף אַ ברויט אַ לעבל, / ווייל פּראָסט און ערלעך איז עס, ווי דער תּבואה־זאַנג אין פעלד, / און אַז מיר זאָגן ,ייִד' — דאַן מיינען מיר נישט ערב־רב, דאָס פּעבל, / די משומדים און די ערב־משומדים — ס'אָפּפאַל פון דער וועלט. / ווען מיר זאָגן 'ייִד' — דאַן מיינען מיר נישט איבערלויפערס האַסטיק, / דעם עבד כּנעני דעם

פאַרשטעלטן אין פרעמדן מינהג און אין טראַכט. / ווי אויכעט די וואָס קוילערן אין שטויב זיך פון סכאָלאַסטיק, און האָבן אויג און האַרץ פאַר אויסער וועלט פאַרמאַכט. / און ווען מיר זאָגן ,ייִד׳ — דאַן מיינט עס נישט דער אתּה בחרתּנו, / ווייל ס׳קומט קיין שטאָלציקייטן נישט פאַר זיין אַ ייִד; / דאָס זיין אַ ייִד הייסט — אייביקייטן מאָנען און דערמאָנען, דאָס זיין אַ ייִד הייסט — פייער פּראָמעטעוסעס געהיט... / און אַז מיר זאָגן ,ייִד׳ — דאַן דאַרף מען צו דעם לעבן וואַכן, און אויפמאַכן די טירן־טויערן פון מענטשלעכן געמיט — / ווי אויף דעם ברויט און זאַלץ מען דאַרף אַ ברכה מאַכן, / ביים שטיין אין ד׳ אמות פון דער ווירקלעכקייט וואָס טראָגט דעם נאָמען ייִד״.

אין אַ וועלט פון רציחה, פון בלייענע שטיקער וואָלקנס איבער ייִדישע הימלען, צעריסענע פון יללות, פאַרגאָסענע מיט בלוט און טרערן איז בראָדערזאָנס ייִד אַ וועקונג און אַ דערמאָנונג פאַר אונדזער ווייטערדיקן געראַנגל, פאַר המשך, פאַר אָנגעשטרענגטן ווילן דורכברעכן אַלע צאַמען. די ירושה פון אַזאַ פּאָעט ווי בראָדערזאָן מוז ווערן אָפּגעהיט. יורשים טראָגן אויף זיך אַ גרויס אַחריות. און די אַחריות פאָדערט פון אונדז ברענגען בראָדערזאָנס פאָלקסטימלעכע פּיקחות צום העברעיִשן לייענער, צום יונגן צבר, צום סטודענט. אַ ביסל חיי נצח — פאַר בראָדערזאָנס ליד, ס׳מוז אָפּגעהיט ווערן בראָדערזאָנס באַגייסטערונג און קינ־דערליד, און ייִד! — און אַזוי אַרום לעבן שלאָנסקיס און אַלטערמאַנס ליד קען און דאַרף און מוז ווערן בראָדערזאָן אַ פאַרזייטער קערן אויף די פעלדער פון ייִדישע ווערטן אין ישׂראל.

בראָדערזאָן האָט ניט געשפּאַצירט אין די אַלייען פון התבודדות, פון איזאָ־לירטקייט, פון איינזאַמקייט. ער איז געווען אַ טייל פון לעבעדיקע, קעמפערישע מאַסן אין פּוילן, און מיט זיין א י י ג ן קול בייגעשטייערט אַז ייִדישע פּאָעזיע זאָל האָבן מער חשיבות און כבוד, אַז אין כּתר־מלכות פון שירה זאָל אויך אַ ייִדישער פּאָעט קענען אויפשטעלן זיין אהל, אהל־עדות און אהל־משכן, ווו עס קלאַפּט ייִדיש וואָרט מיט האַמער און קאָוואַדלע פון גבורה און בלישטשעט מיט חן פון חכמה און שיין. בראָדערזאָן — באַנוצנדיק גלאַטשטיינס אַ וואָרט, — איז געווען פאַרבונדן מיט טראַדיציע פון פאָלק־באַרייכערישער שעפערישקייט; און דערפאַר איז ער אַ קנין פון ייִדיש, ווי ער איז אַ קנין פון העברעיִש. אויב מיר וועלן פון דאָס ניי, ווי גוטע אַרכעאָלאָגן און מייסטערס אויפבויען די רושטאָוואַניעס און באַריקאַדעס, ווו ייִדיש לעבן האָט פּולסירט און געבויט זיין קיום־בנין אין די לעצטע הונדערט יאָר, וועלן מיר אויך זען אויף די רושטאָוואַניעס און באַריקאַדעס אַ ווונדערלעכן ציגל־טרעגער משה בראָדערזאָן, אַקסל צו אַקסל מיט ישׂראל שטערן און קולבאַק און אַנדערע ייִדישע מאַרטירערס, מאַרטירערס וועלכע האָבן בייגעשטייערט זייער ניגון און אייגן קול צו הקול קול יעקב. און דערפאַר זענען פאַרפליכטעט יורשים אויסהיטן פון שיכחה בראָדערזאָנס ליד און אין די ד׳ אמות

פון אונדזער העברעישער און יידישער יצירה ביי דער מיזרח־וואַנט באַשטימען זיין פלאַץ, ווו זיין שטענדער זאָל שטיין מיט חשיבות און כבוד.

פּאַפּיערניקאָווס ליד איז כּולו ליריק.

אַ יידישער קריטיקער, אין שייכות מיט אַן עסיי וועגן אינטימער פאָלקס־דיכטונג דערציילט, אַז אויף דער לוויה פון רוסישן פאָלקסדיכטער ניעקראַסאָוו האָט אים ביים אָפענעם קבר מספיד געווען דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן פאַרשטאַרבענעם און דערביי ריזיקירט מיט אַ זאָג, אַז ניעקראַסאָוו איז מאָמענטנווייז געגאַנגען אין די טריט פון פּושקינען. דעמאָלט האָט זיך פלוצלינג צווישן עולם געהערט אַ שטים: „ער איז געגאַנגען העכער, פיל העכער". אָט די שטים איז געקומען פון אַ יונגן סטודענט, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי אַ גרויסער דענקער, געאָרגי וואָלענטינאָוויטש פּלעכאַנאָוו.

ווייל אינטימער ניגון — בחזקת כּל עצמותי תאמרנה — איז שטענדיק „אויב נישט נאָך העכער פון דעם". ווייל די שירה פון דער פיר און צוואַנציקסטער שעה אין מענטשנס לעבן פון „די זון הינטער מיר", פון אייגענעם געמיט און פאָלקס־געמיט, איז אַן אַנטפּלעקונג, אַ קאַפּיטל תהילים: מן המיצר קראתי לאדם.

דער ייחוס פון וואָכעדיקע טעג איז נישט קיין קלענערער ווי דער ייחוס פון יום־טובדיקע טעג. אַ מאָל באַלייכט אַ לאַמטערן אויף אַ באַגרענעצטן קרייז אַ סך מער ווי זון אויפן רוקן פון קאָסמאָס; אַ מאָל דערזעט איר אין צער פון איין מענטש מער ווי, מער אויפרודער ווי אין אַ מאַסן־אומגליק. איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס דער פאָלקסמענטש מיטן געזונטן חוש און דער גוטער לייענער האָט דערפילט אין פּאַפּיערניקאָוון זיין שליח־יחיד, און ווער זאָגט עס אַז אַ שליח־ציבור האָט מער נגידישן ייחוס פון אַ שליח־יחיד, וועלכער זינגט פאַר מיר און פאַר דיר: „נישט פון איין טאַטן און נישט פון איין מאַמען — / פאַראַן אַזאַ מחנה פאַראייניזאַמטע ברידער, / וואָס טראָגן זיך אום, ווי מאַטראַסן אויף ימען / מיט תּפילות און ווייטע צעציטערטע לידער".

ווערט דער שליח־יחיד דער משורר פון אונדזערע אָלעמענס בענקשאַפט־געזאַנגען, חלומות, און ער ברענגט אַרויס אונדזער תּפילה; זיין עלעגישער טאָן, זיין נשמה־ציטער ווערט אונדזער נשמה־ציטער און די תּחומים צווישן לייענער און דיכטער ווערן אָפּגעווישט און פאַרטושט.

פּאַפּיערניקאָוו איז דער דיכטער פון צייטיקן צער, פון צעבליטן אומעט. מער ווי אַלץ איז ער געגליכן צו אַן איילבירטבוים, „אַן אַשיק גראָער עניו, אַ מסתּפק, וועלכער גיט אַ סך".

פּאַפּיערניקאָווס ליד פאַרמאָגט אין זיך פרימאָרגן־לויטערקייט, און מיט זיין גאַנצער עצבות איז ער אַ הימען־זינגער צום לעבן. ניין, נישט די זון הינטערן

דיכטער, ווייל דאָס צייטיקע לעבן שרייט נאָך מיט קולי־קולות און דער שווייגנ־דיקער אומרו איז מער אומרו ווי שווייגן, ווייל פּאַפּיערניקאָווס אימפּולס איז אָנגעלאָדן מיט אַ סך דיכטערישן כּוח.

אייביק ווי דאָס לעבן זענען מענטשלעכע געפילן — ווייל ווען אַ דיכטער זינגט אַרויס: „כ'בין פול איצט, פול / מיט קלאַנגען / פון געזאַנגען / אַלערליי — / פון וואָס ס'איז שווער מיר / צו באַפרייען זיך פון זיי, / און זיי — פון מיר —" איז עס מערער מחייב דעם לייענער אויפנעמען צאַפּל און באַריר, ציטער און פיבער; אויפנעמען קלאַנגען און פאַרבן און פאַרשטיין דעם אָנרעג פון ציטער, דעם כּוח פון שטילקייט, דעם אויפרייס פון שטורעם, זיין טאָג און זיין נאַכט, זיין זומער און ווינטער, זיין זריחה און זונפאַרגאַנג.

פּאַפּיערניקאָווס דיכטונג איז נישט קיין וואָרט־צאַצקעריי.

פּאַפּיערניקאָווס ליד איז דאָס ליד פון האַרץ צו האַרץ, פון געפיל צו געפיל. דאָס איז ליד פון מענטש ווען שקיעה קלאַפּט אָן אין לאָדן, און עס ווערט שורש־דיקער די אינספּיראַציע, געטאָקטער דער פערז, געשליפענער די סטראָפע, שטאַרקער די זוכענישן נאָך וואַריאַנטן. ווייל דער דראַנג צו שלמות, ווען דעם דיכטערס וועלט איז אין שקיעהס געצונדן, איז חכמהדיקער, טיפער און פולער.

מיר קענען פּאַפּיערניקאָווס ליד שוין אַ סך יאָרן און שטענדיק ווען איך קריג אַ ניי בוך פון דיכטער פריי איך זיך, ווייל איך האָב ליב זיין ספר־החיים, כ'האָב ליב זיין בענקשאַפט און זיין חלום, זיין שיר־השירים צו מענטש, צו בוים, צו קינד, צו פרוי, צו צוויי פאַרהאָרעוועטע הענט, צו ערדישן און הימלישן שטויב.

כ'האָב ליב זיין שרעקן מיך, אַז ער ענדיקט, אַז ער הערט אויף, אַז ער וואַרפט אַוועק זיינע אַרבעטער־כּלים און גייט אַראָפּ פון זיין דיכטערישער רושטאָוואַניע און, ביני לבינו ווערן געבוירן ווונדערלעכע לידער, און דער מילדער און אָנגע־ברוגזטער דיכטער ווערט אונדז נאָענט און טייער, ווייל מיר קענען דעם זאַמלער, מיר קענען דעם היטער פון די פאַרבאָרגענע און דאָך אַזוי קלאָרע וועגן און שטעגן.

אין זכות פון אַזעלכע דיכטערס ווי פּאַפּיערניקאָוו לעבט פּאָעזיע אין די הערצער פון קליינע קינדער, לעבט ליד אין די גראָע האָר פון זקנים, לעבט דיכטונג אין ברייטן ציבור.

אין זכות פון אַזעלכע דיכטערס וועט ליכטיקער אין יידישע הייזער, ווערן מיט זון באַגאָסן קרומע אַלטע מויערן, ווערט דער דלפון רייכער, דער נגיד אַ ביסל מענטשלעכער, ווייל עס זינגט אַרויס פון אים אַ מחיהדיק יידיש ליד און זיינע רעגנבויגן־טויערן עפענען זיך פונאַנדער ברייט און האַרציק. פּאַפּיערניקאָווס לידער שפּילן זיך נישט מיט אַבסטראַקציעס. זוכט ער אויסלייזונג פאַר דער וועלט — גייט ער נאָך דעם וויינענדיקן ניגון פון יחיד. דער אינדיווידואַליסט פּאַפּיערניקאָוו פירט אונדז דרייסט אין די לאַבירינטן פון קאָלעקטיוו און „אויף זיילן פון געפיל און פון געדאַנק" חלומען מיר צוזאַמען מיטן דיכטער.

י ח י א ל ה אָ פּ ע ר האָט געזונגען דאָס ליד פון שפּיטאָלבעטל. באַטראַכט די וועלט, דעם גאַנצן אוניווערס ליגנדיק מיט אַ שוואַך האַרץ אין שפּיטאָל. געזען אויך דעם חורבן פון זיין וואַרשע, דעם חורבן פון זיין פאָלק אויף דער קראַנקער בעט. די אומגעבראַכטע טאַטע־מאַמע, די קליינע קינדער, דעם צער פון טויט, זייער טויט — אַלץ אויפן שפּיטאָלבעט.

יחיאל האָפּער האָט געקענט מאַכן אַ חשבון מיט גאָט און מענטש. געראַנגלט זיך פאַר אַ טאָג לעבן. געוואָלט גיין, ווי עס גייט אַן אָרקעסטער און שפּילט אַ מאַרש פון פרייד. געוואָלט גיין אין מיטן לעבן מיט טאָג און נאַכט ביי די זייטן, נאָר גורל איז גורל. פאַרשלאָסן אַלע וועגן. אין בא ואין יוצא און אַוודאי ניט דער קראַנקער דיכטער. אַן אומעטיקע ליריק. קיינער פון אונדזערע ליריקערס האָט אַזוי ניט געקענט זען ווי טיפער ווערט די נאַכט, ווי ווייטער ווערט דער טאָג, ווי עס פאַלט אַראָפּ די קרוין פון קאָפּ.

אפשר האָט דער יונג פאַרשטאָרבענער מיכל לעווינזאָן געזען אַזוי די וועלט. אפשר האָט פייערבערג געזען אַזוי די וועלט און אַנדערע ייִדישע און העברעיִשע דיכטערס וועלכע האָבן געזונגען אויף די שפּיטאָלבעטלעך.

לעבן און טויט אין זייער אייביקן געווער.

אַ סך שלאָפלאָזע נעכט. אַ מאָל אַראָפּ פון בעט, געמאַכט ליכט, געפּרוּווט שׂכלדיק באַנעמען די שפּיטאָלווענט נאָר דאָס האַרץ האָט פאָרויסגעזאָגט: אַ לעצט ליכט...

נייע שאַרפע ריסן אין דער נשמה. מיט לייב און לעבן זיך געטוליעט צום לעבן און מיט לייב און לעבן איינגעזאַפּט אין זיך אַלע טויטשאָטנס.

אַ סך לידער זענען געזונגען געוואָרן פאַר דער ווייסער מלכה, די שוועסטער אין שפּיטאָל. צווישן די ווייסע בעטן גייט אַרום די קראַנקן־שוועסטער און דער ליריקער שאַרפט אָן זיין פּען. דער דיכטער זעט דעם דרויסן. ערגעץ איז ליכטיק און אַ שטוב. מען זעצט זיך צו אַ געגרייטן טיש — אָן אים. ערגעץ רוישט אַ גאַס מיט מענטשן, איינער קוקט אָן דעם צווייטן, נאָר מען זעט נישט — אים. האָט מורא דער דיכטער: אפשר געדענקט מען אים נישט? אפשר איז ער נאָר דער שאָטן פון זיך אַליין. נאָר די נאָדל פון דאָקטער, פון דער קראַנקן־שוועסטער וואָס בויערט זיין גוף, דערמאָנט אים אַז מ׳געדענקט אים. אַז ער איז אַ לעבעדי־קער וועזן. דאַכט זיך אים אַז ער געפינט זיך אין ערגעץ ניט. אַז ער איז טויט. אויסגעלאָשן, און פון אים איז געוואָרן אַ הייפל דרויב. ווערט קאַלט און ביטער. די ווייסע שפּיטאָלווענט פאַרשרפען די נשמה. חלום ווערט אויסגעלאָשן. וואָר קומט אָן אַכזריותדיק. אויס חן. אויס חיות. אויס וועלט.

ניין, דער דיכטער פּראָטעסטירט ניט. אַ מענטש אַ שאָטן פּראָטעסטירט ניט. אַן אונטערטעניקע ברואה, אַ שברי־כּלי פאַרלירט ביסלעכווייז דאָס קול. דאַכט זיך: אָט אָט און ער ווערט אויס געשטאַלט. ער זעט אין שפּיגל אַ באַזונדער

פּרצוף־פּנים. זיינער? ניט זיינער? אפשר איז ער שוין אָנגעקומען צו די ווייטסטע ווייטן, אָדער אפשר צוריקגעקומען פון דער ווייטער רייזע... און דאָך, אויך אויפן שפּיטאָלבעטל, אין טיפן יִיאוש, וועקט זיך אַ פונק: אפשר אין אַ טאָג צי אַ נאַכט, וועט ער אַליין צוריקקומען, ער וועט פאַררייסן די אויגן צו הימלען און ער וועט דערזען אַזוי פיל ערד, שוואַרצע, גרינע, האַרטע, ווייכע, בלִיענדיקע, גלאַנצדיקע ערד. בטחון שפּייזט דעם מענטשן אין די שווערסטע מינוטן פון זיין לעבן. דער ווילן ניט צו פאַרשווינדן. ניט צו אַריין. גיין און זוכן. אַ בקשה אין אַ וווּנדער־לעכער תפילה פון אַ קראַנקן: גאָט זאָל אים געבן כּוח ער זאָל קענען אויפהייבן דעם קאָפּ צו דער בלויקייט פון הימל און קאָנען אַריינקוקן אין איר ווי אין די אויגן פון זיין געליבטער פרוי. די פרייד פון זיין לייב זאָל ניט פאַרשטערט ווערן מיט שרעק פון טויט און זאָל זיין בלוט פילן דעם טעם פון הונגער נאָך אַ שטיקל פּשוט ברויט.

אין יחיאל האָפערס לידער, שטאַרק השתפּכות־הנפשדיקע, איז דאָ דראַנג צו הימלישער לויטערקייט. טראָץ אַלע מכשולים, שוועריקייטן, וויל ער אויסטייטשן זיין לעבן אַז זיין לעבן איז געווען אַ פּערמאַנענטער גאַנג צו זונען און נישט צו שקיעות. צו גלויבן און נישט צו יִיאוש, אַז ער האָט אין לעצטן חשבון געשטעלט אַ לייטער צום הימל, אָט אַזוי ווי זיין אוראַלטער טאַטע: יעקב. געשלאָפן אויף אַ שטיין און געשטעלט אַ לייטער צום הימל און געפּרווט זיך אַרויפדראַפּען אויף די שטאַפּלען. אַן אָרעם הייזל — דאָס לעבן, אָבער באַליכטיקט מיט טויזנט ליכט. אַן אויסגעגאָסענער ווין, אָבער אַ באַטעמטער ווין. אַ ביסל עקסטאַז, אַ ביסל התלהבות זענען וויכטיקע שטאַפּלען צום לייטער. ער איז געווען באַשאַנקען מיט עקסטאַז פון וואָרט. פון ליד. פון דערציילונג. ער איז געווען באַשאַנקען מיט התלהבות, מיט אַ סך קוואַלן פון שימחה. ער האָט געהאָרעוועט בלב־ונפש צו בלייבן. און אויב די תפילה האָט ניט געהאָלפן, העלפט דער זכרון פון יִידישן לייענער: יחיאל האָפער איז ניט צו פאַרגעסן. ניט זיינע לירישע לידער, ניט זיינע העלדן אין זיינע דערציילונגען. אַ הונגער נאָך לעבן — אַ בולטער סימן פון יחיאל האָפערס ליריק. אַ שעפערישער יִיד, אַ פאַרדבקעטער אין יִידישער יצירה.

אַליין. און אין זיין אַליינקייט, אין זיין איינזאַמקייט האָט ער די ס ט ר ו נ ע ס אויף זיין סטראַדיוואַריוס אָנגעצויגן. אַ ביטערער שמייכל. און די געדאַנקען אין דער וועלט וואָס באַעוולט דעם איינזאַמען, שוואַכן. די וועלט איז שולדיק אין אַלץ, אויך אין זיין איינזאַמקייט. אָן ליבע לויפן אַוועק די טעג. כּמעט — אַ פּעסימיסט־מעלאַנכאָליק. איינזאַם זיצט ער אין זיין ווינקל און שווייגט. דאָס פּנים פאַרצויגן מיט אַן אומעטיקן שלייער. אָפט מאָל האָט זיך אים אַליין געדוכט, אַז דער מעסער פון דער גיליאָטינע וואַרט אויף אים.

ז. ס ע ג אַ ל אָ װ י ט ש האָט געמיינט ערנסט מיט זיין איינזאַמקייט. נישט

געווען קיין ציניקער, קיין אָפּלאַכער. ער האָט איינגעוויקלט זיין פּעסימיזם אין לירישע פּערזן. די געזעלשאַפט, בדרך־כּלל, האָט ליב די אוהבי החיים. זי דערווייטערט זיך פון פאַרצווייפלטן.

באַדלער האָט זיי געשילדערט, די אומעטיקע אַלמנות. אויף דער הויפּט־אַלייע גייען נאָר די וואָס פּרעסן דאָס לעבן שטיקערווייז. ערגעץ ווייט, הינטער פעלדער, וועלדער, גערטנער גייט אַרום דער איינזאַמער דיכטער. אומצופרידן מיטן לעבן. די אומצופרידנקייט פון ליריקער ז. סעגאַלאָוויטש רופט ניט צו רעוואָלוציעס, זי וואַרפט נישט אַראָפּ רעגירונגען, זי פאָדערט ניט קיין סאָציאַלע אויסבעסערונגען. זי טראָגט נאָר אַ פילאָסאָפיע וואָס גראָבט אונטער די יסודות פון פרייד.

נייע דערפינדונגען. טעכניק. ער, דער איינזאַמער, איז איינגעהילט אין טרויער. ער איז שטענדיק גרייט אומצוקערן דעם בילעט. ס׳איז ניט זיין חתונה. קיינער קען סעגאַלאָוויטשן ניט איבערצייגן אַז דאָס לעבן האָט אַ זין, אַז ס׳איז כּדאי זיך צו ראַנגלען פאַר אַ בעסערן מאָרגן, אַז ס׳איז, פּראָסט און פּשוט, כּדאַי צו זיין אַן אָפּטימיסט.

באַשעפטיקט מיט זיך אַליין. און ס׳דאַכט זיך אים: די מערהייט איז מיט אים. מיט זיין אינהאַלט, מיט זיין פאָרעם זינגט ער זיינע לירישע לידער און שפּילט זיי אויס אויף געפּלאַצטע סטרונעס.

„מיר זענען איינזאַם — קלאָגט זיך מעטערלינק אין הספּד אויף דעם טויט פון זיין הונט פּעללאַס, — פולקום איינזאַם. אויף דער צופעליקער פּלאַנעטע און צווישן די אַלע פאָרמען פון לעבן, וועלכע ריַנגלען אים אַרום, האָט נישט איינער, אויסער דעם הונט, געשלאָסן דעם בונד מיט אונדז״. הילפלאָזיקייט פילט זיך אין סעגאַלאָוויטשעס שורות. דער אָפּטימיסט, דערזעט ער נאָר אַ קליין פונק — צינדט ער אָן אַ זון פון פונק. דער פּעסימיסט, זעט ער אַ זון וואָס לייכט, לעשט ער זי שנעל אויס... פאַרנומען מיטן פערזענלעכן אומגליק: איינזאַם.

איז אָנגעקומען די גרויסע כמאַרע. דער מבול. פּיינפולע טעג. דורכגעלעבטע גורלדיקע מאָמענטן. וויי און צער. סעגאַלאָוויטשעס צוויי עפּישע באַלאַדעס: „דאָרטן״ און „אַ בוים אין פּוילן״ — עטעמען מיט חורבן. כּדי פאַראייביקן דאָס איבערגעלעבטע זינגט דער דיכטער: „מיין ייִדיש, מיין טייערער לשון / און ראָזשינקעס־מאַנדלען אין תּוכן / און מעשׂות פון וויכנע און דוואָשעס / און שמ״ר איז אויך דאָ אַ צייכן / און צונזערס בדחנישע גראַמען. / איך טראַכט מיר אַריין אין דער סיבה, / צי גייט ניט די שפּראַך פון דער מאַמען / צוזאַמען מיט מענטש און מיט ליבע? / עס האָבן די באָבעס און זיידעס / געזאַמלט די ווערטער, די קלאַנגען / פאַר פּרצעס קינסטלער־יסודות, / פאַר לייוויק, פאַר קולבאַק, פאַר מאַנגער, / פאַר שלום־עליכמס הומאָרן / וואָס וועלן אונדז לאַנג איבערלעבן. / אויף ייִדיש געלערנט גמרא, / מיט ייִדיש געפּאָרן צום רבין / און אונדזערע האַרציקע ברכות / מען זינגט אויף אַ שפּראַך און מען שווערט

זיך, / אַ שפּראַך קעגן שמד אַ צו להכעיס". דאָס האַרצשפּראַך. אַ המשך פון די לידער אין שו"ם (שפּייער, וואָרמס, מאַינץ). מיר מאַכן צו דעם איכה און לייענען סעגאַלאָוויטשן. און זע: ס'איז אַ נס געשען. דער דיכטער פון צער און פון טרויער, דער דיכטער פון אַליינקייט און פּעסימיזם איז נאָכן מבול אָנגעשטעקט געוואָרן מיט בטחון. מיט האָפענונגען. זינגט דער דיכטער: „די זון זאָל אונדז זיין איבער אַלעס, / זאָל ערגעץ קיין ליכט ניט פאַרפעלן, / זאָל מענטש נאָר פאַריאָגן דעם דלות / פון אַלע צעשאָקלטע שוועלן. // די וועלט פון די נויטן געריייניקט, / באַזילבערט מיט שטראַלן מיליאַרדן / די זון וועלכע וואַרעמט און אייניקט, / די זון איבער ווייסל און ירדן". דער סימבאָל ביי סעגאַלאָוויטשן פון אויסגעהאַקטן בוים איז קאַזימיערזש, אַ צייכן פון אַ נאָענטער אידיליע, אַ צייכן פון אַ ווערדיקער תּפילה.

אַ נייער גלויבן: דאָס גוטס וועט זיגן און דער וואַנדערער, דער נע־ונדניק וועט אָנקומען אַהיים. ניט קיין רעזיגנאַציע. ניט אָפּהענטיקייט. אַ נס פון אַ נייער ליריק: האָפענונג. בטחון. פאַר זיין אויג בליט דער בוים פון פּוילן. אַזאַ בוים לאָזט מען נישט איבער. סעגאַלאָוויטש האָט מיטגענומען דעם פּוילישן בוים מיט זיך, אין זיין האַרץ, מיט די וואָרצלען, מיט די צווייגן, מיט די גרודעס. קיינער וועט פון אים נישט אַוועקנעמען זיין פּוילישן בוים. ער האָט אים איינגעפלאַנצט אין האַרצן און איבערגעפלאַנצט אין ארץ־ישׂראל. און דאָרט ווערט דער בוים געוואַרעמט פון זון און פאַרפראַצעוועטע הענט היטן אים אויס. אויב אַפילו דער בוים איז אַ מעמואַר, און ער איז שוין נישט אַזוי היימיש, בויט ער לירישע לידער לכּבוד דעם בוים און פּוילן.

מיטגענומען מיט זיך דעם אַלטן ניגון, דעם איכה, ווייל אָן אים קען דער יידישער וואַנדערער ניט מאַכן קיין איין טראָט, מיטגענומען מיט זיך אַלע פּעדעם געאָדערטע אין פלייש און בלוט פון דער אומה, און דאָס אַלץ לאָזט ניט אַוועקגיין פון די פּוילישע שליאַכן. מיטגענומען די רייכקייט פון פּוילישן פּייזאַזש, די ענגשאַפט, די בענקשאַפט פון „גענשע" און „דזשיקע": „איך האָב ניט געקענט מיט מיין לעבן / די ערטער באַפּוצן, באַשיינען, / איך האָב זיך געמוזט אונטער־געבן / און ליבן אַזוי ווי זיי זיינען".

אַ קנויל זכרונות. נישטאָ מער שאָפּענס נאָקטורן, נישטאָ מער די געדאַנקען פון יוליוש סלאָוואַצקי, אַלע קולטורן זענען פאַרביי, אַנשטאָט זיי האָט דער דיכטער מיטגענומען די חלבנע ליכט, רצועות און פּאַרמעטן. מיטגענומען מיט זיך דאָס וווּנדערלעכע יידישע שטעטל מיט אַלע זיינע אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען. לידער — וועלכע זענען אַ מאָנומענט פאַר אַ וועלט וואָס איז אַוועק מיט די פייערן. סעגאַלאָ־וויטש באַזינגט דעם נעכטן מיט אַלץ וואָס האָט אין נעכטן געלעבט. דער נעכטן איז דער געהיימער פּאַסאַזשיר פון דיכטער. צו אים זיין נייע תּפילה. צו אים זיין יידישער פּאַטאָס. אַלע לידער לעבן זייער אייגן לעבן מיט טיפער צערפולער

דממה־דקה. לעבן אַליין איז שוין יחוס. דאָס לעבן פאַרמאָגט אויך אויף די בלוטיקע שליאַכן דעם ערלעכן מענטש, דעם גוטן, דאָס קינד אויף דעם שויס פון דער מוטער, דאָס לעבן מיט בוים און מיט בלומען. נייע פאַרלאַנגען. נייער ווילן.

דער גלויבן דערגאַנצט זיין לעבן. אַ טויזנט־יעריקע קולטור איז דערשטיקט געוואָרן, די קולטור האָט געקראָגן פאָעטישן תיקון אין „אַ בוים אין פוילן" און „דאָרט".

צו 39 יאָר האָט יחיאל לערער באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן 4 ביכער: „שאול און דוד" (1931), „שטילקייט אין שטורעם" (1932), „ברונעמס אין פעלד" (1933), און „מיין היים" (1938).

פון אַ קליין שטעטל זשעלעכאָוו (ווייסענבערג). געבוירן אין 1900. זיין טאַטע אַן אַלעקסאַנדערער חסיד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז יידיש לעבן געווען צעבראָכן עקאָנאָמיש און גייסטיש. די אינטעליגענץ, דער אַרבעטער, האָבן געזוכט נייע וועגן צום יידישן לעבן. די יידישע יוגנט איז געווען באַהערשט אַ טייל פון ציוניזם און אַ טייל פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך שלום־עליכמען, פרצן און מענדעלען האָבן זיך דערהערט נייע טענער פון עוזר וואַר־שאַווסקי („שמוגלאַרעס"), פון מאַרקישעס „קופּע" וועגן חורבן, א. מ. פוקס' סופער־רעאַליסטישע דערציילונגען. שלום אַשס שטעטל און ווייסענבערגס שטעטל.

יחיאל לערערס דיכטונג איז אַ פּראָדוקט פון דער תקופה, פון דעם אומרו פון ייִד צווישן צוויי וועלט־מלחמות. יחיאל לערער — אַן עפּיקער און אַ ליריקער. „מיין היים" האָט אַרויסגערופן אַ שטורעמישע באַגייסטערונג. וואָס בעצם שטעלט פאָר לערערס „מיין היים?" אַ יידיש באַלעבאַטיש־חסידיש שטוב, וואָס האַלט ביים פונאַנדערפאַלן, די קינדער צעלויפן זיך אין אַלע עקן וועלט. די יידישע האַרציקע מאַמע ווייטיקט און בלוטיקט און זוכט אַנטרינונג אין אירע חלומות, אין דער וועלט פון אירע מאַמעס, אין צאינה־וראינה, אין נייעם לעבן פון דער יידישער ליטעראַטור. וועלטלעכקייט און רעליגיעזער שטאַנד אונטער איין דאַך. דער טאַטע זוכט אַ ביסל פרייד און נשמה־דערהאַלטונג אין אַן אָרעמער מלווה־מלכה־סעודה, אין שמועסן מיטן רב, מיט שכנים. ר' פנחס האָט שוין אַ זון אַ מאַרקסיסט, וואָס וויל שוין אויפבויען אַ נייע וועלט און ער הייבט אים אַן פאַרשטיין. נישטאָ קיין מחלוקת ביים טיש.

יחיאל לערער דער ליריקער גיט רעאַליסטישע קאַפּיטלען פון אַ יידישער משפחה. די יידישע היים איז פונאַנדערגעפאַלן און חרוב געוואָרן. אַן אינטים־אינדיווידועלע פּאָעמע — זיין אייגענע היים. אויך אין געטאָ האָט לערער פאַרגע־זעצט זיין שרייבן. אין יצחק קאַצענעלסאָנס „פנקס וויטעל" ווידמעט דער שרייבער די וואַרעמסטע ווערטער יחיאל לערערס פּאָעמע „אויסגעבענקטער פרילינג", וואָס

איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. די פּאָעמע האָט מען געפונען צווישן די אַרכיוון פון ד״ר רינגעלבלומס „עונג שבת״ און הגם זי איז געחתמעט מיט די איניציאַלן מ. ח. האָט מען אָבער אין איר דערקענט לערערס האַנטשריפט און זיין שרייבערישן סטיל.

חיה עלבוים־דאָרעמבוס וועלכע האָט געשריבן דעם ספר „אויף דער אַרישער זייט״, דערציילט אַז יחיאל לערער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די געטאָ. אין געטאָ וואַרשע איז געווען אַ יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע א״ב „ייקאָר״, זי האָט אַרויסגעגעבן אַן אונטערערדישע פּרעסע און יחיאל לערער האָט דאָרטן געדרוקט לידער און פאַרצייכענונגען פון געטאָ־לעבן. די אונטערערדישע פּרעסע געפינט זיך אין רינגעלבלום־אַרכיוו ביים יידיש היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. אין 1943, ווינטער, ביי דער צווייטער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָט מען לערערן געכאַפּט אויפן „אומשלאַגפּלאַץ״, אים טראַנספּאָרטירט קיין טרעבלינקע און דאָרטן אומגעבראַכט. נאָך דער מלחמה איז אַרויס אַ נייע אויסגאַבע פון „מיין היים״ מיט צייכענונגען און טעקסט פון אריה מערזער. „מיין היים״ איז אויך דערשינען אין דער העברעיִשער איבערדיכטונג פון שמשון מעלצער (ת״א 1946)‏; אין לעפּט־וויטשעס אַנטאָלאָגיע „די גאָלדן פּיקאָק״, אין מ. יפהס אַנטאָלאָגיע „ארץ ישׂראל אין דער יידישער ליטעראַטור״, אין ש. מעלצערס העברעיִשער אַנטאָלאָגיע „על נהרות״, אין ב. העלערס אַנטאָלאָגיע „דאָס ליד איז געבליבן״ וועט איר געפינען יחיאל לערערס לידער.

יחיאל לערערס היים איז די היים פון דער יידישער טראַדיציע, פון יידישן לעבנס־שטייגער. דאָס רעליגיעזע האָט געהויזט צוזאַמען מיט דעם וועלטלעכן. יחיאל לערערס היים שפּיגלט אָפּ דעם עקאָנאָמישן מצב, דעם גערמאַנגל פאַר חיונה און אויסקום; אַלע אונטערשיידן, אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַלע אידייען אין יחיאל לערערס היים. אַ היים פון אַן עדה יידן מיט זייערע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס פאַר זייער געברויך און נוצן.

מיר האָבן אומצאָליקע ווערק וועגן אַמאָליקן און שפּעטערן יידישן לעבן אין פּוילן, ווי עמנואל רינגעלבלומס „קאַפּיטלען געשיכטע פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן״, ד״ר יצחק לעווינס ווערק וועגן אַמאָליקן פּוילן. ד״ר יעקב שאַצקי און זיינע שטודיעס, נחום סאָקאָלאָווס זכרונות — אַ קלאַסיש ווערק וועגן געוויסע תקופות. מאַרק טורקאָוו און גרשום באַדער האָבן בייגעטראָגן אַ סך צום באַלייכטן די יידישע היים, דב סדן אין זיינע ווערק וועגן יידישע שטעטלעך, מחוז הילדות, ביז אויך באַלאַבאַנס ווערק און ד״ר שיפּערס ווערק, וועלכע באַלייכטן די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, גייסטיקע, און אידעיִשע סטרוקטור פון געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן, ווי אויך לעבנס־שטייגער, געשעענישן, עפּיזאָדן. מאיר באַלאַבאַן האָט געזאַמלט דאָקומענטן, אָבער עס פעלט אין זיין זאַמלונג דאָס לעבן גופא. דאָס האָט געגעבן די ליטעראַטור. די ליטעראַטור איז ליים און ציגל

פֿאַר די בנינים פֿון דער ייִדישער היים. ווער עס וויל קענען די אַלטע שולן, די אַלטע בית־עלמינס, די אַלטע שול־געביי‫ען, די תּקנות פֿון די קהילות — מוז אָנקומען צו באַלאַבאַנס שטעט־מאָנאָגראַפֿיעס, און צו אַנסקיס באַשרייבונגען. ווער עס וויל קענען קונסט און קולטור־אוצרות, טעאַטער, פֿאָלקלאָר, מוז אָנקומען צו יצחק שיפּערס ווערק. ווער עס וויל קענען אויסטערלישקייטן, דברים יוצאי־דופן פֿון קוזמיר, פֿון פּלאָצק, פֿון קאָצק, פֿון מעזריטש, מוז אָנקומען צו שאַצקין, צו באַלאַבאַנען און שיפּערן. אין לובלין האָט מען אָפּגעפֿונען דעם פּינקס פֿון ועד ארבע ארצות, אָבער דאָס אַלץ איז בלעטלעך פֿון געשיכטע. טאָג־טעגלעכע ייִדישע היים געפֿינט מען נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אויב איר ווילט קענען די גרויסקייט פֿון אַזאַ היסטאָריקער ווי באַלאַבאַן, דאַרפֿט איר לייענען מאַהלערס אַרבעט וועגן באַלאַבאַנען: „מאיר באַלאַבאַן דער נעסטאָר פֿון ייִדישער געשיכטע־שרייבונג אין פּוילן".

ווי האָט אויסגעזען אַ ייִדישע היים פֿאַר דער מלחמה אין מיזרח־אייראָפּע? אין שטעטל? דאָס שטעטל איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך. די ייִדישע היים, דער עיקר — אונדזער היים נאָך מענדעלען, נאָך פּרצן, נאָך שלום־עליכמען. טלאָמאַצקי 13.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז דאָ אַ פּאָעמע פֿון יחיאל לערער: „מיין היים". איבערגעזעצט אין העברעיִש דורך ש. מעלצער. מיט אַ פֿאָררעדע פֿון דב סדן. אין די פּוסטריט פֿון דער פּאָעמע וויל איך נאָכגיין אונדזער ייִדישע היים, וואָס די חורבן־ליטעראַטור פֿאַרנעמט זיך מיט איר אין פּראָזע און דיכטונג. יחיאל לערערס „מיין היים" איז ביז היינט צו טאָג די בעסטע פּאָעמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, צו דערקענען אַ ייִדישע היים פֿון מיזרח־אייראָפּע צווישן צוויי וועלט־מלחמות.

די באַזינגערן פֿון דאָרף, פֿון ערד, פֿון נאַטור, די דיכטערין פֿון שטומע גורלות, פֿון די שטומסטע, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, האָט בילדעריש באַשריבן ר ח ל קאָ ר נ ס שעפֿערישע אַרבעט: „רחל קאָרן איז אַ לייוונטענעם בגד פֿון וועלכן עס שפּירט זיך אַ ריח פֿון פֿרישער קו־מילך, לויפֿט זי אַרום אַ באָרוועסע און קלאַטשט מיט די נאַקעטע פֿיס אין דער נאַסער ערד, אָדער זי ציט אויס אַ האַנט צו אַ צווייַג און ווערט אין גאַנצן אָפּגעשאָטן מיט אַ ווייס־ראָזן עפּלצוויט. פֿון דער יוגנט אָן — אַרומגעלאָפֿן איבער די גרינע לאָנקעס. אַרומגענומען אַלע ביימער און געערעדט מיט זיי ווי מיט לעבעדיקע באַשעפֿענישן. ליב געהאַט די וואָרצלען און די פּרוכט. ליב געהאַט דאָס פֿעלד און דעם טייך. ווען זי איז אַוועק פֿון פֿעלד און טייך, פֿון ביימער און וואָרצלען, האָט זיך איר ליריק צעזונגען מיט בענקשאַפֿט צו יענע יאָרן, צו דעם לייוונטענעם פֿאַרטעך. בענקעניש צו אַ סאַד, מיט אַ הויז, מיט אַ שטרייענעם דאַך, צו סאַסנעס וואָס שווייגן, צו אַ פֿויגל וואָס פֿליט איבער די סאָסנעס, איבער דעם שטרייענעם דאַך. בענקעניש צו פֿייגל זיי זאָלן קומען

אויף ס׳ניי, צו סטעזשקעס שמאָלע און שאַרפע, וועלכע גיבן צו וויסן דער דיכטערין קלאָרע דיבורים: דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט אין צייט. בענקען צוריק די באָרוועסע טריט נאָך יענע יאָרן פון וועלכע עס שפּירט זיך אַ ריח פון פרישער קו־מילך. אָבער אין בענקעניש נאָך יענע יאָרן דאַכט זיך דער דיכטערין אַז זי געפינט זיך פון יענער זייט ליד... און דער טאָג איז אַ גראָער, אַ כמורנער. און דאָך, ווי יעדער גוטער דיכטער, וואַרט די דיכטערין אַז אויך אין גראָען טאָג קען וווּנדער געשען. און זי וואַרט אין איר ליריש ליד אויפן וווּנדער, און וואָס איז דער וווּנדער אויף וועלכן די דיכטערין וואַרט: איר מאַמע קען זי רופן אַהיים, ווי אַ מאָל, ווי אַ מאָל. און שרייען צו איר: גענוג זיך געשפּילט...״

די מאַמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען. נישטאָ קיין ייִדישער דיכטער וואָס האָט ניט געזונגען אַ ליד צו זיין מאַמע. רחל קאָרן פילט אַז זי איז המשך נאָך איר מאַמע, אַז זי טראָגט מיט זיך אין איר וואָרט דער מאַמעס אויסגעלעבטע טעג. אַז זי איז אַריינגעפלאָסן אין איר טרוים. אין איר חלום. נישט דעם פרילינג פון איר מאַמען האָט זי אַריינגענומען אין זיך, נייערט דעם האַרבסט, דעם גאַנצן האַרבסט, דעם בלעטערפאַל, דאָס טרער, איר האַרץ. רחל קאָרן אַלס המשך האָט איינגעזאַפּט אין זיך דער מאַמעס פּשטות, די חכמה פון איר האַרץ. „און בלויז ביי דיר, ביי דיר האָט עס געקענט געשען, / אַז דער קרייז פון דיין בליק, ווי אַ דאַך, ווי אַ וואַנט, / זאָל אַרומנעמען אַלץ, וואָס איז איינזאַם און הפקר: / פון קראַנקער שוואַלב, ביז אַ פאַרשעמטער אויסגעשטרעקטער האַנט״.

איר לשון: פּאָעטיש־אידיליש. אָפענע אויגן צו זען, אַן אָנגעשפּיצט אויער צו הערן. אַזוי ווי זי אָרעמט אַרום איר היים, מיט דער זעלבער נאָענטקייט אָרעמט זי אַרום דעם גאַנצן באַשאַף. אָבער אין באַשאַף קרייזן אַרום שוואַרצע קראָען. שוואַרצע קראָען אויף די ווייסע פעלדער און זיי טראָגן מיט זיך דעם צער פון וועלטן, דעם אָנזאָג אויף קאַטאַסטראָפעס. די שפּורן פון די שוואַרצע קראָען זענען איינגעקאַרבט אין שניי. זיי קראַקען. ווי אַ כמאַרע הענגען זיי אויף הימלען. זיי זענען די שאָטנס פון דעם וועלט־טרויער און פון איר טרויער. די דיכטערין וויל פאַרטרייבן די שוואַרצע קראָען פון צווייגן, פון נאַקעטע ביימער. אָבער זי קען עס טאָן נאָר מיט ליד, און שוואַרצע קראָען שרעקן זיך ניט פאַר איר ליד. זיי בלייבן אויף די נאַקעטע ביימער און טראָגן אין זיך דעם סוד פון צוקונפטיקע קאַטאַסטראָפעס. צווישן ווייסן שניי אויף פעלדער און צווישן קראָען און שוואַרצע כמאַרעס ליגט רחל קאָרנס ליריק.

די וועלטוועגן האָבן דערשלונגען איר שמאָלע סטעזשקע. געבליבן איז די בענקשאַפט נאָך דער שמאָלער סטעזשקע. איז גרויס דער צער: פאַר וואָס זעט די דיכטערין אויף אַלע וועלטוועגן אַ האַלב־פאַרדאַרטן בוים. בענקשאַפט, אַז אפשר אויף די וועלטשליאַכן וועט איר דאָך איר אָפן אויג פאַרפירן צו וואָרצלען פון

ביימער. פון דאָרטן שטאַמט זי. נאָר דאָס ליד ווייס: אַלע אילוזיעס רינען אויס: אין איינזאַמקייט חושכט דער פאַרלוירענער וועג.

קאָנטראַסטן: י ע נ ע רויִקע סביבה, און דער אַכזריותדיקער אמת פון איר גאַנג. דאָס פעלד. דער דאָרף און די וועלטישע וועגן. די פּראַצע און מי פון פעלד, און דער אַכזריותדיקער שקר אויף אַלע וועלטראַנדן. שרעק און פּחד פאַר יעדן ניי־געבוירן קינד. הונגער נאָך ערד. הונגער נאָך פּויערישן לעבן און הונגער נאָך ליבע. די וועלט אָן אַ שומר. פאַרלאָזן פון גאָט און פון מענטש. „די ערד וואַרט אויף גילדענע קערנער / מיט בייטן דורך ראָסע באַטויט, / און אָטעמט אַריין מיט די זאַפטן / די בענקשאַפט צום צייטיקן ברויט״.

צו יענע טעג, ווען זי האָט געשעפּט פולע זשמעניעס מיט תּבואה און האָט צעשאָטן קערנער אויפן פעלד אונטער באַרג, ביז איר גאַנג ביז די חורבות — איז אַ שווערער וועג. אָווענטיקע ליריק, וואָס זוכט אַ וועג און ווייס ניט וווּהין און צו וועמען צו גיין... קלאָר: דער טאָג קען איר מער נישט אונטערקויפן מיט זיין צעגילדיקטער פּראַכט. אַ תּקופה איז געקומען, און אַ תּקופה איז אַוועק אין דער ריכטיקער צייט און די וועלט איז זיך אָנגעגאַנגען לויט אַלטן סדר. אָבער יענע ערשטע וועלט, די אורערשטע, וואָס דער דיכטער האָט מיטגענומען מיט זיך פון דאָרף און וואָס ליגט באַהאַלטן אין די טיפענישן פון זיין האַרץ, איז אַ באַזונדער קעמערל, יענע משונהדיקע, ווונדערלעכע איינציקע וועלט, האָט קיין מאָל נישט געוווּסט פון האַרבסט און ווינטער. דער דאָרף איז געווען איין געוועב: אין גאַנצן זומער; דער הימל — אַ זומערדיקער הימל. דאָס שפּראָצנדיקע און דאָס לעבעדיקע — אין גאַנצן זומער. און אַפילו אַ פייגעלע, אַ קינד אין זיינע יאָרן און זיין איינציקע חברטע אין דאָרף — איז אויך געווען אין גאַנצן זומער. אָבער פון י ע נ ע ם זומער איז רחל קאָרן ווייט אַוועק און אויסגעזונגען איר ליד פון בענקשאַפט.

אָבער דאָס גליק ליגט אין ליד. אין איר ליריק און דערפאַר: „כ׳בין רייכער איצט ווי ווען עס איז אַ מאָל״. רייכער — ווייל דער טרוים איז נישט נאָר אויסגעלאָשן געוואָרן, נאָר ער איז רייכער געוואָרן. דער מידער און שטילער פאַרנאַכט איז רייכער געוואָרן.

אמת טאַקע, אַ פאַרשפּעטיקטער שמייכל פון אַ ליריש ליד, אָבער דאָך אַ שמייכל.

איז געקומען דער גרויסער ליריקער א י צ י ק מ אַ נ ג ע ר. זאָגט ער אין זיין אויטאָפּאָרטרעט: „מיין שייַנקייט איז אַ מעסער / וואָס שניידט אין האַרץ אַריין, / מיין צער — צוויי בלויע ליפּן / איבער אַ קריגל וויין״.

מאַנגער שפּילט זיך מיט אַלע קאַפּריזן אין לעבן, מיט הומאָר, מיט איראָניע, מיט ציניזם, מיט טראַדיציע; געשפּילט זיך מיט די בערד פון די אָבות און שטענדיק געזוכט אַ היים, און געבענקט נאָך אַ היים.

מאָריס ראָזענפעלד האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן „טרערן־מיליאָנער"; פּרץ האָט געשריבן אַז זיין מוזע: „זי שרייט נאָר און זי שעלט". מאַנגער — איז כולו בענקעניש. פאַרבעט אים אַנאַקרעאָן אויף אַ גלעזל משקה, בענקט ער נאָך אַ גוטן חבר, נאָך אַנאַקרעאָן וועלכער האָט אויך פאַרשענקט דאָס ליד. בענקעניש נאָכן גריכישן פּאָעט, דעם גוטן און געטרייען קאָלעגע. דער לייזיקער און דער געקרייציקטער זיינען צוויי געשטאַלטן גענומען פון זיין היים. דעם בעטלער און אַליגאָווי האָט ער גענומען פון זיין היים. אויב אַפילו אין אַלע שפּיגלט זיך דער טראַגישער גורל פון ייִד, שטייט ער שפּילעוודיק און לעבט אויף די געשטאַלטן פון זיין היים.

פון די גרעסטע ליריקערס אין דער יידישער ליטעראַטור.

פון זיין היים האָט ער גענומען די באַלאַדע פון דעם אָרעמען ייִד וואָס איז דערגאַנגען פון גרוי ביז בלוי. ווען מיר זעען מאַנגערן ווי ער גייט אריין „אין שטוב מיט בלוי־געקאַלכטע ווענט", נאָכדעם ווען ער הערט אַ מאַמעשן קול: „קומט אויף אַ ווײַלע צו אונדז אַריין", זעען מיר בענקענישן פון דיכטער נאָך היים. דאָס לעגענדאַרע קעניגרייך וועגן וועלכן עס דערציילט דעם שענקערס יינגעלע, אַ לעגענדאַר קעניגרייך וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ בלויען טייך — איז די לעגענדע פון היים. אויפן דיכטער וואַרט דער שליאַך — דער שליאַך וואָס פירט צו היים. בלוי איז דער פויגל וואָס פליט פאַרביי, בלוי איז דאָס פעלד, דער וואַלד און טייך, און אויך דאָס געמיט פון דיכטער איז באַלויכטן מיט הימלישן בלוי, ווייל דער דיכטער האָט געהערט דאָס קול: „קומט אויף אַ ווײַלע צו אונדז אַריין", און ער איז אַריין אין אַ שטוב מיט בלוי־געקאַלכטע ווענט.

מאַנגערס פאָלקסליד — איז די יידישע היים. זיין ליכט־באַלעמער, זיין ליכטיקע שיין. זיין השתפכות־הנפש. זיין לויבגעזאַנג צו זיין טאַטן, צו זיין מאַמען. ווער נאָר עס האָט אויערן צו הערן, און קען זיך איינהערן, הערט אין מאַנגערס פאָלקסליד — דאָס ליד פון היים. מיט אַלע דיכטערישע כּלים זינגט ער דאָס פאָלקסליד, דאָס ליד פון די נאָענטע געשטאַלטן. צוויי־דריי מנינים — און פון זיי איז ער אַרויסגעוואַקסן. פון זיי זיין שפּיגל און זיין טיפער ערנסט. פון זיי האָט ער גענומען דעם שטענדער צו דוכענען.

מאַנגערס טאַטע האָט אים פאַרבעטן אויף דער נאַכט אויף אַ גלעזל וויין ביי די חסידים אין ווינקעלער, האָט דער דיכטער געוווסט, ער קומט צו דעם היימישן טיש. דער ווינקעלער פון די חסידים האָט זיך געפונען אין דער קאַראַלינען־גאַס, און דער טאַטע איז געווען אַ מבין אויף דעם וויין פון דער קרעטשמע. יעדער גוטער טראָפּן וויין איז גאָטס אַ טרער און מיט גאָטס טרערן דאַרף מען זיך נישט וואַרפן. קומט אָן דער דיכטער צו דעם לאַנגן געדעקטן טיש, צו די שניידער־מייסטערס, צו די בייכיקע פלעשער „מיט גאָטס טרערן", צו זיינע היימישע יידן. אַ געבורטסטאָג פון זיין טאַטן. אויגן געוואָנדן צום שניידער־

מייסטער, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן שטול מיטן גלאָז ווײַן אין דער האַנט. געהערט האָט ער ווי זיין טאַטע דערציילט פֿון זיין אייגן לעבן.

„דער אַריינפֿיר, ווי געזאָגט, איז געווען אין פּראָזע. אָבער דער עיקר פֿון אָוונט איז געווען אין גראַמען. ער האָט געזונגען מיט אַן אימפּראָוויזירטן ניגון און מיט אימפּראָוויזירטע גראַמען וועגן זיין אייגן לעבן״.

די מלוכה אין קאָלאָמיי. בענקט דער דיכטער נאָך קאָלאָמיי, נאָך די טשערנאָ־וויצער ווײַנקעלערן. נאָך היים. „די גאָלדענע פּאַווע איז געפֿלויגן אַוועק זוכן די נעכטיקע טעג״. מיט דער פּאַווע דער דיכטער. האָט וועלוועלע זבאַרזשער געשריבן בריוו צו דער שיינער מלכהלע, האָט אים מאַנגער געהאָלפֿן שרייבן די בריוו, ווייל אין די בריוו ליגן אויסגעחלומטע שטימונגען, זיי דערקוויקן מיט ליבשאַפֿט און חן. מיט ראָמאַנטיק. מיט היימבענקשאַפֿט. האָט ער געפֿונען אַ שורה ביי וועלוועלן, האָט ער די שורה אין זיין דיכטונג אַריינגענומען: „אַיעדע רויז בלוטיקט אויף איר דאָרן, / די קאָסע זינגט שניידנדיק דאָס קאָרן״. דאָס איז אַ סטרונע אויף דער פֿידל: היימבענקשאַפֿט.

יאָרן האָט ער זיך געוואַלגערט אין דער פֿרעמד. יאָרן איז ער אַרויפֿגעשפּרונ־גען אויפֿן וואָגן פֿון די בראָדערס זינגער. יאָרן איז ער מיט זיי אַ מהלך וועג אָפּגעפֿאָרן, געפֿאָרן מיט זיי דורך שטעט און שטעטלעך און געבענקט אַהיים.

מאַנגער האָט געוווסט אַז עס וויגט זיך אַ וויג אין דער וועלט. און אין דער וועלט האָט ער געדענקט זיין וויג. „אַ וואָגלער וואָס האָט נישט מער זיין היים געטראָפֿן / לעשט אויס די טרערן פֿון זיין מידן בליק / און באָרוועס, ווי ער שטייט, גייט ער אָפּ צוריק. / די לאַנדשאַפֿט שלאָפֿט, לאָז די לאַנדשאַפֿט שלאָפֿן״. אָבער די לאַנדשאַפֿט האָט אויך שלאָפֿנדיק געטרוימט פֿון הימל, פֿון שטערן, פֿון דער אַלטער היים. אויך די מעשׂיות האָט ער געוווסט פֿון זיין היים. אַלע געשטאַלטן. אויך דעם קאַטערינקע־שפּילער אין מיטן הויף, דעם אָרעמען ייִנגל וועלכער וואַרפֿט פֿאַר די פֿייגל קרישקעס ברויט. „אָ, קינדהייט מיינע, טרויעריקע דעמער־ליכט, / דער אָוונט שאָטנט איבער דיין געזיכט, / נאָר דיינע אויגן זיינען פֿרומע שטערן״. אַדרבא, געפֿינט מיר אַ ייִדישן ליריקער וואָס בענקט ניט נאָך זיין קינדהייט. נאָך זיין היים?

זיין ליד איז געוואָרן כּלל־אייגנטום. אויב אַפֿילו דער פֿויגל האָט געזונגען אַ מאָל פֿאַר זיך אַליין, איז אים דער אַרום, די וועלט אָנגעגאַנגען. זיין לירישער „איך״ איז מיטגעגאַנגען מיט דער עדה ייִדן, מיט אירע חלומות, מיט איר שטייגער־לעבן, מיט אירע פֿריידן, מיט איר ניגון. אין זיין ניגון איז פֿאַרבאַהאַלטן אינער־לעכע תּנועה און חכמה פֿון פֿאָלק. די עדה לעבט אין איציק מאַנגערס ליד. ער איז געשטאַנען פֿאַרן פֿאָלק — פֿאַרן חורבן און נאָכן חורבן — און ווי בערל בראָדער אויסגעזונגען: „איך, בערל בראָדער, / איך שריי צו אַלע מענטשן: / הערט אויס, ווערטער ווי פּערל, / מיט חן, זאָל מיך גאָט בענטשן״. און זיינע ווערטער זענען

טאַקע געווען נישט סתם קיין ווערטער, נאָר: ווערטער ווי פּערל. מיט חן. און דער המשך איז געווען: „מײַנע ליבע, גוטע ברידער, / הערט זיך נאָר צו / צו מײַנע שיינע לידער / און אויך צו דער שיינער מעלאָדיע״.

האָבן מיר געמישט בלאַט נאָך בלאַט און דערזען אַז דעם דיכטערס ליד שטייט ניט אַנטקעגן שפּיגל און שפּיגלט אָפּ נאָר זײַן אייגענעם פּנים. ער האָט מיטגענומען אין זײַן גאַנג אַ גרויסע חברותא. ווײַל צוזאַמען איז לײַכטער צו גיין. ווײַל אויפן ייִדישן מאַרק מיט אַזאַ חברותא — איז פריילעכער.

ער איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט. אַרײַנגעאָטעמט טיף אין זיך דאָס געוויין פון מאַרק, דעם געלויף און געברויז, דעם יום־טוב און די וואָך; ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אײַנגעהויקערטע הײַזלעך, צוגעלייגט אַן אויער צום פאָלקס האַרצקלאַפּ און אויפגעזאַמלט אין זײַן טאָרבע־ליד בענקשאַפטן און טרויערן פון „קליינע ווייסע מאַמעס״ פון „דאָס קליינע בלאָנדע ייִנגל און דער אַלטער גראָער ים״ ווען זיי טרעפן זיך צוזאַמען, ווען ס׳זעט נישט קיינער; אַלע ליבעס פאַרקנאָ־טענע אין חלום און בענקשאַפט אונטער אומעטיקע ווערבעס, ווען זיי רוישן בײַ שטילע וואַסערן; און אַלע פידלען און צימבלען אין ייִדישע קרעטשמעס — און דער פליסטער פון זײַן ליד איז געוואָרן חן און פּערל.

אין דער חברותא זענען מיטגעגאַנגען מיט אים דער אַלטער אַברהם בער גאָטלאָבער און איציק האָט זיך אײַנגעהערט אין אַלטנס ליד, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן געשריבן, וואָס רופט אין שול אַרײַן: ר׳ אײַזיק מאיר דיק — און פון אים האָט זיך אונדזער איציק דערוווּסט אַז „יעדער וואָרט איז אַ שליסל צו עפּעס, אָבער נישט יעדער שליסל פּאַסט זיך צו יעדער שלאָס. מען דאַרף געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָס זאָל קלאָר מאַכן דעם ענין״; און בערל בראָדער אין דער אַכסניה אונטערוועגנס האָט אים צוגעשטעלט פון מאָל צו מאָל אַ נײַעם רעפּערטואַר. אמתע פּערל.

מיט דער חברותא איז מיטגעגאַנגען וועלוול זבאַרזשער און אונדזער איציק האָט מקנא געווען ווי דער עולם האָט הנאה פון וועלוועלעס ליד, כאָטש אַלע קענען שוין דאָס ליד אויף אויסנווייניק, זיצן זיי און הערן זיך צו פאַרגאַפּט, גלײַך זיי וואָלטן עס געהערט צום ערשטן מאָל. און וואָס וויכטיק איז, ווי לעבן וועלוועלען זבאַרזשער האָט דער דיכטער דערפילט, ווי דאָס ליד ווערט צײַטיק אין איינעם מיטן ניגון, אין איינעם מיט דער מעלאָדיע; און דער אַלטער טאַטע פון ייִדישן טעאַטער אַברהם גאָלדפאַדען האָט נישט געלאָזן איציקן גיין אַליין אין טעאַטער און געלערנט אים לידער פון ליבשאַפט וועלכע טראָגן זיך פון פאָלקסגעמיט, פון פאָלקסוואַרשטאַט, און אַז „דאָס טעאַטער דאַרף דיסציפּלין״; דער בדחן אליקום צונזער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן און געוויזן וואָס ליטע קען. זאָלן זיי זיך נישט האַלטן גרויס די גאַליציאַנער מיט וועלוול זבאַרזשער. צונזער, דאָס שיינדל פון אַלע חתונות, דער מוסר־זאָגער און גראַמען־מאַכער פון

אַ גאַנץ פֿאָלק. און אין גאַנג — ווי אויסגעדרעסירטע גוטע גייערס — ווונדערלעכע פֿאָלקסגעשטאַלטן — און אין זייערע שייערן אוצרות פֿון נייע וואָרטשאַצן, נייע פֿאָרמען, יונגע ווערטער, לעבעדיקער צאַפּלדיקער שפּראַך־טעם, פֿאָלקס־אימזאַש. אָט גייט מיט דער פֿריילעכער חברותא מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי מיט זיינע פּשוטע און אמתדיקע לידער, וועלכער זינגט זיי אויס פֿאַרן עולם — און צווישן די צוהערערס: שלום־עליכם, „דער גרויסער און איינציקער, דער כּישוף־מאַכער, וואָס איז געווען בכּוח צו באַווייזן, אַז די גאַנצע ייִדישע מרה־שחורה זאָל זיך צעלאַכן"; און דער פּראָלעטאַרישער דיכטער יוסף באָווישאָווער האָט אים געטראָפֿן אויפֿן שליאַך און אים אַריינגערוימט אַ דיכטערישן סוד: „פֿון אַלע פֿעלדער שפּראָצט אַ נייעס לעבן, / עס שוועבט אַ טיפֿע פֿרייד פֿון אַלע זייטן / און רופֿט מיט צויבערטענער פֿון דער ווייטן". איז אים פֿריילעכער געוואָרן און אַלע שטערן אויפֿן דאַך האָבן זיך צעזונגען און צעטאַנצט אין אַ פֿריילעכן קאַדריל.

מיט זיי איז אויך געווען אויפֿן ייִדישן דאַך אין קאַדריל: הערשעלע אָסטראָפּאָלער מיט דער גאַנצער פֿריילעכער אָרעמקייט פֿון מעדזשיבאָזש און אָרומיקע שטעטלעך: און דער כעלעמער רבֿ מיט זיין צעקנייטשטן הויכן שטערן, מיט זיינע ווונדערלעכע ק ל ו ג ע עצות פֿאַר זיין עדה (און מיט אים צוזאַמען האָט אויך אונדזער איציק געחלומט פֿון יושר, און ניט פֿון אַ יושר וואָס שטינקט...). האָט אָנגעקלאַפּט די גאָלדענע פּאַווע און געזאָגט: איציק, לאָז מיך אַריין. אָן מיר וועט דיר אומעטיק זיין. איך וועל היטן דיין וואָרט אין דיין ליד פֿון טונקעלע אימהס, פֿון פּחדים, פֿון אַלע גזלנים אויף די וועגן. האָט איציק זיין ברייטן טויער אויפֿגעעפֿנט און די פּאַווע איז אַריין: „געפֿלויגן, געפֿלויגן די גאָלדענע פּאַווע איבער אַלע ימען, / לאָז זשע גריסן, דו גאָלדענער פֿויגל, מיין ליבער, מיין האַרציקער מאַמען". איז פֿון דער גאָלדענער פּאַווע געבליבן געוואָרן „די באַלאַדע פֿון די שמייכלען", „די באַלאַדע פֿון די וועגן" און „די באַלאַדע פֿון דער נאַכט".

האָט אָבער איציק געזען אַז אין דער חברותא פֿעלן מיטגייערס, איז ער אַוועק צום בראַצלאַווערס „זיבעטן בעטלער" און זיך געבעטן ביי אים: „זיבעטער בעטלער, דו דרימלסט, דו שווייגסט, / און די וואָלקנס ווערן שווערער — / מיר וואַרטן, דערציילֿ, טאָמער ווערט צו שפּעט, / ווער וועלן זיין די הערער?"

צום בעש"ט איז ער אַוועק — צו דער וועלט פֿון ניגון און שפּיגל און געזאַנג, צו דעם אַלטן ר' פּנחס פֿון האָראָדענקע און צוזאַמען מיט אים געשעפּט אַ ביסל טרויער פֿון דער גאַס. און ווען אין איציקס ליד איז אַריין דער אַלטער אַנאַקרעאָן און ער האָט פֿאַרבעטן איציקן אויף אַ גלעזל משקה, האָט ער מיטגערופֿן משה איבן עזרא און אַזוי האָבן זיך ייִדישע דורות און פֿעלקער פֿאַרקניפּט אין וואָרט. אין ניגון.

איז נאָך אַלץ געווען קליין די חברותא. איז ער צו די אָבות אַוועק. צו די

ליכטיקע אמהות. אַנגעקלאַפּט אין זייער טיר, דורכגערעדט זיך מיט זיי, אָט ווי טוביה רעדט זיך דורך מיטן ייִדישן גאָט פֿער דו, ווי היימישע. ווי גלייכע ברידער. ווי פֿאַרברידערטע וואָרצלען. ווי פֿון איין שטאַם אַרויסגעוואַקסענע. מיט זיי אַלע — און מיט אונדז אַלע איז ער מיטגעגאַנגען.

פֿאַר דער מלחמה זענען געווען שטערן אויפֿן דאַך. נאָך דער מלחמה — וואָלקנס איבערן דאַך, און זיין געשטאַלט אין אַלע גילגולים איז פֿאַר אונדז פּערל־און־חן געוואָרן. ליכטיק ווי זיבן זונען. ווען ער האָט זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פֿרעמד און געקומען שטיין פֿאַרגאַפֿט פֿאַר דעם כנרת־בלאָ, איז אומעטיק געוואָרן און ער האָט דערהערט: „און איצט, מיינע גאָלדענע קינדער, / איצט זאָל שוין זיין געענוג, / אַז מען ענדיקט אַ ליד באַצייטנס, / איז דאָס אי שיין, אי קלוג — אָמר, טוט ער זאָגן".

און מיר האָבן קיין ברירה ניט: „די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע / וויגן די ליידיקע וויגן: / נישטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע, / טאָ וויגט מען אָן אַ ניגון".

אין „אַ שטוב מיט זיבן פֿענצטער" פֿון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — געשטאַלטן מיט זייער פֿרומקייט, מיט זייער צניעות, מיט זייער ייִדישער מאָראַל. „מען איז געשטאַנען מיט די פֿיס אויף אַן אָרעמער ערד און מיט דער נשמה איז מען געווען אין אַ העכערער וועלט פֿון מעשׂים־טובים און מיצוות".

אַ שבת אין שטעטל. גאָט האָט באַשאַפֿן דעם טאָג אויף רו. אין משך פֿון דער גאַנצער וואָך האָט די מאַמע, די פֿרוי אין שטעטל, געקאָכט, געבאַקן און געפּוצט, די קינדער אָנגעטאָן, דער טאָכטער פֿאַרן שידוך אָנגעטאָן אין אַ העל־זיידן קלייד מיט אַ בלויער בראָש פֿון גלאַנציקע שטיינער. באַפּוצט די הענט מיט בראַסלעטן, און די טאָכטער האָט אויסגעזען ווי אַ קיניגין... ווילט איר וויסן די סעזאָנען, די זומערדיקע, די ווינטערדיקע פֿון דעם שטעטל — גייט צו אַ שטוב מיט זיבן פֿענצטער. אַ כּלה אין חופּה־קלייד מיט די ווייסע און ראָזע סטענגעס. אַלץ האָט אויפֿגעלויכטן פֿייערלעך און פֿריידיק.

אין „לאַנד פֿון מיין געביין" זינגט קאַדיע: „כ'האָב ליב אין ליד די פּראָזאַישע שורה". אַזוי האָט זי געקענט זאָגן: כ'האָב ליב אין דער פּראָזאַישער שורה — דאָס ליד. פּשוטע ווערטער. טאָג־טעגלעכער לעבן מיט אַ שטאַרקן לירישן אויסגוס. איז אָנגעקומען אַ טראָפּן עלנט, האָט דער טראָפּן זוכה געווען צו אַ פּשוטער לירישער שורה. ממש מקנא צו זיין. אָן מליצות. אַ נדבן פֿון פּשוטן וואָרט, פֿון אַ פּאָעטיש געמיט. עפֿנט איר „חשוונדיקע נעכט" און איר לייענט: „פֿאַר כּלות אָרעמע, וואָס זענען דינסטמיידלעך געווען, צאַפּט די מוטער שׂרה פֿון פֿעסער טונקעלע אין קרוגן פֿינקלדיקן ווייַן". האָבן מיר דאָך שוין קאַדיען געזען אויף „דזשיקע־גאַס" ווי זי איז אַ טייל פֿון דער אָרעמער גאַס, ווי אין די אָדערן פֿון

איר ליד פליסט דאָס בלוט פון אָרעמע כלות. די דיכטערין שפילט זיך נישט מיט אונדז אין באַהעלטעניש. מיט סימבאָלן איז זי ניט אַזוי שווה־בשווה. מיט סודות און רמזים אויך ניט. ווער דאַרף סודות און רמזים אַז די טאָג־טעגלעכקייט ליגט נאַקעט און אָפן. נאַקעט ליגט דער פּערזענלעכער ווײ. נאַקעט ליגט דער ווײ פון דער יידישער גאַס. און דו קענסט ניט שטעלן קיין מחיצה צווישן די „ווייען". אַריינגעוואַקסן איז איין ווײ אין אַנדערן, אויב אַפילו: „שווייגט די פינצטערניש און ענטפערט נישט אויף תּפילות".

אַ ליריקערין מיט גרויסע לידער. מיט קליינע און גרויסע איבערלעבונגען. מיט שטילע היימישלעכע ענינים און מיט וועלט־ענינים, גענומען פון דער פּאָלי־טישער מאַפּע. זי שעפּט מיט קליינע קעלישיקלעך, מיט עמערס, מיט פעסער. אָנגעשפּיצטע אויערן און אַן אָפן האַרץ. דאָס וואָס ליריק דאַרף. אויערן וואָס דערהערן און אַ האַרץ וואָס דערפילט. און ניט שייך: אָפענע אויגן, וועלכע שפּיגלען זיך אין סאַזשלקעס און אין אָקעאַנען. אויערן, האַרץ און אויגן קלאָרע. ווי ביאַליקס סאַזשלקע: אַ צנועהדיקע סאַזשלקע, פון זון געבענטשט, פון שטורעם אויסגעפּרוווט. אַ סאַזשלקע וואָס חלומט פון אַן אומגעקערטער וועלט, און קיינער ווייס ניט וואָס טוט זיך אין איר האַרצן. די ליריקערין קאַדיע ווייס איר פּלאַץ אויף דער היימישער מאַפּע און אויף דער וועלטמאַפּע. זי ווייס ווו רעכט און ווו אומרעכט: „איך זאָג: איר זענט גערעכט, / עס טוען אַזוי אַלע לייט, / אַזוי איז דאָס געזעץ / נאָר איך — מיין האַרץ איז אַ פּאָדליעץ — / און ווי ביימער גלייך געשוירענע אין פּאַרק, / האָב איך פיינט די אַלע וואָס זענען שטאַרק / מיט דער גערעכטיקייט און מיטן געזעץ, / איך האָב זיי פיינט ווי גאַל, ווי סם, / ווי אַ געלונגענעם און גלאַטן גראַם".

שטאַרקע וועלכע באַשיצן זייער רישעות מיט געזעץ. קעגן זיי — די ליריקערין. ווייל די אויערן, דאָס האַרץ און די אויגן שטייען אויף דער וואַך. ווען דער שטאַרקער באַשיצט זיין רישעות מיט געזעץ, ווערט חושכדיקער דאָס לעבן. ס'איז שווער צו אָטעמען. דאַן ווילט זיך אַנטלויפן פון זיך אַליין, אַ יידן — שרייבט קאַדיע — האָט קיין מאָל ניט געאַרט, ווי עס זעען אויס די ווענט פון זיין שטוב. ער האָט ניט גערופן קיין דעקאָראַטאָר, ווען ער האָט גענדאַרפט ערב־פּסח קאַלכן די ווענט. ער האָט בלויז אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט דאָס בילד פון ווילנער גאָון און די שטוב איז געווען גענוג באַשיינט. אים האָט ניט געאַרט וואָס פאַר אַ ביכער־שאַפּע ער האָט ביי זיך אין שטוב, דער עיקר עס זאָל דאָרט שטיין דער ש"ס. עס איז אים ניט אָנגעגאַנגען וואָס די פענצטער פון זיין שטוב זיינען ניט געמאַכט לויט דער מאָדע, ער האָט סיי ווי געוווסט ווו עס איז די מיזרח־וואַנט. אַז ער האָט געגעבן אַ נדבה האָט ער בלי־ספק ניט געזוכט אין די צייטונגען צי זיין נאָמען איז אַריינגעשריבן און צי די אותיות זיינען גענוג גרויס.

„אַ שטוב מיט זיבן פענצטער" און אין יעדער פענצטער קומט אַריין קאַדיעס

ליכט. קאַדיעס ליד. אויף די שערבלעך פון איר טיש איז שטענדיק געווען אַ טראָפּן ווײַן פון איר ליריק. אויף איר דאָרן האָט שטענדיק געבליט אַ רויז פון איר ליד. איבער ימען, לענדערייען איז זי געגאַנגען הין און צוריק מיט אירע קלומיקעס און מיט אירע בעבעכעס. און פון די בעבעכעס האָט זי אַרויסגעקוקט צו דער וועלט. פון די בעבעכעס האָט זי אויך געזען אַ פרישן פרימאָרגן, אַ דראַנג צו פרייהייט, באַפרייען זיך פון וועלטישן יאָך. שטענדיק געוואָלט אַז די שיכעלעך וועלכע זענען אַוועק ווו די וועלט האָט נאָך אַן עק, זאָלן אָנקומען צו אַ פרייליכערן טאָג, צו אַ ליכטיקערן טאָג. צו נייע ערדן. צו נייע הימלען. דאָס לעבן, ווי דאָס ליד, זאָל אַרויסגיין פון ענגשאַפט, פון געדרענגעניש. אָפט מאָל דאַכט זיך: קאַדיע האָט זיך ניט געיאָגט נאָך דעם ליד. דאָס ליד האָט זיך געיאָגט נאָך איר. אָנגעקומען שטענדיק צו איר ווינקעלע. „איך שרייב ניט קיין ליבעבריוו, / נאָר אין דער טיף / וויינט מיין האַרץ צו דיר״.

בענקשאַפט נאָך ליבע. נאָך היים. בענקשאַפט צו תּפילה. און אַלץ אַזוי אָפן. אינטים. קומט אָן דער שטילער צער: „און איך זע עס אין זון, / און דער הימל איז בלאָ, / נאָר קיין וועג איז נישטאָ, / איז נישטאָ, איז נישטאָ״. אין שווערע מינוטן: „אַן אומעטיקע וועלט. / עס איז נישט כּדאַי נאָך איר צו בענקען״. און דאָך אַ תּפילה, פון שענסטע תּפילות וואָס אַ מענטש קען בעטן: „אָ, וועק מיך אויף, מיין גאָט, / אָ, וועק מיך אויף, / פאַרקויף מיך נישט אין חושך פאַר אַ שקלאַף״.

קאַדיע האָט געזען מיט איר ליריש ליד, אַז יעדער טאָג טראָגט אַ פאָדעם ליכט, אויף אָנצינדן די זון איבערן טאָג, אַז יעדע נאַכט טראָגט אַ חלום. נאָר זי אַליין: „אַ פונק אויף אויסגעברענטן אַש״. נאָר וועגן דעם ליד פון אויסגעברענטן אַש פון קאַדיען, פון אַנדערע ליריקערס, שפּעטער, אפשר שפּעטער, ווייל שווער איז צו שרייבן וועגן דער פאַרשווונדענער יסורימדיקער היים.

יעקב גלאַטשטיינס לעבן — „אַ לעבן צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקער געאָגראַפיע. גאַסן און שטיבער. לאָמפּן און בעטן, פּנימער און סילועטן זיינען די קאָמאָס און פּונקטן פון מיין ביאָגראַפיע״.

אַ ייִד פון לובלין. מיט ייִדישע געזאַנגען. אַ זינגער מיט צעריסענע שיך, אַ באַטייליקטער אין אַלץ וואָס לובלין באַדייט פאַרן ייִד. אַ לובלינער ייִד מיט פּסוקים אויף העברעיִש, אויף ייִדיש.

דער גאָלדפּרווו פון אַ ווערק איז די צייט. די צייט איז דער קונסט־שופט. די צייט באַשטימט דעם גורל פון דיכטער: מי לחיים. מי לשיכחה. אַזוי ווי געשיכטע איז דער זכּרון פון פאָלק, אַזוי — דאָס ליד. ליטעראַטור איז די דער־קענטעניש פון פאָלקס כאַראַקטער און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע פאַרן פאָלקס זכּרון. ווען איך וואָלט נישט וויסן אַז גלאַטשטיין שטאַמט פון לובלין, וואָלט איך

אים אַריבערגעפּעקלט קיין לובלין און די צייט האָט געוויזן, אַז גלאַטשטיינס ליד, גלאַטשטיינס ליריק — בלייבט, ווי אַ גרויסער אוצר אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די ייִדישע ליטעראַטור גיט דאָס געוועב פון לעבן צווישן צוויי וועלט־מלחמות. גענוג צו לייענען גלאַטשטיינען, כּדי צו זען דאָס געוועב. אַן אַלטער אמת: וואָס מער וואָרצלדיקער אין דער ייִדישער היים, אַלץ מער פאַרשטענדלעכער פאַר דער וועלט.

עגנון — יוכיח. נישטאָ קיין בעסערער עדות. וואָס מער איינגעוואָרצלטער אין בוטשאַטש, אַלץ מער פאַרשטענדלעכער פאַר דער וועלט. וואָס מער פאַר־וואָרצלט אין לובלין, אַלץ מער נענטער פאַר דעם ייִד אויף דער גאָרער וועלט. זיין קינסטלערישע לאַבאָראַטאָריע — לובלין. זיין הייליקע שטאָט. שטאָט פון גרויסן דלות און פריילעכע ייִדישע יום־טובים. לייענט זיין — „שיר אַ געזאַנג" צו לובלין, צו דער ייִדנגאַס וואָס האָט געשמעקט מיט פרישע ראַזעווע און געבייטלט ברויט, געזייערטע אוגערקעס און בשמים, הערינג און ייִדישן בטחון. דעם רבינס בית־מדרש, די מהר"ם־שול און די מהרש"ל־שול, די באַלמעלאָכישע שטיבלעך און שולכלעך האָבן געשאָנקען דעם קודש צום חול, פון דעם וואָכעדיקן גרויסהאַנדל, מישטיינס געזאָגט.

וויפל ליבשאַפט צו לובלין. אַלע שמונה־עשרהס בלחש און די רוישקע ייִדישע גאַס. ייִדן ריידן זיך דורך אין בית־מדרש. פון הבלי עולם־הזה וויכן זיי ווי פון אַ פעסט. אַזוי פיל קדושה אין דער מהר"ם־שול, אין דער מהרש"ל־שול. און אַלץ איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט ייִדיש, מיט אַ ייִדישן שמועס, מיט ייִדישע זשעסטיקולאַציעס. גאַסן, ווו ייִדן גייען שורותווייז און בינדן אַ פּסוק צו אַ פּסוק, אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

גלאַטשטיינס ליריק פון לובלין, פון דעם קול־יעקב אין בית־מדרש, פון די בחורים מיט די אַטלעסענע און סאַמעטענע קולכעלעך. לובלין — די שטאָט פון אויפגעוואַכטן קלאַסנקאַמף. דאַכט זיך אַז וויסענבערגס פיר בנים לעבן נאָך דאָ. זיי האַלטן אָפּ די קריאה אויב מ׳גייט באַגיין אַן עוולה, אויב מעות־חיטין ווערט ניט צעטיילט אָרנטלעך. לובלין מיט די שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען, משרתים און געזעלן. אַלע אין קאַמף פאַר יושר, פאַר גלייכהייט. „אַ הייליקער פלאַם האָט זיי געלייטערט די אויגן, ווען זיי זיינען מיט שימחה געגאַנגען אין קרימינאַל אַריין און אויפן וועג געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער". לובלין פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און תורה. ווער קען אַ מחיצה שטעלן? ייִדיש לעבן ווערט דיר נאָענט דורך גלאַטשטיינס ליד וועגן לובלין. ייִדיש לעבן ווערט אויסגעוואַקסן שיין, תפארתדיק. אַלץ רעדט צו אונדז. מען דאַרף קיין סך ניט נישטערן. אַלץ ליגט אויבן אויף. דער שבת און דער וואָכעדיקער טאָג. דו בלאָנדזשעסט אין גלאַטשטיינס וואַלד און דו זעסט דורות, תקופות, אַלע שטרעקעס פון דער ייִדישער געשיכטע. ער איז כּולו ייִדיש. ייִדיש מיט דלת אמות וועלכע מעסטן ברייט און

שאַרף יידיש לעבן. אותיות אויף וועלכע מ׳קען זיך אָנשפּאַרן, מ׳קען זיך צוטוליען צו זיי. יידיש — אַ גרויסע און ברייטע וועלט, וועלכע דערוואַרעמט פאַרפרוירענע נשמות, כאָוועט יידישן כבוד, פאַרבונדן מיט ייד און וועלט... לובלין מיט דעם אַלט-אַלטן און ניי-אַלטן בית-עולם, מיט די אוהלים פון גוטע יידן, קברים, וואָס צו זיי טאָר מען נישט צוטרעטן, סיידן אין אַ גרויסער צרה, ווייל די ערד ברענט ממש פון הייליקייט.

גלאַטשטיינס ליד האָט שטענדיק געוואָלט אַז דאָס שטיקל פּאַסנע ברויט פון ייד זאָל ווערן איינס מיט הימל. אַז דאָס לאַבן ברויט אויפן יידישן טיש זאָל זיין איינגעוויקט אין תפילה. אין זיין ליד „לובלין״, 1941, האָט געשריבן דער דיכטער: „אין יאָר אַזוי און אַזוי, / ווען ס׳האָט יידישלעך אויפגעלויכט מיין נאָמען — / אַ ביסל ליכטיק, / אַ ביסל טריפיק, / פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק, / ווען איך בין געוואָרן אַ שרייבער ביי יידן / האָט מיין האַרץ געצויגן צו שטויבן זיך אין דיין שטויב, לובלין, / צו קושן דיר די מידע טריט, / צו גיין אַ ניט דערשאָכטענער קרבן, / מיט פאַרבלוטיקטע און געשוואָלענע פיס, / צו דיר אויף יענער זייט טויער. / אַהין, צום פינצטערן לובלין״.

אויף אַלע וועגן פון זיין נע-ונד, אויף אַלע סקווערן פון ניו-יאָרק האָט ער געזונגען דאָס ליד פון לובלין. קיינער קאָן זיך נישט אויסשפּאַנען און אַוועק פון דעם וואָס איז געווען און געוואָרן. קיינער קען ניט פאַרגעסן זיין משפחה-טיש. קיינער קען ניט פאַרגעסן די ערשטע משפחהדיקע נחתן, די לייבלעכע, די שעמעוודיקע טריט פון טאַטע-מאַמע „אין צווייטן חדר וואָס איז פאַרשלאָסן״. און אויב מ׳פאַרגעסט — קומט די גוטע ליריק און דערמאָנט. און דער חדר עפנט זיך. און דו גייסט אַריין פון דאָס ניי, און דער ריח פון דער געעפנטער טיר איז פריש האָלץ „ווי גוטער וואַלדווייַן קרעפטיקט עס די לונגען״.

דאָס טיר פון די ערשטע יאָרן ווערט געעפנט. דאָס ליד ווערט אויסגעזונגען דורכן גרויסן ליריקער יעקב גלאַטשטיין: **ל ו ב ל י ן.**

דער ריזשינער **י ע ק ב פ ר י ד מ אַ ן** האָט געזוכט דעם באַשאַף ביז זיין לעצטער מינוט. ער האָט געוואָלט, ווי אַ גרויסער ליריקער, פאַרשטיין דעם „בראשית ברא״. אויב אַפילו חקירה איז געווען פון די הויפּט-יסודות פון זיין ליד, האָט זי זיך געטובלט אין ליריק. פאַר גאָט האָט ער געעפנט זיין האַרץ, ווי זיין באָבע צו מינחה איבערן צאינה-וראינה. ער ווייס דעם טאָג פון זיין באַשאַף. אין זעקסטן טאָג. אָבער מיט תפילה און תחנונים און רחמים שטייט יעקב פרידמאַן פאַר דעם גבוה מכל גבהים, ווי אַ בוים אין דער נאַכט. די פּירות זיינען צייטיק און ער ברענגט זיי פאַר גאָט. „וואָרהאַפטיק, אַ בשמים-הדסל איז מיין ליד געוואָרן. / עס באַהאַלט אַלע טערפּקע ריחות פון אַמאָלן״.

אַלע גרויסע יידישע ליריקערס זיינען מכניסי אורחים פון **אַ מ אָ ל ן.** זיי

קוקן אַריין אין זייערע טיפֿן. נאָר צווישן די אַ מ אָ ל ן זייַנען זיי צווישן מענטשן. נישטאָ קיין ברירה: מיר מוזן אויסהערן זייער ליריש ליד מיט אַלע טערפּקע ריחות, פון זייער היים, פון זייער משפּחה. יעקב פרידמאַן טענהט זיך אויס בקול־דממה־דקה מיט זיין היים. ער איז נישט דער דיכטער פון די הייכע קולות. התפּעלות דאַרף ניט האָבן קולי־קולות. התפּעלות — איז ליריק, ליריק פון שטילסטן סאָרט. קען דיין האַרץ זיין צעפּליקט אויף פּיץ־פּיצלעך, קומט אָן מיט שטילע טריט דאָס ליד פון דיינע אַמאָלן. דאָס ליד פאַרמאָגט אירע דיבורים. אירע ווערטער. די ליריק דערהאַלט דאָס חיות פון זיין לעבן. אין דער נחלה לעבט ער זיין לעבן. ליבשאַפט. באהבה זיצט ער און חלומט אויס זיין נעכטן... פון די נעכטיקע טעג פלייצט אַריין די שיינקייט.

יעקב פרידמאַן איז אַ זון פון מילניצער רבי. פון דער חסידישער היים וויל ער ניט אַוועקגיין. זכרונות יאָגן נאָך: די פאַרפרוירענע פענצטער, די ביימער, די שטוב, די געפלאָכטענע שאָטנס פון זיין היים, דער כליפּענדיקער קול פון זיין מאַמע, דער ספר, די ווערטער וועלכע קלינגען און זינגען, די צעקוועלטע שירה. ווער גייט אַנטקעגן אַזאַ צעקוועלטער שירה? — דער מהר״ל, די בעטלערס, די אַלע וועלכע ווילן אויסלייזן די וועלט, די וועלכע העלפן אים צו פאַרשטיין דעם ערשטן פסוק פון דער תורה: בראשית ברא. די פאַרשאָטענע וועגן מיט שניי. אין זכרון ליגט די בענקשאַפט נאָך היים. אין זכרון ליגט דער פרימאָרגיקער טרוים, דער ריזלדיקער פּיט פון די יונגע יאָרן.

וווּנדערלעכע פליגל פון אַ ייִדישן ליריקער, וועלכער האָט פאַרזייט שירה פאַרן מאָרגן, וועלכער האָט געטראָגן רייפע פרוכטן צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַלע דיכטערס בענקען נאָך היים, נאָך יענע געבליטן מיט יעדן קנאָספּ און יעדן צווייט. אַלע דיכטערס גייען אויף די שליאַכן פון זייערע היימען. אין אַ היפּאָדראָם האָט מען אַ מאָל געבראַכט באָדן פון צענדליקער מדינות. אין היפּאָדראָם זענען אַריינגעפירט געוואָרן העלפאַנדן פון די אַלע מדינות. יעדער העלפאַנד האָט זיך געלייגט אויף זיין ערד. דער ריח האָט אים געבראַכט צו זיינע ברוזדעס. אַזוי דער דיכטער. ער קומט אָן צו זיין היים. צי די היים איז אין טיפן טאָל, צי אויף די הויכע בערג. ער קומט אָן צי מיט אַ שמייכל, צי מיט אַ זיפץ, צי מיט גרויל און אימה, צי מיט פרייד. די היים איז זיין רעגן־בויגן. נאָר דאָ גלייבט ער אַז ס׳וועט מער קיין מבול ניט זיין. קומען אָן פייגעלעך אין ליד און ברענגען אַ גרוס, ווי די גאָלדענע פּאַווע פון היים. אַלע ווערטער שושקען זיך: ה י י ם. אין דער אַלטער היים זעט דער ליריקער יעקב פרידמאַן פון דאָס ניי די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. דאָס איז שירה פון זיין וויג. מיט דאָרשטיקע אַפּלען טרינקט ער אויס דעם אַלטן ניגון פון זיין מאַמע. פאַרקריכט ער אַפילו צו ימען, צו אָקעאַנוסן, וויינט אין אים דער ריח און טעם פון זיינע ערשטע שטערן. „אַלע טעג, / זיינט ערשטן טאָג, / לויפן קריק דעם וועג / צום ערשטן טאָג, / אַלע רייד, / זיינט

ערשטן זאָג, / לויפן אַהיים / צום ערשטן זאָג״... און דער ערשטער זאָג איז קינדערלעך. איז וווּנדערלעך. אין ערשטן זאָג איז דאָ די אַלטע לבנה און דער טאַטע איז איר מקדש, די ערשטע ווינטן, די ערשטע שטערן, דער בלאָער הימל. דאָס ליריש ליד דאַנקט אָפּ דעם ערשטן טאָג. דעם ערשטן זאָג. לידער צו פֿאַרכליניען זיך...

יעקב פרידמאַן דער ליריקער ווייס אַז אומעטום וווינט גאָט. ער איז דאָך אַ חסידישער זון. ער ווייס אַז די גרויסע וועלט איז פֿאַר דיר, אָבער „פּריאָריטי״ קומט דעם ניגון פֿון ערשטן טאָג. דער בערדיטשעווער האָט געזונגען זיין דודעלע צו גאָט. לייוויק האָט געזונגען זיין דודעלע צו אָפֿענע הימלען. יעקב פרידמאַן זינגט זיין דודעלע צו די ד׳ אמות פֿון זיין היים, צו דעם טוי און בלום פֿון דאָרט, צו די צניעות פֿון מיידלשע הענט. אין דעם חלום פֿון דער וועלט שטאַמלט ער אויס זיין אייגענעם חלום, דער חלום וועגן אויף די ווײַעס פֿון זיינע נאָענטע געשטאַלטן האָט געפֿינקלט אַ טרער. דער דיכטער הערט דאָס געוויין פֿון דער וועלט, אָבער זיין ליריש ליד נעמט אויף די פֿרייד און שיינקייט פֿון „ערשטן זאָג״. זוכט ער אין דער פֿינצטערניש אַן אויסוועג. געפֿינט ער דעם אויסוועג אין תּפֿילה. אין ליריק, וואָס עפֿנט אים אַ טיר צו זיין ליו־ליו, ליו־לו, אַ ליד וואָס זינגט און קלינגט. דאָס וויגליד. טוליעט ער זיך פֿון דאָס ניי צו זיין וויג. מיט פֿולן ברען. און פֿילן פֿילט דער דיכטער יעקב פרידמאַן — עס ליגט אויף אים אַ חוב צו פֿאַרפֿאַסן זיינע לירישע לידער, כּדי אויך די צוקונפֿטיקע יידישע דורות זאָלן דערשמעקן זייער ריח און זייער טעם.

ער האָט געזוכט די פּראַכט פֿון דער וועלט און געפֿונען די פּראַכט פֿון זיין היים. אַרויס זוכן אייזלען און געפֿונען אַ מלוכה. — דער מאַיעסטעטישער ליריקער יעקב פרידמאַן.

ישראל שטערן — מיט סמיכות אויף רבנות — איז ער אָנגעקומען צו דער יידישער ליטעראַטור. אין שטיבל פֿון די טויטע חסידים (בראַצלאַווער) האָט ער אויסגעחלומט זיין ליריש ליד.

דער בראַצלאַווער איז געווען זיין רבי. צוגעבונדן מיט ליבע צום רבין און זיין דיכטערישער וועלט — נישט איבערצורייסן. אין זיינע הענט האָט ער איבער־געענטפֿערט זיין נשמה. די וועגן פֿון לעבעדיקן גאָט זענען אים געווען נאָענט. ער האָט נישט געוואָגלט פֿון איין צדיקס הויז צום הויז פֿון צווייטן. ער איז געשטאַנען אויף די שטאַפּלען פֿון בראַצלאַווערס לייטער. ער איז געווען אַ פֿאַר־מיטלער צווישן בראַצלאַווער, צווישן ניגון און תּפֿילה און זיין ליד. פֿאַרבראַכט זיינע טעג אין ליד, ווי אַ פֿרומער ייד אין תּפֿילה. ער איז געווען זיכער אַז די הימלען הערן זיין וואָרט.

ישׂראל שטערן האָט געגלייבט אין זיין ליד, אַז דער דערבאַרעמדיקער דער־

לאַנגט אַ האַנט צו די וואָס טרינקען זיך. ער דערלאַנגט אַ האַנט צו די וועלכע זינקען אין טיפן זומפּ, אין גייסטיקער אָרעמקייט, אין שיפלות. דאַכט זיך אַז זיין גאַנצן לעבן, ווינענדיק אין וואַרשע, האָט ער געבענקט נאָך אומאַן, דאָס אָרט ווו דער בראַצלאַווער איז באַגראָבן. דאַכט זיך, אַז אין זיין ליד האָט ער באַזוכט אַלע טאָג זיין קבר און געדאַוונט אין זיין שטיבל. זיין גאַנצן לעבן אין ליריש ליד האָט ער געלעבט מיט די הייליקע ספרים, געזוכט פּערל אין זייערע טיפענישן. קעגן מאַרקישן. קעגן אורי צבי גרינבערגן — מיטן בראַצלאַווער.

ישׂראל שטערן דער דיכטער האָט אין זיין פּערזענלעך לעבן אויך דורכגע־טראָגן צייכנס פון קאַטאַסטראָפעס. ער האָט געפילט אַז פייערן קומען אָן פאַר־ברענען דעם יידישן גוף. „דער אָפּגעריסענער, דער פאַרזעענער מענטש, — ער אַליין, אָרעם אָנגעטאָן, אָפּגעלאָזט, די קעשענעס אָבער פול מיט ליטעראַטור, מיט ווערק — מיט זיינע און מיט ווערק פון אַנדערע יידישע און נישט יידישע שרייבערס" (ה. לייוויק). „מיין אומעט הענגט אַראָפּ פון אַלעביימער און פאַלט נישט צו דער ערד". וווּנדערלעכע לירישע שורות. „צווישן שוואַרץ-גרינע בערג האָט אַ זקן שפּאַצירט / מיט הימלען און גאָט אין די אויגן, / מיט שטערן און נאַכט אין די אויגן האָט אַ זקן שפּאַצירט".

האָט דער דיכטער ישׂראל שטערן שפּאַצירט מיט הימלען און גאָט אין די אויגן, מיט שטערן און נאַכט אין די אויגן. „גאָט, גאָט גיב אַ פרילינג, פאַר די שענסטע מענטשן וועגן" — איז דאָ אַ שענערע תּפילה? אַ טיפערע? איז יעדער דיכטער זוכה אָנשרייבן אַזאַ קורצע תּפילה? קיין מאָל ניט געווען קיין פאַרטומל־טער. שטענדיק האָט געבריט אַן אידייע. שטענדיק געוואָלט זען אַ שטראַל וואָס וועט באַלויכטן פינצטערע וועגן. אַ נשמה וואָס האָט שטענדיק געברענט. ריינע אותיות. אותיות וועלכע וואַקסן אין ליד. אותיות וועלכע ווערן שאַרפער ווען דו קומסט אָן צו די מעמקים פון ליד.

אויב געוויין — איז שאַ. שטיל. פון יעדן צווייגל הענגט אַראָפּ זיין אומעט — פאַלט נישט צו דער ערד. דעם פאַרנאַכט טראָגט ער אויף זיינע הענט. דער בראַצלאַווער האָט גערעדט וועגן דעם האַרץ פון דער וועלט, אויך זיין תּלמיד ישׂראל שטערן... האָט דאָך געזונגען דער בראַצלאַווער: „עס איז פאַראַן אַ באַרג, אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין, פון דעם שטיין גייט אַ קוואַל, און איטלעך זאַך האָט אַ האַרץ, און די וועלט אין גאַנצן האָט אויך אַ האַרץ און דאָס האַרץ פון דער וועלט איז אַ גאַנצע קומה, מיט אַ פּנים און מיט הענט און מיט פיס. — — דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייען אין איין עק פון דער וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט, און דאָס האַרץ שטייט אַקעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תּמיד זייער אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל און דאָס בענקען און דאָס גלוסטן פון דעם האַרץ צו דעם קוואַל איז גאָר ווילד, און עס שרייט תּמיד עס זאָל קומען צו דעם קוואַל און דער קוואַל גלוסט צו דעם

האַרץ אויך — —" גיט צו אַנסקי: „און עס איז פאַראַן אַ רעכטפאַרטיקער און לייטזעליקער מאַן, וואָס גייט אום איבער דער וועלט און קלייבט די ליכטיקע פעדעם פון די הערצער און וועבט פון זיי צייט און אַז ער וועבט אויס אַ גאַנצן טאָג, גיט ער אים אָפּ דעם האַרץ פון דער וועלט, און דאָס האַרץ פון דער וועלט גיט עס אָפּ דעם לויטערן קוואַל, און ער לעבט נאָך אַ טאָג..."

דער לייטזעליקער, רעכטפאַרטיקער מאַן וואָס איז געגאַנגען איבער דעם וועג אויפקלייבן די ליכטיקע פעדעם פון די הערצער — איז געווען ישׂראל שטערן. „שטיקער פייער לעקן האַסטיק אַלע ברעגעס פון די הימלען. נאָר די ערד ליגט. שווייגט. גלייבט נישט. קאַלט איז זי. קאַלט". ישׂראל שטערנס ליד לעקט אַלע ברעגעס פון די הימלען און פון מענטש. און געוואָלט האָט ער אַז אויך די ערד זאָל דערוואַרעמט ווערן. זי זאָל ניט ליגן שווייגנדיק קאַלט. און ער, דער דיכטער, ווי זיין רבי ר' נחמן, אין זיין גרויסן אומעט איז געגאַנגען דער גרויסער וועלט אַנטקעגן.

ווען די זון פאַרגייט — דויערט דער ווייטיק לאַנג. דאָס האָט ישׂראל שטערן דערפילט אין זיין ליד. „וואָס איז זון? אַ מעסטל ליכט. נישט מער". אויב אַפילו נישט מער, איז עס געגוג. אַ מעסטל ליכט איז ניגון. איז טאַנץ. איז חסידישע התלהבות. אַ מעסטל ליכט געהערט דער גאַנצער וועלט. אַ מעסטל ליכט געבוירט אַ סך פרייד. אַ מעסטל ליכט איז נישט נאָר פּשט, נאָר אויך רמז און סוד.

ישׂראל שטערנס פּרדס — אַ סודותדיקער. אַ טיף לירישער. דאָס געטלעכע ליכט און דאָס מענטשלעכע ליכט האַלטן זיך צוזאַמען. ס'קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין... אַלע נשמה־קנייטשן פון זיין רבין אין ישׂראל שטערנס ליד. סאַלוט פאַר ישׂראל שטערנס ליריק.

בינם העלער איז פאַרליבט אין וואַרשע און האָט קיין מאָל נישט אויסגעביטן זיין היים אויף אַן אַנדערער. „דער זומער היי־יאָר איז געבענטשט מיט רעגן, / דער גאָרטן ווערט אַלץ גרינער און געדיכטער, / פון דאָרטן גייסטו מיר אַרויס אַנטקעגן אַ שמייכלענדיקע און אַן אומגעריכטע". פון וואַרשעווער גאָרטן.

אין זיין תּוך — איז ער כּולו וואַרשע, מיט אירע הייפן, מיט איר אָרעמקייט, מיט איר דינאַמישקייט. ער האָט ליב וואַרשעווער פּנימער, וואַרשעווער אָנשטעל. האָט זיך דער דיכטער ניט ווו אַהינצוטאָן, ווען וואַרשע איז חרוב.

בינם העלער באַזינגט דעם אומעט פון ייִדישע הייזער „וואָס זעלטן פאַרנעמען די ווענט אַ געשריי, און אַפילו ווען יאָ — איז עס אויכעט פון שרעק". ניין, ס'איז נישט קיין פּעסימיזם. מיט פּעסימיזם קען מען נישט גיין אויף באַריקאַדעס, און בינעם העלער איז אַ קינד פון די באַריקאַדעס. ווייל ער איז איינער פון דעם דור, ווי ער שרייבט אין אַ ליד, וואָס האָט געקלעטערט אַרויף צו צום טורעם מיט פאָן און מיט האָר געצוואָגענע אין שטורעם.

אַ ליריקער פאַר עקסעלאַנס. אַ ליריקער פון דער ייִדישער גאַס. ווייל וואָס איז געווען די ייִדישע גאַס, אויב נישט אַ גרויסער קאָלעקטיוו וואָס האָט געוואָלט ענדערן סדרי עולם. סדרי ייִדיש לעבן. די ייִדישע גאַס איז נישט געווען קיין שענק. קיין קנייפּע. זי איז געווען קדושה און ימי חול פון ייִד. זי האָט פאַרמאָגט האַרץ. זי איז געווען אַ נאָענטער קרוב צו אַלע דורות און תקופות. די ייִדישע גאַס איז געווען שורש־נשמה פון ייִד, פון דער ייִדישער משפחה. אַלע ים־כוואַליעס פון ייִדישן לעבן האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אין אירע ברעגעס. אַלע ים־כוואַליעס האָבן זיך געטראָפן אויף דער ייִדישער גאַס... מיושבדיקע ייִדן און ניט קיין מיושבדיקע. חסידים און רעוואָלוציאָנערן. גלייביקע און אַפּיקורסים.

אַ דיכטער וואָס איז שטענדיק געווען אין לאַנד פון געפאַרן, איז געוואָרן דער לירישער באַזינגער פון דער ייִדישער גאַס. פון וואַרשע. דורך כוואַליעס. דורך שרעק, דורך שוידער. דורך פלאַמען. „קינד מיינס, / פון דיין פּיצעלע האַנט, פון דיינע טריטעלעך קליין, איך לאָז זיך איצט פירן צום ווייטן לאַנד, צום לאַנד אָן געוויין”. אַזאַ לאַנד האָט בינם העלער נישט געפונען. אויב אַפילו ער האָט אים געזוכט. אויב אַפילו ער האָט אים געוואָלט דערהערן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. אין ממשותדיקן גאַנג האָט ער אַזאַ לאַנד נישט געפונען. אפשר האָט קיין ייִדישער דיכטער אַזאַ לאַנד נישט געפונען. מיט אַזאַ לאַנד קען מען פירן אַ שקלא וטריא נאָר אין חלום. נישטאָ אַזעלכע קלעזמערס וועלכע קענען שפּילן אין אַ לאַנד אָן געוויין. אַלע תנועות פון ייִדישן דיכטער, פון ייִדישן קלעזמער זענען אָנגעזאַפּט מיט געוויין. נישטאָ אַזאַ ייִדיש וואָס קען פידלען אין אַזאַ לאַנד. „פאַראַנען ביי יעדן אַ ליד, וואָס גייט זיין לעבן ווי בלוט, ווי ריטעם פון אייגענע טריט, פאַראַן אַזאַ ליד”.

פאַראַן אַזאַ ליד ביי בינם העלערן וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענעם דיכטערישן אָטעם. פאַראַן, נישט איין ליד, מיט עמאָציאָנעלער אָנלאָדונג פון דער ייִדישער גאַס. פון וואַרשע. דעם דיכטערס טראָט דערשפּירט, ווי ס׳ריזלט אין דער ערד די וואַרעמקייט פון קוואַלן. דער זאַפט לויפט פון וואָרצל צו די צווייגן. אין אַלע לידער פון בינם העלער לויפט דער זאַפט פון וואָרצל צו די צווייגן... אַ ווונטש אָנצוקומען אַהיים, צו אַ פרייש און שפּאָגל נייער היים, מיט וואַרשע אין האַרצן, מיט דזשיקע־גאַס, מיט די געטאָ־קעמפערס, מיט נאַלעווקער ייִדן. אַ דיכטער וואָס זינגט ליידנשאַפטלעך צו בענקענישן נאָך היים.

בינם העלערס ליריק זינגט ניט ווי דער פויגל אין וואַלד. בינם העלער טראָגט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן: „כליפּ, כלאַפּ־כליפּען שיך, / ערגעץ וואַרט אַ ווייב אין קיך — / און דער שפּעטער האַרבסט / שווענקט די שייבלעך אינעם ווינט, / וויגט אין פיבער איין אַ קינד. / אוי דער שווערער האַרבסט, / נאָר דער טאַטע שפּאַנט און שפּאַנט, / שוואַרצע פאַרב איז אין זיין

האַנט / און אַרום איז האַרבסט. / הענגט דער הימל שווער און גרוי, / אַרבעט שוין פון לאַנג נישטאָ, / איצט איז טיפער האַרבסט״.

בינם העלער שפּאַנט אין די רייען פון אַרבעטערס, פון האַרעפּאַשנע מאַסן. אַ באַלאַדענער מיט נייע בשורות פון דער צייט, מיט באַריקאַדעס, קאַמפן, געראַנג־לעניש. דאָס ליד איז ווידערשפּעניק.

בינם העלערס ליריק בייטיקט זיך ניט אין פּירושים. ער איז ניט באַשאַנקען מיט מיסטישע רמזים. די ייִדישע גאַס ליפערט אים טעקסטן. ער שלאָגט אַרויס פון שטיין פון וואָכעדיקייט די יום־טובדיקע ליריק. בינם העלער נייטיקט זיך ניט אין טייטשערס און אויסטייטשערס. צווישן גאַס און געסל, צווישן איין טרונק און דעם צווייטן ווערן געבוירן בינם העלערס לידער. די ייִדישע גאַס טרייבט אים אין דער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג. בייזע חיות לויערן — דאַרף דאָס ליד זיין אַן ענטפער. דאָס ליד דאַרף דורכגיין שטעכיקע דראָטן. אַרום קאָכט און זידט, קען מען ניט אַנטלויפן צו סתרי־תורה, צו סימבאָלן. דאָס ליד דאַרף הערן מענטשלעכע קולות, קולות פון פידלען, טראָמפּייטן און אויך פּויקן. דאָס ליד דאַרף הערן אויך ווי עס בראַזגען קייטן, דאָס ליד דאַרף אויך ווייזן ווי צעברעכן די קייטן.

בינם העלערס ליד איז צוגעשמידט צו דער זינדיקער ערד: „אַ מאָל קומען אַן שליחים פון נאַכט / מיט קורצע באַפעלן: זיך אָנטאָן און גיין! / און ס׳וויקלט די מאַמע די הענט אין געפלעכט / און הילט אירע אַקסלען אין דינעם געוויין״. בינם העלער זעט טויען אויף פעלדער, אָבער ער לאַשטשעט זיך ניט צו די טויען, נאָר צו דעם מענטש וועלכער האַלט דעם אַקער אין האַנט. זיין ליריק שושקעט זיך מיט אַ טייכל, אָבער דאָס ליד דערהערט „דעם אומרו פון שטיינערנע גאַסן״.

בינם העלערס ליריק איז מוזיקאַליש. אַ סך ליבעלידער ביים זייט פון זיין רעוואָלוציאָנערער ליריק. „פון מוראַנאָוו ביז צו דער ווייסל, / פון דזשיקע ביז קערבעדזער בריק, / אין יעדן טויער ז׳פאַראַנען / אַ סטאַנציע פאַר אונדזער גליק״.

אין היכל־וואַנט פון זיין שירה: די חרובע היים. אַ גרויסער נדבן צו דער חורבן־טעמע. נישט אַנטלאָפן דער ווייסל פון זיין ליד. נייע באַגעגענישן מיט דער אַלטער היים און אָפט מאָל דאַכט זיך: אַ מיושבדיקע שירה וואָס ריכט אָפּ גלות.

אַ דיכטער אַנטלויפט פון יסורים צום חלום. די „יונגע האָבן געוואָלט אַנטלויפן, אָבער די ברענענדיקע ערד האָט זיי גערופן צו דערווירקלעכקייט״.

שירה האָט געפאָדערט אַ זיווג צווישן אינהאַלט און פאָרעם.

זישע לאַנדוי האָט געזונגען: „אַזוי ווי די ערד, האָט אויך דער ים אַן אָפּפלוס און אַ צופלוס״. און אַזוי איז מען אָנגעקומען צו נייע צייטן. צו נייער שירה. מ׳איז אַראָפּ פון אָלימפּ, פון פּאַרנאַס און מ׳האָט אָנגעהויבן קלעטערן אויפן באַרג סיני, וועלכער האָט, לכל־הדעות, וועלכע עס איז שייכות צום ייִדישן פאָלק.

י. י. שוואַרץ האָט געשריבן „קענטאָקי״. משה לייב האַלפּערן

האָט געיאָמערט אויף פרעמדקייט פון דער סביבה, האָט ער געזונגען וועגן עמיגראַנטן וועלכע ווילן זיך איינוואָרצלען אין אַ נייער סביבה און אין אַ נייעם לעבן, און אָנגעשריבן די פּאָעמע: „אין דער פרעמד״: „פאַרטרייבט מען אַ מענטש אין די יאָרן פון היימלאַנד, ווערט איבערגעריסן זיין לעבן אויף צוויי, / איין העלפט גייט אַרום אין דער פרעמד, און די צווייטע בענקט שטענדיק אַהיים, און גאָר טיף איז איר וויי״. אַן אַכזר צו זיך און צו זיין סביבה. אַ מענטש פון קריג מיט זיך אַליין און מיט אַלעמען. אַ גאַסן־פּויקער. און פּלוצלינג אַ בליק אויפן ייִדישן גאָרטן: „אַזאַ גאָרטן, אַזאַ גאָרטן, ווו מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז קען מען זען אַ ביסל גראָז, זאָל דאָס אונדזער גאָרטן זיין, אָט אַזאַ אין מאָרגנשיין ?״ — — „זאָל דאָס אונדזער פויגל זיין, אָט אַזאַ אין מאָרגנשיין, אַוודאי אונדזער פויגל, וואָס דען, נישט אונדזער פויגל ?״ און אַז עס קומט אָן דער ייִאוש: „פּויק איך אַז די פּויק זאָל פּלאַצן, און איך דזינדזע אין די טאַצן, און איך דריי זיך רונד אַרום, דזין, דזין; בום, בום — —״

איז אָנגעקומען משה נאַדיר און אין משך פון לאַנגע יאָרן שירה: בענקשאַפט נאָך היים: „בלויז דו, אָ, קרוינשטאָט פון מיין לעבן, נאַראַיִעוו־טאָלנ־פּולע ערד: עס האָבן פּופציק יאָר דיין צויבער נישט פאַרמינערט, נאָר פאַרקערט״.

אַ באַזונדער ניגון האָט געבראַכט ראובן אייזלאַנד. לייענען מיר „פון אונדזער פרילינג״ און מיר האָבן פאַר זיך דעם ווונדער פון די „יונגע״.

מאַנגער האָט געשריבן: „דער אייניקל פון רביים אין פוילן (זישע לאַנדוי), דער זון פון אוקראַיִנער אָרעמקייט (מאַני לייב) און דער זיידענער יונגער־מאַנטשיק פון דעם מערב־גאַליציאַנער באַלעבעסל־לעבן (ר. אייזלאַנד), — די זענען די דריי שטערן פון אונדזער קינסטלעריש ליד. דער פּלאַצקער, דער ניזשינער און דער גרויס־ראַדאָמישלער״.

ראובן אייזלאַנד איז די פאַרקערטע מטבע פון משה לייב האַלפּערן. שטיל. רויִק. אַ בעל־חוב — נאָר זיך אַליין. אונדז אַלעמען. „וואָס בלייבט דען איבעריק אין אונדזער שווערן לעבן, ווי זיך פאַרכישופן מיט שיינע רייד און אויסגעטראַכטע פרייד, און צייטנווייז פאַרזונקען ווערן אין אַ געדאַנק אַ שווערן צי גאָר אין לאַשטשענדיקע אויגן וואָס פירן ווי דער רעגן־בויגן פון דער ערד צום הימל״.

אייזלאַנדס דיכטונג איז טיפע מחשבה און לאַשטשענדיקע, סאַמעטענע אויגן... דאָס האַרץ דאַרף רחמים און די וועלט אַ ביסל פאַרשטענדעניש. הבנה. אייזלאַנד איז געווען איינגעטונקט אין די קוואַלן פון דער וועלט־ליטעראַטור. ווען ער ווערט נתפּעל פון טאָלסטאָי־געשטאַלט שרייבט אייזלאַנד: „די אויגן אָבער און דאָס האַרץ זיינס זענען די גאַנצע וועלט און אַלץ וואָס מענטשן טוען און טראַכטן פאַרנעמט זיין אויער, דעם טרויער און דאָס געזאַנג פון אַלץ וואָס לעבט״.

אייזלאַנדס „דאָס געזאַנג פון הירש״ איז פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער תּקופה. „אַ רוף פון האָרן שאַלט אויף אין דער

נאַכט, אַ פלינקער הירש שניידט מיר דעם וועג ניט איבער! דער חלום ברענט ביי מיר אין בלוט ווי פיבער, מיט אַלטע געטער האָב איך אויפגעהיט אַ הירש געקנאָטן פון חן און חסד". זענען מיר שותּפים צו אייזלאַנדס ליד:

„און זאָל זיך איין מאָל שוין דער נס באַווייזן, און פון דער שווערד זאָל ווערן אַקער־אייזן, און אַל דאָס שלעכטס זאָל ווערן אויסגעריסן".

דער גאַסן־פויקער משה לייב האַלפּערן איז געגאַנגען מיט זיך אַליין. מיט זיין בייזקייט און ליריק. ער האָט געהערט געשרייען. ער האָט געהערט וויינען. נאָר ווער האָט געשריגן, ווער האָט געוויינט — האָט ער בעצם ניט געהערט און ניט געזען. קען זיין אַז אַ מענטש האָט געשריגן, אַז אַ מענטש האָט געוויינט. קען זיין? — זיכער.

ער האָט געבלאָנדזשעט איבער דער וויסטער וועלט. דער עיקר: איבער דער וויסטער ייִדישער וועלט. ער האָט געחלומט, און דעם חלום, ווי דאָס וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר זיין טיר. „נאָר אַ פּנים, אַז נישט מיט די אויערן הערט מען / ווען מען ליגט אַליין אָן שלאָף און מען טראַכט. / און אַ פּנים אַז נישט מיט די אויגן זעט מען / די וועלט אין דער פינצטער, אין מיטן דער נאַכט". די זון איז אַלעמענס. אויך דער געווייַן פון אַלע שקיעות געהערט אַלעמען. אויך די ערד וואָס ווייַנט אונטערן אַספאַלט איז אַלעמענס. דער טרויער וואָס קומט אָן פון אַלע שליאַכן געהערט אויך אַלעמען. אָבער אים, דעם דיכטער, אַ ביסל מער. ער הערט שוין אויך פאַר די וועלכע קענען נישט הערן. ער זעט אויך פאַר די, וועלכע קענען ניט זען...

ער האָט געהאַלטן זיין טיר אָפן פאַר אַלע שכנים מיט בייזקייט. אָבער געהערט האָט ער דעם פויגל וואָס פליט איבער זיין דאַך און פרעגט אים פאַר וואָס האַלט ער די טיר אויפן ריגל. ער האָט אַ תּשובה: „פאַרן טויער שטייען גזלנים אויף דעם לויער, וואָס ווילן אויסכאַפּן דאָס שטיקל קעז, וואָס איך האַלט באַהאַלטן אונטער מיין געזעס".

אַ דיכטער וואָס זעט שטענדיק גזלנים לעבן זיין טויער, מוז זיין אַ בייזער דיכטער. און דאָ, טראַכטנדיק וועגן די גזלנים, האָט ער דערזען מיט זיינע לירישע אויגן, אַז ביים ים, דאָרט וווּ ער וווינט, ציט זיך אַ גאָלדענער מידבר אויס, ביזן הימלזוים, און פון דעם פּלאַץ וווּ ער וווינט קומען אָן אַלע וואָלקנס און אַלע זונען. אַזוי טאָג איין, טאָג אויס, זעט דער דיכטער די גרויסע סתּירה אין וועלכער ער לעבט: וואָלקנס און ליכטיקייט. פרעגט ער: „וועמעס בין איך, אָ, גאָלדענע ערד?"

אין משך פון די 46 יאָר פון זיין לעבן האָט ער קיין תּשובה ניט געפונען. ער האָט געוווּסט: „דיינער בין איך, אָ, גאָלדענע ערד". אָבער צי געהערט ער צו דעם וואָלקן, צי ער געהערט צו דער זון, דאָס האָט משה לייב האַלפּערן ניט

גערוווסט. נאָר דאַכטן, דאַכט זיך מיר, ווי דער העברעיִשער דיכטער שאָול טשערניכאָווסקי, ער האָט געדינט דער זון. ער האָט זי געזען: אַ גאָלדענע אָרום זיין הארץ. און געשפּילט האָט ער זיך מיט דער זונס גאָלדנבלוט. נאָר שפּילנדיק זיך אַזוי, האָט ער ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ניט נאָר תּנחומס לייוויק האָט אויסגעשריגן: ווער וועט רעטן? אויך משה לייב האַלפּערן האָט געפרעגט: ווער וועט ראַטעווען די וועלט פון דער פינצטערניש? ווער וועט פאַרטרייבן די שדים? ווער וועט לעשן דעם פאַרצוקנדיקן פייער וואָס ברענט און פאַרברענט אַלע דעכער. ווער וועט אויסהיטן אונדזערע היימען פון הונגעריקע וועלף וואָס פרעסן דאָס פאָלק דאָס וויסטע.

אין דער גאָלדענער פּאַווע האָט מ. ל. האַלפּערן זרחין דערזען. זרחין דעם פאַרבענקטן, וועלכער קען ניט בויען קיין בריק אויף הין און צוריק. ער האָט געזען זיין העלד, וואָס פאָלגט נאָך אַלע שיפן. זרחי האָט געקענט, ווי זיין באַשעפער, מאַכן פון זיך אַליין אַ וואָלקן. זרחי, ווי זיין באַשעפער, האָט ליב די גראָזן און די אָוונטן און אַלץ וואָס שיינט אויף דער וועלט. ער האָט ליב פאַרקלעמטערהייט די אָוונטשיין. ער האָט ליב ווען דער ווינט זינגט אַראָפּ פון אַלע ביימער און קעמט אויס דעם דרויסן...

זרחי איז ניט נאָר דער שומר פון אָוונטשיין. זרחי איז דער שומר פון דער וועלט. דער גרויסער ליריקער וואָס ווויִנט לעבן ים. דער פידלער זיינער שפּילט מיט איין האַנט, אָבער מיטן גלויבן אַז ער וועט נאָך שפּילן מיט ביידע הענט.

בייזקייט באַזונדער, און בטחון באַזונדער. דעם פידלער זיינעם וועט מען נאָך הערן שפּילן.

— „זרחי, זרחי, / איך, דער הימל, וויל שלום מיט דיר / און דו בייגסט דיין קאָפּ צו דער פינצטערער ערד / אַזוי ווי דו וואָלסט מיין רוף ניט דערהערט“. אָבער די ייִדישע דיכטונג האָט דערהערט זרחיס ליד, אויב אַפילו זיין קאָפּ איז געווען געבויגן צו דער פינצטערער ערד.

מ. ל. האַלפּערן, ווי אַנדערע ייִדישע גרויסע ליריקערס, איז געווען פאַרבענקט אין זיין היים זלאָטשעוו, אויב אַפילו אין הארצן האָט זיך געראַיעט אַ שׂינאה צו איר. צוליב אַ סך זכרונות פון זיין יוגנט... ער האָט געוואָלט זיין „אָרעם ביסל בענקשאַפט פאַרשילטן“, אָבער דער זכות פון גוטער ליריק איז בייגעשטאַנען...

די טראַגעדיע פון משה לייבס ליריק איז געווען זיין אויסגעוואָרצלטקייט. אויסגעוואָרצלט פון זלאָטשעוו און ניט פאַרוואָרצלט אין ניו־יאָרק. אַ דיכטער אָן אַ היים. אָן אַ לאַנד, ווי זיין ייִדיש. דער נס־אַמעריקע איז אים ניט אָנגעקומען גרינג. די נייע ניי־מאַשינען האָבן צוגערויבט זיין רו. די אָנגעקומענע עמיגראַנטן האָבן געבענקט אַהיים. אָבער די צייט איז אַ צייט פון בוי. איז דער דיכטער שטענדיק געווען אין קלעם: צווישן בענקעניש און בוי. עס זענען געזונגען געוואָרן לידער קעגן אונטערדריקער, און מיט זיי, מיט פולער בייזקייט, משה לייב.

נישט איין מאָל איז משה לייב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קראַנקן דיכטער עדעלשטאַט וועלכער האָט געזונגען דאָס ליד: „אָ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן, / טראָגט צו מיין קבר די רויטע פאָן, / די רויטע פאָן מיט די רויטע פאַרבן / באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן“. צו דעם אַרבעטסמאַן האָט ער געהערט.

„אַ בעטלער וואָס וויינט אין גאַס אויף אַ שטיין, / וויינט נישט קיין מאָל פאַר זיך אַליין“. משה לייב האָט געהערט דעם געוויין פון בעטלער וואָס וויינט פאַר די פרעמדע מענטשן אין שטאָט, וואָס רינגלען אים אַרום אין אַ ראָד. ליב האָט ער געהאַט זרחין וואָס האָט געזען אַז די וועלט איז אַ פּאַלאַץ און ער דרייט זיך אַרום פּאַלאַץ ווי אַ בעטלער ביים שוועל. נאָר דער הימל קען טרייסטן. אָבער זרחי, ווי זיין באַשעפער, האָט זיך אויך מיטן הימל ניט געטרייסט. משה לייב האָט „געדזינדזועט אין די טאַצן“, ווי זיין גאַסן־פּויקער.

אַ הפקר־טאָן? חלילה וחליה. דאָס איז געווען פּאָעטישער רעבעל. פּאָעטישע רעוואָלוציע. זיין „דזין, דזין, בום, בום“ האָט אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע.

ווען דער טאָג איז פאַרגאַנגען איז ער אָנגעקומען צום ים שעפן טרייסט פון די כוואַליעס. ער האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון זיך אַליין. אָבער אויך דער גרעסטער ליריקער קען ניט באַווייזן אַזאַ קונץ.

אַ סך לירישע שקיעה. אַ סך אומעט אין זיין ליד.

דער דיכטער מיט דער „וועלפישער רציחה“ האָט געטראָגן תּפילה ווי אַ קינד. ער האָט פיינט געהאַט. ער האָט געשאָלטן און ער האָט ליב געהאַט בוים. זון. וואָרצלען. ערד. פרוי און קינד. אַ צולהכעיסדיקער און דאָך אַזוי נאָענט צו דיר. האַלפערן האָט געזען זיך אַליין אין ליכט פון איראָניע און סאַטירע.

אויפן טויט פון משה לייב האַלפערן האָט געזונגען משה נאַדיר: „ביים לעבן האָסטו זיי גערופן וואָס אין קאָרט, / ביים לעבן האָסטו זיי געהאַלטן ביי דער טיר, / איצט קומען זיי צו לויכטן אין דיין שיין, / איצט שפּאַנען זיי צו דיר אין זאַל אַריין, / איצט רייסן זיי די שלעסער אויף דיין וואָרט — / די לייט, די שכנים דיינע!“

יע, היינט קומען מיר צום גרויסן ליריקער משה לייב. צום גאַסן־פּויקער. די פּויק האָט געפּלאַצט פון האַרצווייטיק. די גאָלדענע סטרונע אין זיין לירישער פידל האָט געפּלאַצט. קיין נאָטן ניט געקענט, ווי משה נאַדיר זינגט, נאָר „פּונעם האַרץ־אַרויס אַרויסגעשפּילט ס'האַרץ“ און דער קלאַנג איז העל.

די ייִדישע דיכטונג טראָגט זיין זכר. פון גאַסן־פּויקער געוואָרן אַ פּלייטיסט. די גאָלדענע פּאַווע איז אָנגעקומען צו מאַנגערן און צו אַנדערע ייִדישע דיכטערס. מיט דער גאָלדענער פּאַווע איז ער געגאַנגען אויף אַ וועג וואָס איז נישט גלייך און נישט קרום, און ער האָט געוויינט נישט ווייסנדיק פאַר וואָס.

פֿאַביוס לינד — א. ל ע י ע ל ע ס האָט געשריבן אַ טאָגבוך. אין דעם טאָגבוך זאָגט ער אויס אַ סוד, אַז טיף אין זיין אינגעווייד האָבן ביי אים געזונגען לידער ווי אַ ווונד אין געביין. הונגער נאָך ליד האָט אים איינגענומען. אַן אומרו האָט אים געצוווּנגען שרייבן לידער.

נישטאָ קיין זעטיקייט פֿאַר ליד אין מיר. אַזוי האָט פֿאַביוס לינד פֿאַרשריבן אין טאָגבוך. קיין זאַך קען אים ניט שטערן שרייבן לידער. אין נאַכטיקן וואָגל, אין אומרו פֿון טעג — דאָס ליד. אַ געשריי. דממה־דקה. אַ צאַרט געוועב. אַ ווונדיקער דאָרשט נאָך וואָרט האָט ניט אָפּגעלאָזן. דאָס ליד האָט געפֿאָדערט: „געפֿין דעם וועג דעם פּשטות־ברייטן און לייג אויף אים דאָס האַרץ דיינס אויס. / דער כּלל וויל הערן זיינע בויטן, זיין פֿרייד דורך גאָלדענע טרומייטן, / טאָ זינג און זינג פֿאָרויס". און איידער וואָס און ווען, אין געפֿילדער פֿון ניו־יאָרק, האָט ער זיין ליד געזונגען. וועגן טרערן. וועגן מעשׂים. וועגן ייִד. אַן אינטעלעקטועלער ליריקער מיט אַ סך שאלות.

פֿאַביוס לינד איז אַ פֿילאָסאָף. אַ רעאַליסט. אַ מיסטיקער. איינגעטונקט אין סתּירות. סתּירות וואָס לעבן מיט אים בשלום. פֿאַביוס לינד איז נישט קיין געזעטיקטער מתפּלל. אַ הונגעריקער. ער פֿלאַטערט שטענדיק צווישן דמיון און רעאַלן טאָג. ער לייגט צונויף שטיק און שטיקלעך כּדי צו שאַפֿן פֿון זיי איין גאַנצקייט. שטייט א. לעיעלעס און באַטראַכט די שטיקלעך. סימבאָלן פֿון זיין לעבן. אַ זעער. אַ בעל־חזיון וואָס זעט אַלע נעכטנס, אַלע היינטן. אין די היינטן זעט ער מענטשן שטרייטן פֿאַר ברויט, פֿאַר אַ ביסן ברויט. ער זעט די ברעקלעך אויף די אָרעמע טישן. ער נעמט זיין פֿונטל ברויט און צעטיילט עס צווישן הונגעריקע, ער נעמט זיין מאַנטל און גיט אים אָפּ אַ דערפֿרוירענעם, ער זוכט אַ וועג פֿון גוטסקייט און קלוגשאַפֿט, ער האָט נישט פֿיינט די מענטשן. אין די נעכטנס זעט ער ייִדישע דורות. אַ ברענענדיקן ייִד אויפֿן ים. דורות אין גאַנג צו גאולה. אַ משונהדיקער לירישער געוועב פֿון היינטן און נעכטנס. דאָס האַרץ פֿאַרלויפֿט אים ווען ער קוקט זיך איין טיפֿער אין די נעכטנס.

לעיעלעס איז טיף ייִדישלעך. ער איז מיט יעקבןביים יבוק ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיט מלאָכים. ווען פֿון יעקב איז ישׂראל געוואָרן. אין יענער נאַכט האָט געלויערט אויף לעיעלעסעס העלד, אויף איינעם פֿון אונדזערע אָבות — שרעק. אַליין איז ער געווען. קומט אָן לעיעלעס צו די נעכטנס און ער בלייבט מיט יעקבן ביים יבוק, ווייל ער איז געשטאַנען אַ געשטאַלט וואָס האָט זיך געראַנגלט פֿאַר זיין נפֿש. דאָ שטייט איינער פֿון אונדזערע אָבות אין פֿאַרמעסט. דער ייִדישער דיכטער איז זיין באַהעלפֿער. ווייל ער איז פֿאַרוועבט אין די געוועבן פֿון אהלי יעקב. „מיט אָנשטרענגונג לעצטער, מיט לעצטן פֿאַרצווייפֿלטן גלי / פֿון ווילן און קראַפֿט, וואָס נישט זיינע און גאָרנישט פֿון הי, / כאַפּט יעקב זיין ראַנגלער ביים גאַרטל און ביז אין דער פֿרי / ער האַלט אים פֿאַרקלאַמערט, באַצוווּנגען".

ווען דער ייִדישער דיכטער האָט געזען דאָס בילד, דאָס בילד פון ווילן און קראַפט, איז ער אַליין געוואָרן אויסגעליכטיקט. ער האָט דערזען דעם לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד און זיינע שפּיצן גרייכן ביז די הימלען. דער עיקר־כוח זיינער — אין לשון. ער האָט צעשפּאַרט די ענגע ווענט פון ייִדיש־געטאָ. אין זיין וואָרט איז פאַראַן אייגנקייט. ער האָט צעאַקערט, טיף ייִדיש, בייטן. מיט אייגענעם ריטעם. אַ ריידעוודיקייט מיט אַ גוואַלדיקער עשירות. אויך אין זיין שטומקייט. מוזיק אין זיין ליד. לעיעלעס האָט געשאַפן אַ נייעם ריטעם. אויף דעם ריטעם רייטן אַ סך דיכטערס.

טעגלעכע זאָרגן און דורות־פּראָבלעמען פאַרקניפּט און פאַרבונדן. נישטאָ קיין מחיצה אין ליד צווישן טאָג־טעגלעכקייט און נצח. ס'איז אַן אייביקע מערכה: ניט צו שטעלן קיין גרענעצן צווישן רעאַליע און חלום. ביידע: צוויי זונען וואָס באַלייכטן דאָס לירישע ליד. א. לעיעלעס אין זיין ליד האָט באַזונגען אַ ייִדישע שטוב אין פּוילן, ער האָט באַזונגען ייִדן־שבטים. ער האָט געזען גוטסקייט אין דער ענגער היים. ליבשאַפט ביים ציבור. ער האָט ליב געהאַט דעם בטלן, אַן אַ פּראַקטישן, רעאַלן שווונג, דער בטלן האָט געטראָגן אַ גראַטעסקן הימל. די וועלט איז ניט געווען פאַר אים הארעוואַניע. ער איז געווען שיכור פון דמיונות. שיר־השירים פאַר טאַטע־מאַמע. פאַר פרוי און מאַן, פאַרן ציטער פאַר דער ייִדישער שטוב. פאַר די קינדער אויפגעכאַוועטע ביטער און שווער. ער האָט געזונגען דאָס ליד פון „פּאַקן און מאַזלען מיט אַ טרער".

א. לעיעלעס איז נאָכגעגאַנגען דאָס לעבן פון דער ייִדן־גאַס, פון דער ייִדן־שטוב דאָרט. אַ שטוב מיט רמזים, סודות און סימבאָלן, אַ שטוב מיט האָפן און בטחון, פון צרות און פון טרויער און פון כעס. אַלץ איז געווען פאַרצוימט אַחוץ דער ח ל ו ם. דער חלום האָט זיך געהייבן רחבותדיק אַריבער ענגשאַפט, זיך געצויגן צו דער גרויסער וועלט און זי באַגערט. אויך ביי לעיעלעסן דער מאָטיוו: בענקשאַפט נאָך היים, נאָך וולאָצלאַוועק. דערציילט לעיעלעס: „אַגב איז מיין פאָטער אויך געווען אַ שרייבער, פאַרפאַסט לידער מיט גראַמען — אויף ייִדיש. געשריבן העברעיִשע קאָרעספּאָנדענציעס און סתם מאמרים אין 'הצפירה' אונטערן נאָמען: זיוו. אַ מאָל אויך: הוד און הדר".

וולאָצלאַוועק איז די געצערטלטע לעגענדע פון זיינע אָנהייבן. דער גרין־זילבערנער אַריינפיר צו דער רויער און מער גראָער רעאַליטעט פון זיינע שפּעטערדיקע גרויסשטאָטישע איבערפלאַנצונגען. וולאָצלאַוועק מיט דער ווייסל, מיט די קאַשטאַנביימער, מיט די גערטנער און אַרומיקע וועלדער, מיט אַלע חנען, פריידן און אומעטן, בלענדעגישן און מעלאַנכאָליעס פון דער נאַטור, וואָס צו זיי איז דער דיכטער קיין מאָל נישט געווען גלייכגילטיק.

לעיעלעס' וואָרט איז פאַרקניפּט אין פּרצן. פּרץ האָט געטראָגן אין זיין שטוב הימל, חלום. לעיעלעס איז איינער פון זיינע גרויסע יורשים. ווי פּרץ, האָט ער אויך

געמאָנט דעם חוב צום קעלערקינד. פון אים האָט ער גענומען די שפּראַך פון שטוב, דעם העלן, כּשרן זשאַרגאָן. „אַ פּאָטער חלומט נס, ער חלומט גאָלד פון אייזן / פֿאַר זיינע זין. די זין זיי פעלשן אָפּט אין אים. / אין איינס וועל איך מקיים זיין דיין רוף און שטים: / דעם לשון פון דער שטוב וועל איך ביז סוף געטריי זיין". און ער איז געוועזן געטריי ביזן סוף.

פון די חשובסטע לירישע געשטאַלטן אין ייִדישן פּרדס.

אַ ליד איז ניגון — כּל עצמותי תאמרנה, און ווי עס זינגט וועגן דעם משה לייב האַלפּערן: „און דו, זרחי, לאָזט דיינע אברים אין קבר ניט ליגן / און דו רופסט זיי צום ברעג פון ים זיך צו וויגן, / צו פֿאַרזינגען דיין צער מיט דיין אַלטן ניגון". דאָס אייביקע פֿאַרזינגען דעם צער.

ייִדישע דיכטונג נאָך דער מלחמה פֿאַרמאָגט גאָלדיקייט פון האַרבסט, וואָס לייכט און שיינט אַרויס פון דער הערלעכער ייִדיש־שאַפונג. האַרבסט איז די תּקופה פון ספקות, פון ייאוש, פון אומעט. אין האַרבסט דרייען זיך די ווינטמילן מיט געברום, מיט פֿאַרדראָס, מיט בייזקייט. אין האַרבסט — נישט ווילנדיק פילאָסאָ־פירסטו וועגן טויט און לעבן, וועגן קיום און אונטערגאַנג, און דו פֿאַרסך־הכּלסט וואָס פֿאַרמאָגט דיין אַלקער, דיינע ד' אמות. און אַז מיר קומען צו צום האַרבסט, צו אונדזער לידפֿאַרמעג, און ער איז אין־לשער גרויס, געפינען מיר אויס, אַז אַן עכט גוט ליד שמעקט צו אונדז מיטן ריח פון שיר־השירים, והראיה, וואָס מער מיר דרינגען אַריין אין די טויערן פון די בערג פון יעקב צבי שאַרגעלס דיכטונג, אַלץ מער האָבן מיר הנאה און מיר מאַכן אַ ברכה — ברכּת־הנהנין.

לעבעדיקער צאַפּל אין זיין ליד, ליריק וואָס לאָזט זיך טרינקען גיך אָדער טראָפּנווייז. ליריק מיט הפסקות. צווישן דממה־דקה און געברום. ליריק וואָס פירט דיך אַריין זען דעם ד אָ ר ט, דעם גאָלדענעם שוואַרצאַפּל, און מיט אים דערזען מוריה, אַ בענקעניש נאָך אַ ליכטיקער ראיה צו דערבליקן דעם מלאָך און די לאַם.

דער יחיד און די עדה אין לירישן אויסגוס, מיט אייגנאַרטיקן ריטעם. קלאָר, און אין אַלע שפּאַרונקעלעך פון זיין גייסט גיסט זיך אַריין דאָס מענטשלעכע ליכט. ליריקערס פֿאַרמאָגן דעם כּוח פון איבערגאַנג פון שטומקייט צו ריידעוודיקייט, פון תּמציתדיקער שירה־שורה צו דער ברייטער פּראָזאַישער שורה. אַ גוטער ליריקער, ווי י. צ. שאַרגעל, איז אַ מיטשמועסער מיט מענטש, נאַטור, מיט צווייגן און וואָרצלען. דאָס טעלערל פון מענטש און הימל, פון שטערן און ראָמאַנטיק, פון ספק און גלויבן אין אים. במעמקי מעמקיו. ניט מיט קיין הימלשפּראַך רעדט ער צו אונדז, — מיט מענטשלעכן לשון. חלום און וויזיע מיט אַ מיסיע: „אויסגלייכן די ביינער, אָפּמעקן פלאָגן, אויסמעקן ווייען".

קומט דער ליריקער י. צ. שאַרגעל און זאָגט: „די האַנט וואָס כ'האָב דאָרט אויפגעהויבן / און געשוואָרן, / אַז כ'וועל דיך, כּנען, קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, /

נעמט דיך היינט אַרום און גלעט דיך, / באַזינגט און בעט דיך. / און דו ווערסט שיין און שענער נאָך, / ווונדערלעך און גרויס — / מאַכטיק".

ליריק, אַפילו מיט אַ האַרבסטגעמיט, באַזינגט און גלעט. אין גוטער ליריק איז דאָ התגלות. אין גוטער ליריק נעסטעט פרוי און קינד, ווי פאָלק און לאַנד. גוטע ליריק שטייט שטענדיק ביי די זריחות און שקיעות פון דעם טאָג, פון דער וועלט. ווי עס איז דאָ אין דער גוטער ליריק דער בליאַסק פון אַ חלף, אַזוי פאַרמאָגט די גוטע ליריק די שיין פון לבנה און שטערן. „מיט ברכות אויף די ליפּן, האָט זיך היינט באַוויזן אין מיין שויב דאָס ליכט פון מיין גאַס". ליכט וואָס שיינט און בריט. ליכט וואָס איז היימיש און ברענגט חלום פון אַ פאַרמאַטערטער וועלט. לעבן די קאַלטע ווייען — וואַרעמער דמיון.

שאַרגעלס ליריק איז צווישן באַרג און טאָל. דאָס ליד שוועבט אומעטום. באַזוכט דעם וואָרצל פון אַ בוים און שמועסט זיך מיט אים דורך. מאַכט אַ וויזיט — די צווייגן — און דעם זשומען פון דעם ווינט, גנבעט זיך אַריין צום קערנדל, צום סך־הכל, און אַזוי ווערט געבוירן דאָס לירישע ליד צו דער בריאה. אַזוי לעבט זיך אַריין דער דיכטער אין קאָסמאָס. אין לעבן בכלל און אין ייִדישן לעבן בפרט. ליריק וואָס אָטעמט מיט פולע לונגען. שאַרגעל ווייס אין שירה ווי אָטעמען געהעריק: „שטילער, שטיל / האַלט איין דעם אָטעם — / די נאַכט איז צוגעפאַלן צו מיין טראָט. / אין ווייכן תמוז־בלוי פון מילעך־וועג / מ'זעט ניט מער ווי שטערן, / און דער וואָס שפּאַנט איצט אין דיין טראָט / וויל אויך אַ שטערן ווערן". און אַ מאָל דאַכט זיך מיר אַז יעדער גוטער ליריקער וויל ברענגען זיין לייענער צו דער מדרגה — ער זאָל אַ שטערן ווערן. דאָס איז דער דיאַלאָג צווישן שרייבער, דיכטער און זיין פאַרטנער־לייענער. דער גוטער ליריקער איז דער בעסטער שפּייזער פון קאָנסומענט. ער דערלאַנגט אים פון דעם שענסטן און בעסטן.

דער ליריקער נוסח י. צ. שאַרגעל איז אַ פאַרמיטלער צווישן חלום און ווירקלעכקייט, צווישן דעם בורא אור ויוצר חושך, צווישן הימל און ערד. ברענגט אונדז דער ליריקער צום גלויבן: „און אַזוי וועלן מיר וואַרטן און וואַרטן / ביז דער טורעם וועט פאַרביי / און פון גאָטס טורעם וועט אַרויס / אַ זון פון דאָס ניי".

דער דיכטער, אין גאַנג פון יאָרן, קריגט זיינע באַגלייטערס: מאָטיוון און ווערטער. נישט ער קאָן אַנטלויפן פון זיי, און נישט זיי פון אים. ער ווערט זייער שילדערער און זיי — די מאָטיוון און די ווערטער — זיינע אורחים. זיי לאָזן אים נישט פאַרטאַכלעווען דאָס וואָרט. זיי קומען און זאָגן: פון דיינע ערשטע לידער אָן נורטעווען מיר אין דיין ליד. ס'איז דער דאָ און דער דאָרט. דער קשת בעגן און דער מבול. דו האָסט אונדז דערפונדן, דו האָסט אונדז געלערנט ווי אַריינצוּוואַקסן אין דיינע אותיות. מיר זענען דורך דיר און ביי דיר באַלויכטן געוואָרן און פאַרשוואַרצט געוואָרן. נישט איין מאָל האָבן מיר געוואָלט אַנטלויפן פון דיינע

תּנ״כישע סימבאָלן, און דו האָסט אונדז געהאַלטן מיט כּוח. מיר האָבן געהערט ווי דו האָסט גערעדט צו אונדז: אָן דער עשירות פון דורות בין איך אָן אָרעמאַן. די תּנ״כישע סימבאָלן זענען מיין ייִחוס־בריוו. דער פּסוק פון יחזקאלן: ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך; באר־שבע און די נאַכט פון תּיקון־חצות, אַלע חזיונות פון די נביאים, און די מאַמע רחל, און די מאַמע ייִדיש, און דער פּרוכת און דער קהל וואָס איז נישטאָ מער, און דאָס תּכלת־ליכט, — אָן זיי בין איך שטום און בלינד. זענען מיר דיינע באַגלייטערס פון ערשטן ספר אָן.

זעען מיר אַז יעקב צבי שאַרגעל וועט זיך פון זיינע מאָטיוון נישט שיידן. און נישט זיי פון אים. ער האָט מורא פאַר דער ליידיקייט. ער וויל נישט און קאָן נישט זיי ווידערשפּעניקן. קאָן מען דען ווידערשפּעניקן אין ווערטער וועלכע זענען געוואָרן בשׂר מבשׂרך ודם מדמך? קאָן דער דיכטער אַנטלויפן פון זיין ליכט און פון זיין גאָס? ניין, פּונקט אַזוי ווי ער קאָן נישט אַנטלויפן פון זיין צער, פון חורבן, פון געשטאַלטן, ווי די מאַמע, דער טאַטע, די ברידער. אויף ווייטע פאַרשנייטע פעלדער ד אָ ר ט ווו זיי האָבן געלעבט, זענען זיי ממשיך זייער לעבן ד אָ, אין זיין וואָרט. זייערע שוואַרצע, קאַלטע נעכט דאָרט וואַרעמען זיך אין זיין דיכטערישן וואָרט, אַ מאָל נערוועז, אַ מאָל מיט געשריי, און אַ מאָל מיט אַ דינער שטילקייט. געטריבן פון אומרו פון דער צייט שטייען די געשטאַלטן, די ווערטער, די מאָטיוון ביי זיין טיר. זייער איינציקע רעטונג איז פאַרבליבן — דעם דיכטערס ליד.

אַ גרויסע ירושה האָט איבערגעלאָזט א ר י ה ש מ ר י, אַ ירושה וואָס ציט זיך דורך ייִדישע דורות און תּקופות, פון ייִד אין געראַנגל מיט רוצחים; זיין ליד גייט דורך צייטנשליאַכן, דורך נעכטנס און היינטס, דורך חלום און וואָר, דורך פּשיסכע און עין־שמר, דורך גלות און ישׂראל. אַ קאָלירפולער רעגן־בויגן. אַ שפּראָץ פון גאַנצן אַרום. אין אַריה שמריס וואָרט ליגט חיות פון ייִדיש לעבן. ייִדיש לעבן אין וווּקס און אין אומקום; ייִדיש לעבן פון געלעכטער און שמייכל, און פון צער און עצבות. לייזער ציפּרעס האָט געוווּסט אַז ער האָט אַ לעצטן חלום צו פאַרקויפן. דער חלום איז פאַר אַלעמען: פאַר הענדלערס אויף די מערק, פאַר די וועלכע קויפן און פאַרקויפן אויף אַלע וועלט־ירידן, פאַר בערגעלסאָנס העלדן וועלכע דרייען זיך אַרום די וואָקזאַלן, פאַר מענדעלעס און שלום־עליכמס נשׂרפים, פאַר נאָמבערגס פליגעלמאַנס און בענדערס; אַ חלום אַפילו פאַר אַלטער קאַציזנעס העלדן: שטאַרקע און שוואַכע.

לייזער ציפּרעס איז אַוועק פאַרקויפן זיין חלום אַלע געפאַלענע אויף מסדה, אויף גמלא, אַלע די וועלכע האָבן אויסגעשריִען דאָס ליד פון קאַמף און פרייהייט מיט לעצטע געשרייען פון שמע־ישׂראל; לייזער ציפּרעס צווישן די אייביקע גייערס צו גאולה, צווישן קעמלען פון דור, צווישן די וואַסער־טרעגערס, די

האַלצהעקערס, די ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר. צווישן זיי האָט אָפּגעזאָגט אַ תּפֿילה, אַ פּשיסכער צי אַ קאָצקער — אריה שמרי — און איז אַוועק מיט זיי אין גאַנג פון פעלד צו פעלד, פון פּרדס צו פּרדס מיטן פּייזאַזש אין האַנט און מיט ליד אין האַרצן.

אריה שמרי איז אַ שומר פון ייִדישן צאַפּל. פון ייִדישן אומרו. אַ וועכטער אויפן טורעם, וועלכער קוקט אויס דעם אויפשפּראָץ פון שחר. אויפן טורעם האָבן זיך צעוויינט און צעשריגן ייִדישע אותיות. משונהדיקע אותיות. אותיות ווי צווייגן פון אַ בוים, אותיות מיט וואָרצלען, מיט ייִדישן ווונדער, מיט ייִדישער עקשנות. מיט דער זעלבער עקשנות ווי י. ח. ברענער האָט געזעצט אין פאַרנעפּלטן לאָנדאָן די העברעיִשע אותיות פון „המעורר", האָט אריה שמרי געזעצט צווישן העברעער זיינע ייִ ד י ש ע אותיות, מיטן ניגון פון זיין אַלטער היים. אָבער אַזאַ דאָס געזעץ פון ליכט: ער רייסט זיך אַריין דורך שפּאַרונקעלעך. ער קען אַפילו אַריבער שטעכלדראָטן. קענסט פון ליכט רייסן שטיקער. דער כּוח פון שטראַל איז אַ געטלעכער כּוח, ער קומט אָן שטילערהייט און אין גאַלאָפּ. אַ שטראַל וואָס רייסט זיך אַדורך ווערט באַגריסט דורך הימל און ערד.

לייזער ציפּרעס האָט זיין וואָרט געזאָגט אין ייִדיש. „אָט גייט ער, לייזער ציפּרעס, / דער יונגער יוירנדיקער טייג, / מיט צוואַנציק פרילינגען באַלייגט / און נעמט זיין חלום — גאָלדפּאַרמעג / און טוישט אים אויס אויף שווערע טעג". די שווערע טעג האָבן געטראָגן בשׂורה, און די בשׂורה איז געווען: „געבוג מיט בלוטן אויף די שנייען". דאָס איז בעצם דער סך־הכּל פון די שווערע טעג פון לייזער ציפּרעסן. דאָס איז דער ברי, דער גלי פון גאולה אויף אייגענער ערד. דאָס איז דער טיפער תּוך פון עין־שמר און עין־חרוד, און ווער עס פאַרשטייט עס ניט, איז ניט גענוג געקניפּט און געבונדן מיט וואָרצלען, דער קען ניט פאַרשטיין דעם דרום־אַפריקאַנער העלד קאָנטאַ־קינטאָ מיט זיין פלאַמיקן דראַנג צו פרייהייט. „הייבט ברענען אים, ווי פייערן, באַגערן / אַ וועלט אַ נייע אויסקנעטן פון זיין גוף / און ירשנען מיט הונדערט ברידער די ל"ו".

די בשׂורה האָט יובלדיק געהאַרנט אין שטילן־רויִקן און דאָך צעברויזטן אַרבעטס־דאָרף פון דיכטער אַריה שמרי. ווו נאָר ער איז געגאַנגען האָט ער מיט־גענומען דריי אוצרות: אַלע דורות פון זיין פאָלק, דעם ניגון פון דער אַלטער היים און זיין דאָרף. דאָס איז דער סך־הכּל פון זיין ליד. פון זיין וואָרט. דאָס איז זיין גרינע פעלד פון זיין שורה, זיין וואַלד, זיין געצעלט. די דריי — החוט־המשולש — דער תּמצית פון געזאַנגען אין שייער.

אָבער נישט נאָר די דריי. איך וואָלט צוגעגעבן אַ פערטן עלעמענט: דער ווילן זיך איינקלאַמערן אין וועלטלויף. זען דורך זיין ייִדישן פענצטער דעם ייִנגל פון דיזשאַן, אָט דער ייִנגל וואָס „איז אַרויס אין שטרייט / אַקעגן פירער־קאַמעראַדן / און האָט אין צייט דערזען די איבערצייט / אויף גאָס פון האַרץ

און באַריקאַדן". דער ייִנגל פון דיזשאַן האָט אויך דעם דיכטער גערופן: „קום אַריין / און פאָרש מיט אונדז אין קאַבינעטן / דאָס געזעץ פון ברויט, יסוד פון זיין / און די ראָל פון גאָלד אין געוועטן". צוזאַמען מיטן ייִנגל פון דיזשאַן אין וועלטלויף האָט אויך אונדזער דיכטער שמרי געטראָגן הויך דאָס ריינע וואָרט — צו דאַך און קעלער אויף יעדן אָרט; געלעבט און אויסגעלעבט און דורכגעלעבט די ווייען און געראַנגלענישן פון אַ פאַרגעסענער רעוואָלוציאָנערער געשטאַלט עטיען קאָבע פון דער שטאָט דיזשאַן. ער איז נאָכגעגאַנגען די נייע קאָמונע־עדהס אויף אַמעריקאַנער וויסטע סטעפּעס. צווישן בשורה און שטרויכל איז ער געווען מיט אים. אויף קיבוצישע פעלדער האָט ער אים דערזען. ער האָט געפונען די שותּפדיקייט פון געראַנגל פאַר צדק און יושר. ער האָט דערפילט בענקענישן נאָך אַזאַ געשטאַלט. נישט נאָר פּאָעטיש גאָלד האָט ער דערזען, נאָר שוואַרצע ברוזדעס ערד, פאַרזייטע קערנער, אַ נייע שפּראָצונג, אַ ווילן צו אַ יושרדיקער גאולה. ער האָט דערפילט דעם טעם פון מיסט־און־שטויב, באַגלייטער פון שפּראָץ אויף פעלדער. ביז עס קומען אָן די פּירות אויפן בוים, קומען פאָר אין די טיפענישן פון ערד ווייַיקע פּראָצעסן. ווי דער בוים — אַזוי דער מענטש. ווי דער בוים — אַזוי דער ייִד. אַריה שמרי איז אַ דיכטער וועלכער האָט געשטעקט מיט רמ"ח און שס"ה אין די ווייַיקע פּראָצעסן פון צמיחה.

אַ ניכטערער און ווינקעלער פון צייט מיט דער פילאָסאָפישער ליריק. אַריינגעקוקט טיף אין ספר פון דור. געלייענט דעם כתב און פאַרשטאַנען. אַרום־געבלאָנקעט אין די געדעכענישן פון תּקופות און פּרובירט פאַרשטיין די גרויסע זריעה אויף די געלע בלעטער. „אַ קיימא־לן פון פּשיסכער נאָך, / דאָס האַרץ איז שוואַך און שטאַרק צו גלייך, / ס'איז אַלץ סיי חדווה און סיי יאָך, / טיף און ברייט — ווי קוואַל אין גאַנג פון טייך". חדווה און יאָך. רחמים און געבעט. פרייד און אַנגסט. בשורה און געוויין. ניט גענוג געווען זיבן הימלען, געזוכט דעם אַכטן. געטענהט אַז ס'איז דאָ אַן אַכטער הימל. געטענהט שטיל און מיט קולי־קולות. און אין די טענות — שטיקער האַרץ, אַזוי ווי ביי אַ פּשיסכער חסיד. אַריה שמרי האָט פיינט געהאַט עבודה־זרה. אַ ייִד פון די שפּיץ פינגער ביזן לעצטן אָדערל אין מוח. ניט געוואָלט לעבן פון פרעמדס. ניט געוואָלט איינשלינגען פרעמדע נחלאות. אין דעם פאַרצוימטן ייִדישן תּחום געזען ר ח ב ו ת. „מיין הונגער איז ליכט און מיין זינגען איז ליכט". דער אייביקער: „יהי אור".

אַריה שמריס ליריק איז אַ פּרווו צו אָרגאַניזירן דעם כאַאָס. דעם תּוהו־ובוהו. ווי מאַכט מען עס? מ'דאַרף זיך טוליען צום מענטשן. מ'דאַרף אַרויס פון גן־עדן און אַריינגיין אין גן־אָדם. נישטאָ קיין אַנדער וועג: צוזאַמענשמעלצן זיך מיט צלם אלוהים: ה אָ ד ם. גן־אָדם באַדייט: שפּרודלדיקער לעבנסקוואַל. מעגן האָגלען שטורעמען און קלאַפּן, מעגן געוויטערס וואַרפן זיך אויף וואָרצלען, ס'איז דאָ איין רעטונג: פון אַלע הייכן און אַלע נידערס, פון באַרג און טאָל, פון אַלע

ווייטן און דאָרשטן — זינגען דעם שיר־המעלות צום מענטש, צו ווי און חדווה.

אַריה שמריס ליריק: מן המיצר קראתי לאדם, צו צווי אָפענע אויגן און אַ מענטשלעכן פּנים. „אין יעדער פענצטער ווינקט אַ פלעמל / און אַזאַ ריח פון די שייערס"; „טייכן ווינען, עס ברענען בריקן / און ייִדן שפּאַנען, איך זע... און דאָך / עס שיינען פונקען אין ליכט פון תּיקון, / דו זאָלסט אויפגיין, מענטש, נאָך העכער, נאָך". אויפן „גרינעם פּאַרמעט" פאַרשריבן דאָס ליד פון יאָמערטאָל און דאָס ליד פון הייכן. אַ זויבערער וואָרט פון קלאַנג און געזאַנג.

אַן איינגעטונקטער אין ארץ־ישראל־פּייזאַזש איז אברהם לעוו. אַ טעות האָט געמאַכט דער דיכטער ווען ער האָט אַ נאָמען געגעבן איינעם פון זיינע ספרים: „אין קלעם". אַברהם לעוו איז קיין מאָל ניט געווען אין קלעם. טראָץ שטרויכלונגען און אומגליקן — אַ לעבעדיקער קוואַל פון שירה; בבחינת: ולב ללב יביע שירה... אַברהם לעוו האָט געזויגן זיין זאַפט און חיות פון ישראל־פּייזאַזשן, פון בילדער, פון שעפערישן אַרום, פון ערד־ריח, פון דער ייִדיש־גאַס. נישט אין קלעם, ווייל „יש בית". יש לאן ללכת (אנדה פינקערפעלד), ס'איז דאָ אַ היים, ס'איז דאָ וווהין צו גיין. „אַ פעלד שפּרייט זיך מיט גלאַדיאָלעס, טראָפּנס גאָלדענע שעמערירן מיט די וואַרעמסטע קאָלירן אויף די בלעטער קעגן זון". אַ דיכטער וועלכער זעט ווי נאָך אַ רעגן רינען פון בוים און פון צווייגן גאָלדענע טראָפּנס און די זון לייכט אַריין דורך די בלעטער. זיין לעבן, זיין שירה — אַ טייל פון טראַקטאָר וועלכער אַקערט אויף די ברייטקייטן פון די לאַנען פאַרן מענטש, פאַרן ייִד.

אין אַן אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „די גניבה" דערציילט אַברהם רייזען: „עס איז אוממעגלעך שטיקן זיך אַליין מיטן ליד. עד־היום גלייב איך ניט אין די פאַרריסענע פּאָעטן, וואָס זאָגן כּלומרשט אַז זיי זינגען ווי דער פויגל, נאָר פאַר זיך אַליין, און די וועלט גייט זיי גאָרניט אָן! שקר־וכזב! אַ ליד מוז האָבן, דער מענטש הייסט עס, נאָך אַ מענטש מיט צוויי אויערן, וואָס זאָל זיין ליד אויסהערן".

אַברהם לעוו האָט געגעבן אַ תּיקון זיין פאַרהאַרעוועטן טאָג מיט ליד, מיט וואָרט, מיט אומרו, מיט אייגענעם ריטעם, מיט אינטימיטעט, פאַרקניפּט און פאַר־בונדן מיטן שכן, מיט וועלכן ער האָט אַ בשותּפותדיקן דאַך, אַ שכן וועלכער געהערט צו יענע צוויי אויערן, וואָס וויל זיין ליד אויסהערן; זיין רשות־היחיד איז פאַרוועבט אין רשות־הרבים און דו קענסט קיין גרענעץ ניט שטעלן, ווו הייבט זיך אָן דער רשות־היחיד און ווו ענדיקט זיך דער רשות־הרבים.

אַברהם לעוו האָט זיין גאַנצן לעבן זיך געראַנגלט אין ליד, אַז פאָרעם און אינהאַלט זאָלן ניט פירן קיין ברוגז צווישן זיך. אַ מורד — וועלכער טראָגט קאָרבן תּבואה אויף זיינע אַקסלען. אַ יאָ־זאָגער צו דעם טאָג וועלכער „עפנט אויף זיינע

ליכטיקע אויגן און קוקט אָן דעם גייער", וועלכער זעט ווי „גרויע פּאַרטאָגן פאַרדעקן מיט נעפּל די יונגינקע סעדער". אָן אויער וואָס הערט געזאַנג, ווען עס „וויגן זיך ביימער פאַרטיפט אין דעם וואַרעמען באָדן, טראַכטן פון נעכטיקע טעג, ווען זיי זענען מיט עפּל געוועזן באַלאָדן". אין אַנרי באַרביס „פייער" איז דאָ איין קליינער מאָמענט, וואָס טיילט זיך אויס פון גאַנצן ווערק: דער זעלבער אין וועמענס נאָמען דאָס בוך איז געשריבן, גייט אַוועק, אין אַ רויִקן מאָמענט, ווייט פון די אָקאָפּעס און ער קוקט אַריין דער נאַטור אויג אין אויג. ער כאַפּט זיך אויף ווי אין אַ קאָשמאַר...

אַברהם לעוו רייסט זיך אָפּט מאָל אָפּ פון זיינע אָקאָפּעס אַ בליק טאָן אויף דער נאַטור, אויג אין אויג, און דאַן שלאָגט אַרויס אַ ניי ליכט און זיין היים ווערט ליכטיקער און שענער. מעג ער אַפילו אין זיין ליד „דיכטער" ניט גלייבן אַז ליד קען אָפּמעקן גרויע וואָר, און אַז דער צער וועט ווייטער שפּאַרן פון זיין וואָרט, — זעען מיר אין אַלע לידער, ווי ליד לייטערט זיינע פרימאָרגנס, פאַרטיפט זיין געמיט, טובלט אָפּ זיין טראָט אין מים־חיימדיקן קוואַל פון ליבשאַפט, פון מרידה, פון אויסלייזונג, פון ריינער פרייד.

פּשטות פון פאָרעם. פּשטות פון אמת. פּשטות פון אינהאַלט, אַ מדרגה פון אַן אויסגעוואַרעמט יידיש האַרץ, וועלכע בלאָנקעט אַרום אויף די חורבות פון זיין שטאָט און ווערט אַליין דאָס ליכט און אַליין דער לייכטער און באַלייכטער פון איר לעבן.

צערפולע אויגן. פאַרנאַכטיקע לירישע טענער פון אַ טרויעריקער זוניקער שקיעה. וואָרצלדיקער צער פון אַ טאַטן וואָס האָט זיין זון פאַרלאָרן. זיינען לעווס לידער: מן המיצר קראתי לאדם — „די נאַכט איז פון אויבן, / דער פייער אין טיף, / נישט ברעך זיך, מיין גלויבן, / ווי אין שטורעם אַ שיף". שפּעפּרישער גלויבן איז ווי פאַרזייטע קערנער אויף גוט באַרעגנטע פעלדער, ווי „אַ חלום, וואָס וואָר איז ניט ביכולת צו פאַרמעקן".

אַ דיכטער פון אהבת־ישׂראל. זיין שולחן־ערוך איז דער שולחן־ערוך פון ייִד וועלכער האָט פאַרלאָזן ייִראת־שמים און געקומען אין ישׂראל, פון אהבת־ישׂראל אויפצושטעלן דאָ זיין ביידל און אויסזינגען דאָ אויף ייִדיש זיין ליד. אַ. גאָלאָמב אין זיין ספר „צוויי תקופות", שרייבט: „פּונקט ווי דער רמב"ם האָט געהאַלטן, אַז אַ ייִד וואָס גלייבט ניט אין תחית־המתים איז אַ קנאַפּער ייִד, אַזוי גלייב איך אַז דער פרומסטער ייִד, וואָס גלייבט ניט, וואָס האַלט ניט, וואָס אים איז ניט ליב דאָס ייִדישע לשון און דאָס וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם לשון, אַזאַ ייִד איז אַ קנאַפּער ייִד, מעג ער אַפילו דאַווענען אין פינף פּאָר תּפילין —" דער טראָפּ איז: ניט סתם ייִדיש לשון, נאָר דאָס וואָס ס'איז פאַרבאָרגן אין דעם ייִדיש לשון, דער עיקר, די ייִדישע ליטעראַטור, די ייִדישע דיכטונג. דאָס האָט פאַרשטאַנען דער ווילנער דיכטער אַברהם לעוו.

„ווי דורך אַ חלום זע איך דעם דיכטער אַברהם לעוו, ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין געבורטסאָרט און איז אַוועק קיין ארץ־ישׂראל. פון אים האָט אַרויסגעוויינט דער עלנט און די בענקשאַפט נאָך אַ שטיקל באָדן מיט אַ בוים און אַ געצעלט דערנעבן. ער האָט שוין דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ חלוץ אין צעשפּיליעטן קאָלנער, ווייס ווי אַ פליגל. די געזעגענונג האָט ווי געטאָן ביז בלוט, נאָר ער האָט דעם באָדן באַפרוכפּערט. פון די טיפענישן האָט אַרויסגעשלאָגן קוואַלן פון שירה און דאָס געבורטסאָרט איז פאַרבליבן איינגעבאַקן אין זיין האַרץ. אויפן דנאָ האָט געצאַנקט איר אָטעם פון טרערן" (אלחנן וואָגלער — „די משפחה יונג־ווילנע").

דאָרע טייטלבוים איז אָנגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1941. אַ קינד פון דער יידישער אָרעמקייט. אַלע יידישע כרעסטאָמאַטיעס הייבן זיך אָן מיט פּרקים פון דער אָרעמער יידישער היים. די נויט אין הויז. די גריל וואָס גרילצט אויס דאָס אָרעמקייט. די מאַמע שטייט אויף פאַר טאָג, פאָרעט זיך ביים אויוון אָנצוגרייטן עפּעס פאַר די קינדער, זי רעדט און וויינט אין זיך. אירע ליפּן שעפּטשען אַ תּפילה צום בורא־עולם: „אַלמעכטיקער, באַרעמהאַרציקער: האָב רחמנות אויף מיינע קינדער, שפּייז ווי דו שפּייזט די ווערעם אונטער אַ שטיין". דאָס קינד ווייס ניט ווען עסט די מאַמע? און ווען דאָס קינד פרעגט, ענטפערט די מאַמע: איך עס ווען קיינער זעט ניט.

אַלע יידישע דיכטערס האָבן באַזונגען זייער אָרעמע היים. זינגט דאָרע טייטלבוים: „יעדער שיסעלע געקעכטס / וואָס ס'האָט די מאַמע אונדז געגעבן, / האָט זי פאַרווייסט מיט אַ לאַנגן קרעכץ / און מיט אַ קללה אויף איר לעבן". אַזאַ די קינדהייט. קללות פון עלנט. פון הילפלאָזיקייט. איז דאָך קיין וואונדער ניט וואָס דאָרע טייטלבוימס ליד איז אָנגעלאָדן מיט צאָרן. אַ מענטש צווישן פיר אָרעמע ווענט שמועסט זיך אויס מיט זיך אַליין, מיט איר גורל ביז זי קומט אָן מיט טענות צו דער וועלט. אויגן זייגן אין זיך אַריין אָרעמקייט. אויגן גראָבן טיף, זעט די דיכטערין: אַ וועלט צעטיילט אויף צווייען: פון איין זייט אַ שטרייענער דאַך און פון דער צווייטער זייט אַ היכל. כאַפּט זיך אַריין די דיכטערין אין איר ליד דערציילן איר קינדהייט: „מיר ליגן אויפן טאַפּטשאַן זאַלבע אַכט, / פראָסט איז אונדזער צודעק, / ס'איז קיינער ניט געשלאָפן נאַכט נאָך נאַכט". די מאַמע רעדט איין דער טאָכטערל, אַז די וועלט איז נאָר אַ קאָרידאָר, און יענע וועלט „איז דיינע". בונטעוועט זיך די דיכטערין: קיינער האָט נאָך ניט אויפגעוויזן אַז ס'איז אַזוי, אַז די וועלט איז אַ קאָרידאָר און יענע וועלט וועט זיין מיינע. דערווייל שפּילן די קלעזמאָרים אומעטיקע לידער. אָרום און אַרום ווערט חושכדיקער. ווייל ניט די דיכטערין אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון איר היים. זי ווערט אַ רעוואָלוציאָנערע דיכטערין. עס קומט פאָר אַ גורלדיקע טרעפעניש צווישן איר און דער ווירקלעכקייט. זי וואַרט אויף אַ פרימאָרגן וואָס וועט

אָנהייבן טאָגן אויף דער גאָרער וועלט, זי וואָרט אויפן אויפשפּראָץ וואָס וועט זיך צעוואַקסן... זי שטורעמט קעגן פאַרוועלקטע, אָפּגעבליאַקעוועטע טעג. די וועלט, די צעגעסענע פון פאָקן וואָרט אויף דעם נייעם פרילינג. איז אָנגעקומען די מלחמה, איז דאָס ליד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געשריי. אין געוויין. „איך זע מיין שטאָט, איך זע דעם בריסקער סקווער: / מאַמע, שטיי אויף און הער, / ס'איז פון דיין היימשטאָט בלויז דער בית־עולם פאַרבליבן, / און די נעמען פון דער־הרגעטע זיינען אַפילו אויף מצבות ניט פאַרשריבן".

אַ באַגאַבטע פּאָעטעסע. אַ לעבעדיקער קוואַל פון דיכטערישע סימבאָלן, אויך ווען דאָס ליד דערציילט. אַ דיכטערין מיט אַ סך עכטע דיכטערישע פּראָבעס, מיט אַן אייגנאַרטיק ליד, קאָמפּליצירט, די וואָרצלען גייען אַוועק טיף. איר זעט אָפט מאָל ביי דאָרע טייטלבוים די צווייגן און איר זוכט דעם וואָרצל. אָפט מאָל אַ געדיכטע נעץ, אָבער די ליריק אַנטפּלעקט זיך אין אַ שורה. אַ שורה וואָס איז געפורעמט און געשניצט, אַ שורה וואָס פאַרמאָגט אינערלעכן עקסטאַז.

אין דאָרע טייטלבוימס דיכטונג פילן מיר ריטעם פון וועלט־און לעבן. אַ ליד וואָס איז שטענדיק אַ רעזולטאַט פון בונט. עס דאַרף אַנדערש זיין. עס מוז אַנדערש זיין. טראָגט טאַקע דאָס ליד בטחון. אמונה. איז דאָס ליד גרייט צו גיין אויף באַריקאַדעס. דאָרע טייטלבוימס דיכטונג פירט אַ זעלבשטענדיק לעבן: זי פירט אַ חשבון מיט דער וועלט... אפשר איז שווער מיטזינגען מיט איר, ווייל אירע דרכים זענען זעלבשטענדיקע און אָפט מאָל גייען אַוועק די סימבאָלן צו נעפּלען, וועלכע אָטעמען נאָר מיט איר לופט. זיי ווייסן ניט פון קיין פּעסימיזם. פּעסימיזם זעט ניט דעם שווימער אין די שטורעמדיקע כוואַליעס. דאָרע טייטלבוים איז אַן אינטעגראַלער טייל פון שווימער. זי איז מיט אים אויף די כוואַליעס. זי איז מיטן גורל פון מענטש. אָפט מאָל אַפילו: וואָיל־יונגעריש, אָפּטימיסטיש.

קונסט איז אַן עלעמענטאַרע באַגלייט־דערשיינונג פון לעבן. די רייכסטע שפּראַך פון קולטורעלסטן פאָלק וואָרצלט אין די קלאַנגען וואָס די גאַנצע נאַטור זינגט אַרויס. דאָס איז ווי דער לייטער פון חומש, וואָס מיט איין שפּיץ שפּאַרט ער זיך אָן אויף דער ערד, און זיין צווייטער גרייכט אין הימל. דאָס זעלבע איז מיט דער קונסט. מיט פּראָזע, ליד. דאָרע טייטלבוימס ליד שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן. דעם טאָג פון מענטש אין געראַנגל פאַר זיין פרילינג.

דאָרע טייטלבוים אָטעמט מיט באַרגלופט, אָבער געפינט זיך אין עמק־הבכא. אין טאָל. איר לעבן איז אַרומגענומען מיט דיכטונג. מיט אינטענסיווער שירה. לידער וועלכע לאָזן איבער אַ שפּור, זיי לאָזן איבער דעם מאָמענט פון זייער אויסלעבן זיך אין וואָרט. זי גייט אַרויס פון יחידישע תחומים און קומט אָן צום רשות־הרבים — אין איר דיכטערישן גאַנג געפינען מיר אַ ליריקערין וואָס איר לעבן האָט זיך אויסגעלעבט מיט פיינער ריטמיק, מיט מוזיקאַלישקייט. אייגנאַרטיקע אידעיִשע לידער, אָנגעלאָדענע מיט סימבאָלן. פילט זיך היימיש מיט דער קעמ־

פערישער וועלט. שטענדיק אויפן שלאַכטפראָנט. „מיין ליבע איז צאַרט און דין, / מיינע אויגן זיינען גרוילעך, / נאָר מיין בליק איז גרין. / ניט פיס — לאָקאָמאָטיוון טראָגן מיך”. דאָרע טייטלבוים שטרעבט צו האַרמאָניע פון אינהאַלט און פאָרעם. זי שטרעבט צו אַ גרעסערן פאַרנעם און אַ העכערן פאַרמעסט (בער גרין). אין אַלע לידער דער דראַנג צו אַ גרעסערן פאַרנעם, צו אַ העכערן פאַרמעסט. שטענדיק ביים טויער פון מעת־לעתן. „ווי אַ פאַסטעך אויף די פעלדער / מיט די שאָף אין אַ געוויטער, / איך גיי אַרום אויף וועלט דער / מיט אַ סטאַדע לידער. / דער ווירבל־ווינט אַ פייפל, / די וויסטע נאַכט — אַ טאָרבע / מיט חלום־סקאָרינקעס אַ הייפל”.

פולע הויפנס חלום, ניט אַ הייפל. נאָר אויס עניוות האָט די דיכטערין אַזוי אויסגעזונגען. ביי טויען פון מעת־לעתן הערט די דיכטערין געשאָכטענעם געוויין... זי הערט די טריט פון יונגע יאָרן וועלכע ווילן ניט שטאַרבן „ווי מחנות ווייסע טויבן / פון קברים / זיי פליִען אַרויס / און שלאָגן מיט שנאָבלען אין שויבן”.

דאָרע טייטלבוימס ליד פילט די געהיימע פולסן פון דור. פון דער צייט. פון דער ייִדישער גאַס. זי זעט די האָריזאָנטן פון שקיעות, אַזוי ווי זי זעט די זריחות. אַלע צאַפּלדיקע פאַרבן. לאַמטערנס לעשן זיך און צינדן און די קראָ אין האַרצן מאַכט די אויגן אירע צו. אין חושכדיקן אַרום גייט אַרום דאָס ליד פון טרייסט, אַז ערגעץ דאָרט וועלן זיך עפענען די לאָדן און אַ מענטש וועט זאָגן אַ גוט־מאָרגן. און דער טאָג וועט זיין לויטערדיק. וויל אָן דער אמונה איז שווער צו לעבן.

אָבער די פרייד האָט ליב ערלעכע רייד. איז דאָרע טייטלבוימס ליד, צום אַלעם ערשטן, ערלעכע רייד. פריילינגדיקע אויגן, טראָץ די חשכות אַרום: „נאָך אַלע שטורעמס / אויף די שטיגן פון פאַלן / און פון שטייגן, / טעג מיינע — עפּל צייטיקע / אויף די צווייגן צעבויגענע פון צייט”.

צווישן די דריי אימפּולסן וועלכע טרייבן און קאָנטראָלירן דאָס גייסטיקע לעבן פון ייִדישע ייִדן, פאַרצייכנט דער עסייִסט און קריטיקער לייבוש לערער אויך דעם פּאָעטישן אימפּולס, דעם פּאָעטישן כוח. און אַזוי ווי דער רעליגיעזער אימפּולס באַציט זיך נישט נאָר צום דאַווענען אָדער צום אָפּהיטן כשרות, און דער ייִדישער אימפּולס הייבט זיך נישט נאָר אָן און לאָזט זיך נישט נאָר אויס מיט בלויז העלפן ייִדן, אַזוי אויך דער פּאָעטישער, איז נישט פאַרנומען בלויז און נאָר מיט אָנרעגן צו פאַרפאַסן לידער...

פּאָעזיע איז נישט נאָר געבונדן מיט שפּראַך. פּאָעזיע איז געבונדן מיט גייסטיקע ספערן, וואָס דער דיכטער אַליין ווייסט נישט זייערע תחומים, פאַרשטייט נישט זייער לשון. פּאָעזיע איז געבונדן מיט רעאַלע ממשותדיקע וועלטן, מיטן

טאָג־טעגלעכן גאַנג, מיטן כלל און מיטן יחיד אין זייערע לויפּעניש און טומלע־נישן, מיטן אַרום וואָס שרייט, און וויינט, און שווייגט מיט טויזנט קולות, נאָר דער דיכטער פילט, אַז אין אָט דעם ממשותדיק־רעאַלן אַרום, רייסט זיך אַריין אַ חלום, אַ דמיון, אַ פאַנטאַזיע, אַ בענקשאַפט, אַ ווונדער און — אויב נישט נאָך מערער. אפשר דאָס, וואָס דער דיכטער יצחק יאַנאַסאָוויטש רופט אָן: אויף יענער זייט ווונדער.

אָבער אַ דיכטער לעבט נישט נאָר אויף יענער זייט ווונדער. ביז ער דערקומט צו יענער זייט, וואַלגערן זיך ביי זיין שוועל וואָכעדיקע זעקס טעג, וואַלגערן זיך ביי זיין שוועל סיטואַציעס און האַנדלונגען, וואָס זענען טייג פאַרן קנעטער, ליים און ציגל פאַר דעם בויער, פעדעמער פאַרן וועבער — שטאָף פאַרן פּאָעטישן שאַפן. און איך צווייפל בכלל צי איז „דאָרטן" — אויף יענער זייט ווונדער — אַלץ אַזוי פּשוט און קלאָר, ווייל אויף דער זייט איז דאָך בפירוש נישט אַזוי קלאָר און פּשוט, דער חלום איז נישט דאָס זעלבע וואָס די וואָר, און י. יאַנאַסאָוויטשעס לידער זענען אַליין עדות דערצו. וואָרעם טאַקע דאָס בוך זיינס „אויף יענער זייט ווונדער" האָט צו טאָן מיט אַ דיאַלאָג צווישן וואָר און חלום, צווישן זיין פּאָעטישן איך מיט דער וועלט, צווישן זיין טאָג־און־נאַכט מיט זיין פּאָעטי־שער לייטער. און לאָמיר זאָגן קלאָר: — צווישן חלום און וואָר איז פאַלג מיך אַ גאַנג.

ווייל אויב אויף יענער זייט ווונדער איז גאָט, איז אויף דער זייט — דער שׂטן, זיין גרויסער שותּף. אַ שׂטן וואָס האָט אין די לעצטע 50 יאָר פון אונדזער ייִדיש לעבן „געטענהט", אַז ער איז אַ גרעסערער בר־סמכא פון דער העכסטער קדושה־קראַפט, אַז ער איז מער באַלעבאָס איבער דער וועלט ווי גאָט.

און אויב יאַנאַסאָוויטשעס לידער־זאַמלונג הייבט זיך אָן „אינעם אַש פון זכּרון" מיט געכליפּ און געוויי: „סערוויר נישט די ווערטער פון וויי / ווי משקה אין כּוסות צעשטעלט, / קיין בעלן נישטאָ סיי ווי סיי — / מיר זענען אַליין אויף דער וועלט". איז עס אַליין אַ פּאָעטישע „באַשטעטיקונג", אַז פאַר אָט דער צייט איז דער שׂטן געווען שוין גאָר אַקטיוו, דערביי אָנגעקלאַפּט אויך אין די טירן פון יצחק יאַנאַסאָוויטשן און פון זיינע קאָלעגעס ייִדישע פּאָעטן און צו זיי אַריינגעשריגן: אויף דער זייט ווונדער איז יעדער געזאַנג — געוויין; אויף דער זייט ווונדער שרעקט און דראָט דער פאַרגאַנג. און דאָס איז, אייגנטלעך, דער תּוכן פון יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעזיע, זיין דרך: רייסן זיך צום גרויסן סוד, צו גאָט, צו אַלע קדושה־צירופים, צו די ציִנורות פון הגדה און קבלה, צו ערלעכקייט און רעכטפאַרטיקייט, צו יענער זייט ווונדער, — וויסנדיק קלאָר און זיכער, אַז דער שׂטן האָט נישט מותּר געווען אויף זיין הערשאַפט־טראָן און פאַרמעסט זיך אַלע מאָל ווייטער און שטאַרקער אויף אונדזער לעבן, אויף אונדזער היים.

יצחק יאַנאַסאָוויטש, דער ייִדישער דיכטער, בויט בעצם די פונדאַמענטן פון

זיין היים טאָג־טעגלעך. ער וויל הערן דאָס קול און בת־קול פון זיין אייגענעם טראָט. הייבט ער אָן מיט אַ ציקל לידער „אינעם אַש פון זכּרון" און פאַרענדיקט מיט „יום־כּיפּור תשל"ד". ללמדך, אַז לויט אים נאָך, — און דאָס איז הייַנט די הויפּט־טעזע פון אַלע עכטע ייִדישע דיכטערס — איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן דעם דאָ מיטן דאָרט, אַז די געשיכטע־בלעטער ווערן געשריבן דורכן זעלבן ייִד, נאָר — אַ ביסעלע אַנדערש. וואָרעם, ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: פון די אַשבלעטער וואָס האָבן צו טאָן מיט דער שואה, ביז די יום־כּיפּור־בלעטער איז פּאָלג מיך אַ גאַנג: ס'זענען אַנדערע ספערן, ס'איז אַן אַנדערער דרש און סוד, דער גאַנצער פּרד"ס איז אַן אַנדערער. אמת, טאַקע די זעלבע ייִדישע מאַמע, ווי עס זאָגט זיך „אינעם אַש פון זכּרון": — „מיר דוכט זיך אויס אַ ווייל: זי גייט פון שול מסתּם, / (זי גייט נאָך אַלץ פון שול, די אַלטע מאַמע מיינע) / און פּונקט ווי גאָר אַ מאָל — מיט פרומען בענטשליכט־פּלאַם / די שויבן הייבן אָן אַנטקעגן איר צו שייַנען". און ווי דערציילט זיך אין „יום־כּיפּור תשל"ד": „זי שטייט אויף אין דער פרי נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, / דאָס פּנים איז געל און די אויגן בלאָנדזשען דערשראָקן. / נאָר זי זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול און רויִק־באַזאַכט / נעמט זי שטריקן פאַר איר זון אויפן פראָנט אַ פּאָר וואַרעמע זאָקן". און ס'איז אוודאי דאָ אַ שייכות — און מיר לייענען דאָס אַרויס פון די לידער — צווישן דער ייִדישער שול און דעם ייִדישן פראָנט אין ישׂראל. אַ שייכות פון קדושה און דערהויבונג. פון רוחניותדיקער שיין און פיזישער התגלות, פון דעם ייִדישן אַלץ אַרומנעמענדיקן כּוח. און דער דיכטער האָט דערפילט די שייכותדיקייט און זי איז אים געוואָרן באַקאַנט. ס'האָט אָבער צו לאַנג געדויערט דער צווישנשייד צווישן די ביידע. אפשר האָבן מיר נישט גענוג געוועבט די בשותּפותדיקע פעדעם; אפשר האָבן מיר נישט גענוג געבויט די בשותּפותדיקע ראַם פון אָט די צוויי כּוחות, אָבער עס ווייסט דער דיכטער, אַז — „דאָס איז געווען אין יום־כּיפּור תשל"ד: / מיר האָבן זיך אין די שולן געהאַט / צום חשבון־הנפש פאַרזאַמלט / — — — / אַ גרויער זעלנערישער דזשיפּ / האָט געלעכערט די שטילקייט מיט זיין כריפּ, / יונגע סאָלדאַטן זענען אייליק אַוועק / און מיטגענומען מיט זיך די לעצטע יום־טוב־שטראַלן. / ווידער איז אונדז דער שׂונא באַפאַלן".

איז אָט דער שׂונא דאָ אומעטום, דאָ און דאָרט, און איז אַריין מיט אַזוי פיל עכטקייט און ייִדישקייט אין יאַנאַסאָוויטשעס לידער.

י. יאַנאַסאָוויטש לעבט אין אַ וועלט פון ייִדישע ענינים. צווישן „אַש פון זכּרון" און „ירושלים" — זיין דיכטערישער גאַנג. ווייל צווישן זיי ביידע איז זונאויפגאַנג און זונפאַרגאַנג; צווישן זיי — לאַנדשאַפטן מיט ייִדישע צייכנס, טייכן, ימען, פּנימער און פרעמדע טיאַן־טאַנער בערג, וואָס זענען אים אַנטקעגנגעגאַנגען ווי גליענדיקע זיילן דורך דער גלוסטונג פון לאַווע אין דרום־אַמעריקאַנער לענ־דער: „דאָרט ווו דאָס לשון צערטלט זיך אַליין ביים צונויפקום פון ווערטער, /

דאָרט ווו דאָס ליד איז טרויעריק און רייצנדיק ווי דער בויך פון אַ סאַמבאַ־טענצערין". וואָרעם זיין ליד האָט צו טאָן מיט היים און איז פאַרקוקט צו די ברייטקייטן פון וועלט; האָט צו טאָן מיטן אייגענעם טייכל, מיטן אַלקערל אין די ענגע ייִדישע ד' אמות און איז פאַרקוקט צו די כוואַליעס פון ים, צום ברעג, צו ווייטקייטן. און אין אַלץ זוכט ער דאָס חיות פון וואָרט, פון ליד. און ווייל ער איז אַ ליריקער, און אַ גוטער ליריקער, שווינדלט נישט זיין ליד מיט איבער־ראַשונגען.

פון זיינע ענגשאַפטן זעט ער זיין רחבות. צווישן זיין אַליינקייט — דעם ציבור. פון זיין ממעמקים־עלנט און אינדיווידועלן צער — דעם רבים. פון זיין בדידות — די גאַסן; פון דער בענקשאַפט — דעם שטורעם און דראַנג פון אַ וועלט. און אין אַלץ איז דאָ חדווה, און אין אַלץ איז דאָ טרויער, נאָר איבער אַלץ — די תפילה פון אַ ייִדישן דיכטער, דאָס געבעט אַז אויב, חלילה, עס וועט נאָך אַ מאָל קומען אַ שטורעם, וויל ער זיין אַ בוים: „וויל איך אַ בוים אין פעלד דאָ בלייבן שטיין פאַרשטאַרט / און אויפן זעלבן אָרט פאַרעקשנט, פעסט און שטום, / מיט וואָרצלען אין דער טיף פון שוואַרצער רויער ערד. / שטיין אָט דאָ ווי איצט אין הונדערט יאָר אַרום / אין פחד פאַרן שטורעם, דאָך נישט פון אָרט אַוועק".

און ס'איז אַזוי נאַטירלעך, אָט דאָס געבעט, ווי ס'איז נאַטירלעך דער ייִדישער פחד פאַר אַ מעגלעכן שטורעם, ס'איז ממש ירושהדיק. אָבער — נישט פון אָרט אַוועק! דער ייִדישער דיכטער ווייסט, אַז די מערכה גייט ווייטער אָן, און מען טאָר נישט אַנטרינען פון דער היים אין אַזעלכע שטורעמטעג. דער „דאָך נישט פון אָרט אַוועק!" איז אַ צו־החיים פאַרן ייִדישן קיום. איז עס דער דיכטערישער אויסדרוק — אין פשוטע ווערטער — פון די פאַרבאָרגענע כוחות, וועלכע האָבן זיך אויפגע־קליבן אויף די וועגן צווישן אַש פון זכרון און ירושלים; איז עס די טיפע ערנסט־קייט וואָס קוועלט אַרויס פון דער ייִדיש־שירה. ווייל אַזאַ איז דאָך דאָס ייִדישע לעבן — אָט פינצטערט און אָט ליכטיקט; אָט איז אַ בייזע, פיינלעכע ווירקלעכ־קייט, אָט איז אַ ליכטיקער חלום; אָט פאַרטראָגט דיך דער שטורעם און שליידערט דיך אַריין אין ייִאוש און אָט וויטיקט זיך פון אים אויס אַ ליד.

איז גוט וואָס ירושלים איז דאָ און ס'איז גוט וואָס דער דיכטער דערפילט און דערזעט זי: „איצט ווייס איך, ירושלים, עס האָבן דיינע בערג און הימלען מיר אַנטפּלעקט, / פון וואַנען די עקשנות צום געדויער האָט זיך ביי אונדז צערונען / און אויך פאַר וואָס אין שוואַרצן טרויער, / אין שווערסטן פיין, מיר האָבן זיך געראַנגלט דורכצוקומען".

וואָרעם דער דיכטער י. יאַנאַסאָוויטש האָט אַן אויג און אַן אויער, און די אַלע שווערע נסיונות וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, בעת די „סאַמעטענע שוואַלב איז פון נעסט אַנטלאָפן", בעת „די ווייסע בעריאָזע אין פעלד פיבערט שטיל און איר געוויין דערגייט צום קינדערוויגל", בעת מיליאָנען פליגל זעבען אונטער־

געשניטן געוואָרן און די ליידיקע נעסט וויינט מיט טויזנט קולות, מוזן קומען די שורות פונעם ייִדיש־ליד, זיך שטעלן מאַיעסטעטיש און זאָגן שוין צום וויפלטן מאָל: בדמיך חיי! און ווייל יעדער פאַרשניטן קול מוז ווערן ריטעם, ניגון, שירה, וועט שוין קומען דער דיכטער און וועט עס אָנרופן „אויף יענער זייט ווונדער״ און דערציילן וועגן זיין בייער אַנטפּלעקונג, וואָס איז אים מבשׂר ביי ייִדיש לעבן: — „דאָ איז אונדזער היים, / נישטאָ מער ווו צו גיין. / דאָ בלייבן מיר אַ גאַנצע נאַכט / אין פּיין, / דערוואַרטנדיק דעם אויפשטיין / פונעם טאָג, / אַפילו ער פאַרשפּעטיקט זיך״...

אַ בענקעניש צום יום שכּולו טוב — אַזא חוה ראָזענפאַרבס וואָרט. אין ליד. אין עסיי. אין פּראָזע. איינער פון חוה ראָזענפאַרבס העלדן בענקט נאָך די ליכטיקע טעג וואָס ער האָט געהאַט די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן. מ׳דאַרף געדענקען, מ׳מוז געדענקען דאָס וואָס איז געווען. נאָר לעבן דערמיט כּסדר טאָר מען נישט.

אין די ווערטער געפינט זיך גאַנץ חוה ראָזענפאַרבס ליריק. אַז מען וואַקסט אַנדערשט זיך אַלץ איבער און איבער. מען דאַרף זיך אויסלערנען צו לעבן מיט דער אַנדערשקייט. חוה ראָזענפאַרב לערנט זיך איר גאַנצן לעבן ווי צו לעבן מיט דער אַנדערשקייט. יעדער בן־אדם פילט אַזאַ ציִעניש צו דער שלמות וואָס איז געווען. אַ ציִעניש אויף צוריק. חוה ראָזענפאַרב פילט ווי עס קומט נענטער און נענטער דער טאָג וואָס וועט זיין אַנדערש. חוה ראָזענפאַרבס ליד פאַרמאָגט מוזיק פון ווערטער. ווּהין זי קומט אָן נעמט זי מיט זיך די מוזיק פון ווערטער. זי אַנטלויפט פון אַלע געפאַרן נישט נאָר מיט איר גוף, נאָר מיט איר נשמה. דאָס לעבן דערלאַנגט ניט דאָס טעלערל פון הימל. גלויבן דאַרף מען אויסהאָדעווען.

די דיכטערין האָדעוועט איר גלויבן אין אַלע לידער, אין איר פּראָזע. גוט איז איר ווען זי באַקומט ניט אַפילו די מתּנה, אָבער זי שטייט פון דער וויטנס און קוקט נאָך איר גלויבן: אָט קומט ער אָן. זאָל זיין דער גוטער טאָג אויסגע־דאַכט, איז לאָמיר אים אויסדאַכטן. דער אויסגעדאַכטער טאָג פאַרמאָגט פּראַכט. חלום. גלאַנץ. דער אויסגעדאַכטער טאָג איז אצילותדיק. לויטער. אַ דיכטערין — אַן ערדישער מושל אויף איר מאָרגן, וועלכער איז נאָך ניטאָ. זי פירט אַ מערכה מיט יעדן טאָג. זי געהערט ניט צו דער געטלעכער מערכה. זי באַלייכט דעם מענטש אין זיין גערAַנגל.

אַ סך תּמימות אין איר ליד. שטענדיק דאַכט זיך דער דיכטערין ס׳איז ערב יום־טוב. אָט, אָט און דער פּלאָנטער וועט זיך אויפפּלאָנטערן, און דאָס וואָס איז געווען אַלץ אין געדריי, וועט לויטער ווערן. אַזוי ווי די העלדן יעקב מיט אַבראַשען אין באָטשאַני: זיי האָבן אַריינגעזויגן די לאַנדשאַפט וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף די שליאַכן פון זייער גאַנג. יעדער קעמערל פון גוף האָט פאַרמאָגט גיריקע

אויגן, גיריקע ליפּן וואָס האָבן אַריינגעשלונגען יעדן ניצוץ פאַרב, יעדער שטויבעלע ליכט — גלייך אין דער נשמה אַריין. און די נשמה האָט מען געפילט אַזוי פיזיש, ווי זי וואָלט געווען גוף...

מען קען זיין גליקזעליק, נישט געקוקט אויף דעם פּלאָנטער וואָס מען טראָגט אין זיך. גלייבט דער דיכטערין ווען זי זאָגט אַז אַ סך פאַרלאַנגען פון לעבן זענען נישט געשטילט געוואָרן. דער רבונו־של־עולם איז אַ נאָענטער קרוב — הגם ער איז אַ פרעמדער, אַ פאַרהוילענער. חוה ראָזענפאַרבס קול לענג־אויס איר שאַפן האָט זיך ניט געביטן. שטענדיק אַ דאָרשטיקע. שטענדיק אַ הונגעריקע. נישט פאַרביטערט אויב אַפילו אָפּגעריכט אַ סך גלותן. אָבער זי האָט זוכה געווען צו התגלות פון די צוויי און צוואַנציק יידישע אותיות. נישט געפונען די שלווה, אָבער זי שטענדיק געזוכט. נישט געפונען די פונקען פון האָפענונג אָבער שטענדיק געוואָרט אויף זיי. געזופּט פון אומרו מלוא חפניים. אַ זומערדיקע נשמה אין אַלע האַרבסטן. אמתדיק. אַ שטיק תמצית פון דער צייט. פון טראַגישן דור. די דיכטערין זעט שטענדיק די פולקייט פון דער וועלט אויך אין איר טראַגישער פוסטקייט. אָפענע אויגן. אויערן וואָס וואַכן. אַ דיכטערין מיט אַ שטאַרקן כּוח־הדמיון.

אַלע באַהאַלטענע ווינקעלעך פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין חוה ראָזענפאַרבס יצירה. עס טרעפט אַז אַלץ איז שטיל אין איר, אַז דאָס וואָס איז אין דרויסן קומט איר אויס ווי אַן ענטפער אויף דעם וואָס איז אין איר. קנעט זי ליים — איז דאָס ליים פאַרקנאָטן מיט חלום. מיט דמיון. „טייל מאָל ביי נאַכט, ווען כ׳קוק אַרויס פון פענצטער, זעט מיר דער דרויסן אויס נישט־חומרדיק, נאָר ווי ער וואָלט געווען מיט אַ דמיון־בילד". ממעמקים קראתיך, אדם. דאָס געשריי פון אירע טיפענישן. ווי די קבלה־לייט קלייבט זי אויף ניצוצות פון די צעבראָכענע כּלים. די ניצוצות פון ליכט אין דער צייט פון שבירת־הכּלים האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער רישעות.

חוה ראָזענפאַרב וויל אַרויסרייסן איר לעבן פון רישעות און אָנקומען צום יום שכּולו ליכט. דאַכט אונדז אַז מיר הערן איר געזאַנג: „דו וועסט גיין דורכן באַרג, גיין דורכן באַרג / און איך דורך דער דאָלינע. / דו וועסט בליִען מיט דער רויז, בליִען מיט דער רויז / און איך מיט דער קאַלינע".

פריד וויינינגער האָט זיין אייגענע שירה־וועלט וואָס ציט זיך פון טשערנאָוויץ, דורכן האַדסאָן, ביזן ירדן. אומעטום די שפּורן פון זיין ליד. אומעטום אַ פאַרבענקטע לירישע נשמה. אַ חלומער. אָפט מאָל מיט אַ באַגלייטער: מרור. אָבער בדרך־כּלל: אַ פריידיקער דיכטער מיט אַ סך בטחון. ניט קיין מיטלויפער נאָך נייע שיטות אין דער דיכטונג. ממעמקים קראתי יה. און דאָס איז געגוג. אָפט מאָל לאָזט פריד וויינינגער דער פראַזאַישער שורה אין ליד ווערן אַ באַלעבאָס. ווייל עס גייט ניט אין דעם איך זאָל האָבן דערזונגען, עס גייט אין דעם איך זאָל

עפּעס צוגעבן מיט מיין זאָג. אַן אויג וואָס זעט. אַ האַרץ וואָס פּילט אַלע פּלאָנטערנישן. און זיין ליד שטראָמיק איבער אַ סך שטחים. פאַרליבט אין יידישן אות באהבה רבה. אין „ערב עי״ן" זעט מען זיין ליבשאַפט צו די יידישע אותיות. יעקב אָבינו האָט מיטגענומען מיט זיך וווהין ער איז געגאַנגען „מזמרת הארץ". ער האָט מיטגענומען דעם ניגון פון זיין היים. פריד וויינינגער האָט אויך מיטגענומען דעם ניגון פון זיין יידישער היים.

נגילה ונשמחה בך — אמר רבי יצחק בך מכ״ב אותיות שכתבת לנו בתורה. בי״ת שנים כ״ף עשרים הרי בך. דאָס וואָס ס'שטייט געשריבן „נגילה ונשמחה בך" — האָט געזאָגט רבי יצחק אַז דערמיט איז געמיינט לאָמיר פריילעך און לוסטיק זיין מיט די כ״ב אותיות, וועלכע ווערן אָנגערופן: בך, מיט וועלכע דו האָסט אונדז געשריבן די תורה. וואָרעם ב איז צוויי און כ איז צוואַנציק — אין איינעם בך. ביי פריד וויינינגערן — דער יסוד נישט נאָר פון דער יידישער וועלט, נאָר דער יסוד פון אוניווערס איז דער יידישער אות, וואָס טראָגט אויס אין זיך אַלע וועלט־ראַנגלענישן און אַלע שטראָמיקע גאַנגען פון ייד. זיי סימבאָליזירן אַלע גייסטיקע ענינים פון ייד. ווי דער צפתער מקובל קורדובירו, פאָלגט נאָך אין ערב עי״ן דער דיכטער אַלע צורות פון די יידישע אותיות, אַלע דינע פעדעם פון זייער געוועב. דאָס יידישע אות ווי אַ דינאַמישער כוח אין אונדזער לעבן. די חכמה און די אינערלעכקייט פון ייד. אין יידישן אות — דער סוד פון אונדזער לעבן... איז די יניקה נישט נאָר פון די דאָינעס, נישט נאָר פון ציגיינערישן פאַרבענקטן ניגון, נישט נאָר פון די סטעפּעס, נאָר אויך און אפשר דער עיקר: פון יידישן אות. „אויב מיר קענען דאָס וואָרט נישט געפינען, וואָס פאַרבינדט אַלץ מיט אַלעמען, וועט די וועלט אַ מאָל אין גאַנצן פאַרגיין אין שטויב. דערפאַר זענען מיר אונטערוועגס און מיר זוכן עס". דאָס וואָרט וואָס איז פאַרבונדן מיט וועלט און דער אות וואָס איז פאַרבונדן מיט ייד. אַן אַלטער זמר פון יונגע יידישע אותיות.

אין מדינת־ישראל איז דער ליריקער פריד וויינינגער אַ שורשדיקער דיכטער. דער קאָנקרעטער שליאַך פון מדינת־ישראל, לויטערקייט פון חלום — אין זיין ליד. ווייל וואָס איז פאַרבליבן פון וואָגל און וואַנדער? „פּוסטע פעלדער, שטעכלדראָטן, / חורבות ווי פון טויטע שאַרבנס / און דער גאָרטן ליגט צעטראָטן, / ס'איז די וועלט נאָר ווי פאַריתומט — אָן אַ מאַמען, אָן אַ טאַטן. / וויינט דאָס האַרץ צו דעם רעפריין, / ווי קען איך דען זיין אַ זינגער — ס'איז אַ חורבן דאָ געוועזן". איז ניט פאַרבליבן קיין אַנדער ברירה, און גוט איז וואָס קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ ווי זינגען דאָס ליד פון עמק, פון טאָל, פון נייע צמחים, פון אַ נייעם ייד אויף יידישע פעלדער. קומט ער אָן צו אַלע באַגלייטערס פון דורות. אָט שטייט ער אין צפת — און אונדזער דיכטער איז גענייגט צו מיסטיק — גייט ער מיטן פליענדיקן דמיון צו דורות, צו תקופות. ווייל קיין צפת מוז מען פליען.

די לאַנדשאַפט שפּרייט זיך אויס דאָ ווי אַ לייוונט. ווי אַ מאָל אַ בעל־מקובל, אַזוי אונדזער ליריקער — אויף די וועגן פון צפת.

אין די יונגע יאָרן האָט דער דיכטער פריד וויינינגער (מ. פריד) געריסן נאַרציסן. אַ פּאַך אַזאַ. אַ יונגער פּעיִקער מענטש, ווען ער גרייט זיך צו זיין דיכטעַרישער מיסיע, הייבט אָן פון רייסן נאַרציסן. וועמען ברענגט ער די נאַרציסן? די ייִדישע ליריק ווייס געענוי: דער געליבטער. פרעגט אַלע ליריקערס און זיי וועלן אייך געבן אָט די תּשובה. אַלץ אין לעבן ווערט פאַרוויאַנעט. אַפילו נאַרציסן און ליבע. אפשר פון דאַנען שטאַמט דער ייִאוש פון אַ סך ליריקערס. אָבער דער גוטער דיכטער איז אַ וואַסערקוואַל. ער פליסט. ער פליסט מיט מחשבה. מיט עמאָציע. מיט שפּראַך. אין משך פון דער צייט הייבט ייִדיש אָן ביי פריד וויינינגערן זשומען ווי אַ בינשטאָק. פון שמאָלע סטעזשקעס קומט דער דיכטער אָן צו ברייטע לאַנקעס. פון טאָלן — צו הייכן. שטאַרקער ווערט דער שפּאַן. ס׳קומען אָן פריידן. ס׳קומען אָן טרערן, ס׳קומט אָן דער געראַנגל צווישן פרייד און צער — אייביקער מאַטעריאַל פאַרן גוטן ליריקער. שפּאַנט ער אָן צו זיין נסיעה פליִענדיקע פערד, מיטן פולן גלייבן אַז זיינע פליפערד דעקן צו מיט זייערע פליגל זון און שיין.

יעדער דיכטער מיט זיין וויי. שולדיק אין דעם איז אפשר דער קאָנקרעטער טאָג, אָבער שולדיקער איז דער חלום, וועלכער פאַרטראָגט דיך אין ווייטן און דאָס וואָס ער האָט צוגעזאָגט איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. אויב אַזוי געשעט: זעט דער דיכטער וואָלקנס וועלכע קומען אָן און פאַרוואַנדלען דעם הימל אין אַ טרויערקלייד. אַנטלויפט דאָס פריילעך געמיט. קומט אָן עצבות. קומט אָן צערפולער אומרו וואָס לייגט זיך אויס אויפן פּנים און נעמט איין די נשמה אין געדיכטע כמאַרעס און פאַראומערט דאָס געמיט און פאַרטונקלט דאָס ליכט. נאָר לאָמיר ניט גלייבן דעם דיכטער אַז ער בלייבט ביים וואָלקן. איז ער זיך דאָך מודה אַז ער טראָגט אין האַרצן שטורעמס. קען אַזאַ דיכטער ניט בלייבן אין די געדיכטע כמאַרעס. קוקט ער אָן דעם ים און ער זעט: דער ים נאָכן שטורעם ווערט רויִק. איז ער מקנא דעם ים.

פריד וויינינגער איז אַ ליריקער מיט אַ קלאָרן וידוי: עצבות איז ניט קיין שיינע מידה און אויב אַפילו ערד שמעקט מיט פאַרגיין און צעפוילונג און אָפּשטאַרב, פאַרדעקט די סאַמעטענע גרינקייט פון ערד, זינגט ער אויס דאָס ליד פון חלום, פון פאַרכּישופטע וועלדער.

פריד וויינינגער שטאַמט פון טשערנאָוויץ. אין דער דאָזיקער שטאָט איז געשטאַנען זיין וויגעלע. און טשערנאָוויץ אין ייִדיש לעבן זאָגט אונדז עפּעס. אויב אַפילו ער האָט זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע, גייט אים נאָך טשערנאָוויץ מיט איר האָב־און־גוטס: איציק מאַנגער און שטיינבאַרג און די אַלע טשערנאָוויצער וועלכע האָבן געבויט אַ ווונדערלעכן בנין פון שירה. די „נאַרציסן״ פון 1937,

פֿאַרלאַג „טשערנאָוויצער בלעטער", זענען געווידמעט דעם מייסטער־זינגער פֿון ליד און באַלאַדע איציק מאַנגער. דער וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט דאָס גרינגע סאַמעט־געוואַנט פֿון טשערנאָוויצער ביימער און בלעטער אין רובינען אָן אַ צאָל, און האָט צעשימערט האַרבסטן און זומערן פֿון זיין געבורטשטאָט איבער דעם תּנ״ך, דער וווּנדער איבער וווּנדער — אין זיין שירה. און יעדע נייע שטאָט — איז ה מ ש ך. און יעדער ברונעם איז המשך פֿון יצחקס ברינעמער.

פֿריד וויינינגער — אַ דיכטער וואָס שטייט ביים טויער פֿון המשך. המשך פֿון די גוטע ייִדישע ליריקערס. אַ רינג אין זייער קייט. אַ רינג פֿון אַ גאָלדענער קייט וואָס איר נאָמען איז ייִחוסדיק און מלא־חן: ייִדישע ליריק.

וווּנד־צעוווּנדיקט וואָרט. ל ײ ז ע ר א ײ כ ע נ ר אַ נ ד. לידער אין טויטנטאַנץ. אין טויטנטאַנץ די דערהויבונג פֿון זיין ליד. אַ באַזונדער נוסח. ניסתּר־אמתן. פֿאַרהוילענע. ניט פֿאַר אַלעמען. „טונקל, טונקל אָונטשפּיל, / טונקל — ווי די צייט ער: / ליכט פֿון קבר, קבר שטיל, / איך — און מיין באַגלייטער". דער באַגלייטער, ווי געזאָגט: דער טויטנטאַנץ. אייכענראַנד פֿאָלגט ניט אַנדערע, ווי מ׳דאַרף שרייבן ליריק אין אונדזער דור. ער קען זיין באַגלייטער. ער קען זיין דור... ער זוכט דעם מענטש, דעם ייִד מיטן אויסגעצויגענעם שאָטן אויף דער וואַנט. חלל, זין און קראַפֿט — און גיי זוך זיי טיפֿער אין זיין ליד.

אַ מאָל זאָגסטו צו זיך אַליין לייענענדיק לײזער אייכענראַנדן: אויך אַ סך פּרקים פֿון תּהילים זענען פֿאַר דיר אומפֿאַרשטענדלעך, און דאָך ווירקען זיי אויף דיר. מיט וועלכן כּוח פֿון ניסתּר־וואָרט, מיטן כּוח פֿון ממעמקים קראתיך. צווישן דעם דיכטער און די צייט — אויגן. וכל העם רואים את הקולות. אייכענראַנדס ליד ליגט אין דעם תּהום: רואים את הקולות. אייכענראַנד קאָקעטירט ניט מיט לידער. דאָס ליד איז ערנסט. ערנסט ווי דאָס לעבן אַליין. אייכענראַנד האָט באַשאַפֿן אַן אייגן וועלטל, אַ וועלט פֿון בליקן און בליצן, אַ וועלט וואָס פֿאָלגט נאָך מיט פֿילאָסאָפֿישער איראָניע און שמייכל אַלץ וואָס קומט און פֿאַרגייט. און ווייל ער ווייס גענוי אַלץ וואָס קומט און פֿאַרגייט, צינדט ער טרערן. אָבער אויך קאָמעטן. געשאָכטענע טויבן ווי ביי פּרצן אין „ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". אייכענראַנד קומט אָן צו זיי. די טויבן פֿון דער צייט. געשאָכטענע.

אין די שוואַרצאַפּלען פֿון זיין לעבן — ליניעס ליכט, אָבער טיפֿער אַריינבליקנדיק: כמאַרעס. אַ דיכטער וועלכער וויל אויך זען י ע נ ע ז ײ ט, און יענע זייט איז כּולו ניסתּר. נישט קיין מיסטיקער, אָבער דאָס ליד אָטעמט מיט מיסטיק. ווער וועמען קען דערלאַנגען: דער ד אָ דעם ד אָ ר ט, אָדער להיפּוך. „וועמענס ווילן ווערט דערלייזט". נישט יעדער וועג האָט זיין אויסוועג. דאָס לעבן: איין פּלאָנטער צווישן דממה־דקה און שטורעם. ווער קען שלום מאַכן צווישן זיי? אפשר דאָס ליד.

אייכענראַנד וואַנדערט אַרום אין וועלדער פון מחשבות. אַ סך אויסגעהאַקטע ביימער אין זיינע וועלדער. נישטאָ קיין אויסגעטראָטענע סטעזשקעס. פּלאָנטער אין פּלאָנטער. אין ד י וועלדער גייט אַרום אַ מענטש אַ פאַרטריבענער פון גאָט. די ברוטאַלעווירקלעכקייט. דער ים פון בלוט און טרערן. דער טונקעלער צער. אַ וואָרט — וואָס ווערט קיין מאָל נישט געשטילט אין דאָרשטן. אָפּגרונטן. חזרט זיך איבער דאָס וואָרט און קוואַלט אַריין טיף אין אַלע לידער. טויטע הענט. אויף זיי זעסטו נאָר אויסגעלאָשן לעבן. און אויך אויסגעלאָשן לעבן בענקט נאָך פאָרעם און געשטאַלט.

לייזער אייכענראַנדס דיכטונג איז די טרער וואָס מאַכט אַלט דעם דיכטער און אויך דעם לייענער. דאָס ליכט־באַוועגונג גייט אויס. דאָס איז אויטאָביאָגראַפיש טראַגיש. נישט לשם די אָדער יענע אידייע ווערט געבויט זיין ליריש וואָרט, נאָר לשם חותם פון דער צייט. פון דער תקופה — דער ווילדגעשריי, אויב אַפילו די שטילקייט בעט זיך: שריי נית. און דאָך: אויך געזאַנג פאַר גבורה. פאַר קידוש־השם. פאַר העלדן, אויב אַפילו די תפילהדיקע ליפּן שעפּטשען: פּיין. יסורים. אויף דער וועלט בלוטיקן שלאַכטן. צווישן זיי אַ ייִדישער דיכטער. ביי קוואַלן פון געבוירן ברענט דעם דיכטערס דאָרשט. פון געבוירן ביז לידער פון אומקום.

קורצע שורות. קיין צייט נישטאָ. מ׳קען אַלץ ניט דערציילן. דער דיכטער קען אַלץ ניט דערזאָגן. ערגעץ ווו זאָגט עמעצער אונטער: אַ טראַגישער דור און אַ טיף טראַגישער דיכטער. מיט אַ סך פּחד. מיט אַ סך פייער. מיט אַ צעפּייניקטער נשמה.

אַ ליריקער וועלכער האָט יאָרן לאַנג געלייבט אַז די הימלען זענען זינגעוודיק יעדער טאָג, און אַז די וועלט איז פאַרוויגט מיט אַ קוואַליקן ליד — י. א ו ס ט ר י ־ ד ן.

אַ נייער גאַנג. געפּרוווט אויסמאָלן אויף נאָענטע און ווייטע שטחים אַן אַנדער הימל. געוואָלט זיין אַ שותּף צום רבונו־של־עולמס וואַרשטאַט. יע, ליריקערס האָבן אַזאַ נאַטור, זיי ווילן זיין שותּפים מיטן בורא־עולם, מיט דער נאַטור, מיט ביימער און וואָרצלען, מיט דער גאַנצער נאַקעטער פרייד אויף דער ערד. ישעיהו אוסטרי־דן האָט פאַר דעם אַ נאָמען: בייגאַנג. אָבער די נאַכט אויף דער וועלט האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיין ליד און האָט ניט אויסגעשפּרייט דורכזיכטיקע שאָלן. און דער הימל איז ניט געוואָרן פּרוכתדיק. די געדאַנקען וועלכע האָבן זיך געטוליעט צו האָפענונגען האָבן אָפּגענאַרט. אָבער דער דיכטער לעבט מיטן ד ע ר ו ו י י ל. וואָס זשע טוט מען דערווייל: „דערווייל לאָמיר אַרויסגיין אויף די טויִקע גראָזן און פאַרביישפּאַצירן קילע בלומען אין פאַרנאַכטיקן ציטער. אונדזער טראָט קלעפּט זיך צו דער צעוויינטער ערד און דער רעגן פאַלט אויף אירע ברוסטן מיט אַ שטילן געוויטער״. יעדער ליריקער — מיט זיי י. אוסטרי־דן

— חלומט וועגן רעגן־בויגן און ווען זיי דערזעען אים, ציטערן זיי אימת־מוות, טאָמער, חלילה, איז עס דער לעצטער רעגן־בויגן, טאָמער, חלילה, וועלן זיי דאַרפן אויסזינגען זייער אַלייניקן פאַרבלייב.

י. אוסטרי־דנס ליריק פאַרמאָגט אַ האַסטיקן געלויף, אויב אפילו ער בעט זיך: קוקט נאָך מיין פּאַמעלעכן טראָט. אָן איינגעשפּאַנטער אין גאַלאָפּ. אָבער אין גאַלאָפּ זעט ער אַלע וואָס טראָגן ציגל, וואָס אַקערן אויף פעלדער, דעם פּשוטן מענטש מיט זיין לייטער. יעדער איינער טראָגט אַן עמער מיט חלום. אוודאי — דער דיכטער. ווייל ווער פאַרמאָגט מער חלום אין זיין עמער ווי דער דיכטער? ווייל ווער גלייבט מער ווי דער דיכטער, אַז יעדער ציגל ווערט געטראָגן למען שלמות היצירה?

אוסטרי־דן איז אַ ליריקער וועלכער פאָלגט נאָך דעם מענטש אין זיין גאַנג, און יעדן טאָג איז זיין נייגאַנג, אָבער אויך פאַרברודערט מיט הימלישע האָריזאָנטן. לייענענדיק אוסטרי־דנס אָריגינעלע פּאָעזיע, ווייסטו נישט בעצם, ווו שטייט זיין לייטער העכער: אויף דער ערד, צי אויף די האָריזאָנטן פון די הימלען? אוסטרי־דן גייט נאָך דעם קאָנקרעטן טאָג און איז פאַרבונדן מיט טויזנט קניפּן אין די נעכטנס. אַ סך בענקשאַפט זינגט אַרויס זיין ליד. אויך אַ סך צער און טרויער. פון ליד צו ליד אַ זשאַרקעלע פרייד. אָבער ניט מער, ווייל שטערן לעשן זיך און אויב שטערן לעשן זיך — זעט דער מענטש קאַטאַסטראָפעס. ווייל אויך אין די הייכן לויערט די סכנה. „און אונדזערע אָרעמס הענגען אַראָפּ אַנט־קעגן פאַרלוירענע ווידערקלאַנגען”. נאָר פלוצלינג — אַ שטיקל האָפענונג: „הער, די לבנה האָט זיך ווידער דערקוילערט איבער די הימלען, / די שטערן הענגען שוין ווידער איבער דער שיסל פון דער אָזירע”.

אין די באַלאַדעס: „צעזונגענע נאַקעטקייט”, „ליידיקע בעכערס”, „צוריקגע־פונענע קלאַנגען”, „דער צער פון נישט פאַרענדיקטע לידער”, „אַראָפּגעפאַלענע בלעטער”, „פאַרלאָשענע געלעכטערס”, „חלומות וועלכע פאַרשלאָפן זייער טאָג”, אַן אייביקער צעקלונגענער גאַנג אין די ווייטן. די באַלאַדע פאַרמאָגט אימה, ציטער, געוויטער. די באַלאַדע פאַרמאָגט איר אַש און איר פייער. זי וואַקסט אַרויס פון איינזאַמקייטן, פון „צעהונגערטער וועלט”, פון „אויסגעלאָשענע שטיל־קייטן”. אוסטרי־דנס באַלאַדע לעבט איר לעבן אין אומזעיקע קלאַנגען. דער גוטער לייענער וועט זיי זען, וועט זיי דערהערן. ער וועט באַגלייטן זיינע ווינטן, ער וועט אויך דערפילן אין זיין באַלאַדע די אימה פון פאַרווישטע ראַנדן פון דער וועלט. אַ ליד וואָס גלייבט, אַז דער הימל איז נאָענט. און אַ מאָל דאַכט זיך, אָט זאָגט ער נאָך דעם קאָצקערס זאָג: „דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן כדי העכער מאַכן די הימלען”. צו נידעריקע הימלען פאַרדעקן אונדזער ערד. אפשר דערפאַר איר געוויין.

דער דיכטער גלייבט אין אַנקומענדיקע צייטן. ווייל וואָס איז אים פאַרבליבן,

אויב ניט זיין חלק אין ד ע ם גלויבן? די באַלאַדע פון איינזאַמען מענטש ווערט אויסגעזונגען מיט קולות פון דממה־דקה. אַן איינזאַמער מענטש וועלכער לעבט און אָטעמט אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט געהאַט כּוח אין זיין איינזאַמקייט אויסחלומען אַ קלאָרן הימל. דער אָוונט איז פאַרזונקען. ליידיקע הייכן רעדן צו זיין איינזאַמקייט. אויסגעריסענע געדאַנקען פלאַטערן פון זיין איינזאַמער כאַטקע. הימלישע געשפּענסטער באַדראָען זיין איינזאַמקייט. די מחשבה אין אַליינקייט זוכט אַ פאַרלאָרענעם קלאַנג. אַלץ שלאָפט אין פאַרחלומטקייט. „די איינזאַמקייט וואָרט אויפן פורפורמאַנטל פון מאָרגנשיין". שתיקות זענען אַראָפּ צו די קוואַלן פון ליריק. שתיקות און ניט קיין געשרייען.

רייך אין שפּראַך. אָפּט מאָל: „עושר שמור לבעליו לרעתו". אויך די דממה־דקה האָט ליב פּשוטן לשון. אויב עס צעגלעקלען זיך די סטאַדעס פאַרנאַכטן, ווילן זיי אַ פאַסטעך מיט אַ פייפל. דער שענסטער פידל וועט זיי ניט אַריינגעמען אין שטאַל. אַ חסרון? אפשר יאָ, אפשר ניין, נאָר ווער עס האָט ליב עשירות פון לשון, וועט אויך ליב האָבן אוסטרי־דנס עשירות.

פאַרליבט אין לעגענדעס, ווייל די היסטאָרישעווירקלעכקייט האָט אָפּגענאַרט. פאַרליבט אין איינזאַמקייט, ווייל די צוותא פאַרמאָגט ניט דעם כּתר פון שיינקייט. זוכט פאַרלאָרענע קלאַנגען, ווייל דער קלאַנג אויף אונדזער וועלטל איז אַ וואָלקנדיקער. איינער פון די סאָנעטן־דיכטערס, וועלכער ווייס דעם סוד פון סאָנעט און אין זיין סאָנעט: הימלען ליגן פאַראומערט.

דער סאָנעט איז פריי און ענג, מילד און שטרענג, און פון אָנהייב ביזן סוף איז ער איין גלעט.

ש ל מ ה ר ו י ט מ אַ ן האָט אין דער ייִדישער ליריק איינגענומען דעם סאָנעט. וואָרט אין וואָרט. האַרץ אין האַרץ. אַ דיכטער פון האַמער און פלייט. קיינער זעט אים ניט ווען ער איז אַ שמיד און קיינער זעט אים ניט ווען ער פייפלט אויף זיין פלייט. ער איז אַ דיכטער וואָס וואַרעמט אויס דאָס פייער פון ליד אין דער שטיל. די שטילקייט איז פאַרזיגלט אין זיין וואָרט. אַלע נעכט פון ליבעס שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע סאָנעטן. אַלע שיינקייטן. און ער אַליין, אויך אין די בגרות־יאָרן ייִנגלשדיק פאַרשעמט. אַ סך סוד אין זיין ליד. זעט אויס, ער געדענקט נאָך דאָס יאָר 1327, ווען דער יונגער דיכטער פראַנצעסקאָ פעטראַרקאַ האָט זיך באַקענט אין דער קירך פון אַוויניאָן מיט דער שיינער לאַוראַ. פעטראַרקאַ האָט ניט אָנגעטאָן דער ליטעראַטור קיין בושות ווען ער האָט געשריבן זיינע סאָנעטן. אָן קיין שום־ספק, אונדזער ייִדישער סאָנעטן־דיכטער שלמה רויטמאַן איז אַ תּלמיד פון פעטראַרקאַ. אַ שלייפער פון יעדער וואָרט. געשריבן מיט האַרצקלאַפּעניש, קענטיק: געמעקט און געשליפן. אין אַלע סאָנעטן געבורטווייען פון ערשטקלאַסיקער ליריק.

אין סאָנעט איז שווער צו אָטעמען. אין שלמה רויטמאַנס סאָנעטן אָטעמט מען, ווייל זיין סאָנעט פאַרמאָגט אַ יידישן שפּראַכלעכן לבוש. ער דערהייבט זיך צו שירה־הייכן. ביי אַלע גוטע דיכטערס איז פרייד און אומעט אַ צווילינג. ווען איר דעם צווילינג געפינען אין רשות־היחיד און אין רשות־הרבים. דער צווילינג דערנערט זיין ליד. זיין סאָנעט. אויב אַפילו טויט פאַרמאַטערט, הייבט ער זיך אויף און שפּאַנט אַוועק ווייטער ווי אין לייוויקס ליד. אַ גלייביקער אין סאָנעט און אַ כופר. אויך דאָ — אַ צווילינג פון כפירה־אמונה. אַ יוירעניש. אַן אויפברויז. דו שפּאַנסט מיט רויטמאַנס סאָנעט דורך טעג און דורך צייטן. „און גאַנץ דו בלייבסט, פאַרוווּנדעט נאָר אין שטרייטן”. סאָנעטן וועלכע זוכן דעם באַפרייענדיקן פלאַקער.

איינער פון די יידישע דיכטערס וועלכער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם דניעסטער, כדי ער זאָל פולער מאַכן דעם ירדן... ער וויל אויך אַריבערברענגען צום ירדן זיינע אייניקלעך, דעם גאַנצן יידישן שטאַם, וואָס איז פאַר אים טייערער פון גאָלד. ער פאַרגראָבט אין זיין סאָנעט אַלע טרוימען פון אַ דיכטער וועלכער איז אַ ניגלה און אַ ניסתר. דער דיכטער גלייבט אין זיינע וויטאַלע כוחות, אויב מ׳וועט אים אַפילו אין מידבר פאַרפלאַנצן, וועט ער אַרויסוואַקסן, ווייל צו הילף וועלן קומען קוואַלן. ליבע. גוטע שכנים. מיט זיי קען מען אַפילו אין מידבר אויפשטעלן אַביידל.

שלמה רויטמאַן זינגט ליריק וועגן זיין היים. וועגן דאָס טעפּעלע קאַשע, וואָס זיין באָבעשי האָט אים צוגעגרייט כדי ער זאָל האָבן כוח צו לערנען חומש מיט רש״י. דער הונגער האָט געשאַרפט די ציין, אָבער דער כוח פון דער באָבעשיס ליבשאַפט האָט מנצח געווען דעם הונגער. דאָס קינד האָט זיך געוואַרעמט לעבן וואַרשאַווסקיס פריפּעטשיק. טראָגט היינט דער דיכטער אין אַ סאָנעט אַ דאַנק די בלינדע אויגן פון דער באָבעשי.

דער דיכטער זוכט זיין איך אין וועלטלויף. ער וויל זיך איינקלאַמערן אין וועלטישן געיעג. ער וויל דערזען אין וועלטגעלויף זיין יחידישן צער. ער וויל ניט עלנט זיין. ער איז אַ טייל פון וועלטבאַשאַף, פון הימלישן טאַנץ. ער אַליין, אַלס מענטש, אַלס יחיד זעט אַז דער קאָלעקטיוו איז תפארת. צו אים וויל ער אָנקומען. מיט אים וויל ער זיך אויסלעבן. אַנדערש וועט זיין לעבן קריגן דעם טעם פון שטויב. מיט ליבע, מיט קוואַלן, מיט יידיש וואָרט איז ער וויניקער איינזאַם, איז ער אין פולן שאַפונגסקראַפט. מיט די סאָנעטן פילט דער דיכטער אַז ער איז ניט אייניק־אַליין, ווי יעדער שורה אין דעם פערז איז ניט אַליין. אַלע סאָנעטן אויסגעפורעמט לויט איין און דעם זעלבן ריטעם.

שלמה רויטמאַנס סאָנעטן זענען אַ טייערער, בכבודיקער ביישטייער צו אונדזער ליריק. באַטעמטע לידער וועלכע רייסן זיך צו שלימות, איבערפולט מיט איבערלעבענישן. זיי זאַפּן איין אין זיך דאָס ערדן־קעלערל און דאָס טעפּעלע

קאַשע, און די מאָלדאַווישע ייִדן, אַ װוּנדערלעכער שבט אין אונדזער ייִדישן לעבן. די דניעסטער־קאַנטן פאַרגעסט ער ניט, אויב אַפילו ער לעבט אין אַן אַנדערווירקלעכקייט. איך וואָלט געזאָגט: דער גאַנצער לעבנסברען פון אַ מענטש אין זיין לעבן — פאַרקריצט אין זיינע סאָנעטן. אַלע אַלייען. אַלע ביימער. אַלע שיינקייטן. פון דניעסטער צו די סאַברעביימער. סאַברעביימער וועלכע דערמאָנען אים אַז ער איז אַ ייִד. סאַברעביימער — דער עץ־החיים פון ייִדישן אויפקום נאָכן אומקום. אַ בוים מיט פּירות און דער סאָנעטן־דיכטער — אַ טייל פון בוים. אַ בוים וואָס רייסט זיך פון דער ערד צו הימלען. אַ סאַברעבוים. „שלום־עליכם, גיט די האַנט מיר, סאַברעס, / אַ זינגער האָט ניט מורא פאַר קיין שטאָך, / מיר ביידע ווייסן ווי דאָס לעבן האַרב איז, / כ'בין דורכגעגאַן ניט לאַנג דעם גרעסטן בראָך". און אויב אַ דיכטער איז דורכגעגאַנגען דעם לעצטן בראָך, בעט ער זיך, דער בוים זאָל אים אַרומנעמען, ווייל ער איז זיין המשך, ער איז זיין תּוך. ער איז זיין פאַרב. גייט אַריין דער דיכטער מיט זיין בלוט אין דעם סאַברעבוים. שטעכט אַריין זיין וואָרט און ווערט אַליין אַ סאַברעבוים.

גלוסטעניש רייצן אין די סאָנעטן און איבער אַלץ: גלוסטעניש צום קאָכעדיקן לעבן.

פון האַרבסטיקע קליינע ייִדישע שטעטלעך, פון שמאָלע געסלעך און שמאָלע טראָטואַרן, פון קליינע הייזער מיט פּריזבעס, — אָבער אויך פון גלאַנץ און וואַרעמקייט און תּורה, פון אַרבעט און געראַנגל פאַר קיום, — איז אַרויסגעוואַקסן די ייִדישע ליטעראַטור.

צווישן די יום־טובדיקע און וואָכעדיקע ייִדן — ד ו ד ס פ אַ ר ד, דיכטער און עסייִסט.

פון אומקום און חורבות, פון פאַרברענטע ייִדישע הייזער, פון פאַרשׂרפעטע ייִדישע גופים, — אָבער אויך פון גרויסן און פריידיקן וואַרטן אויף אַ ניי און גרויס לעבן, פון ייִדישן אויפקום — איז אויפגעוואַקסן פון דאָס ניי די ייִדישע ליטעראַטור. פון די חורבות און פון האָפענונג — דוד ספאַרד, דיכטער און עסייִסט.

פון בלאָטיקן טראָטואַר ביז ירושלים — איז פאָלג מיך אַ גאַנג. און אין גאַנג — דוד ספאַרד. אַ גייער. אַ גייער אין די פאָדערשטיקע רייען, אָבער אין טיפן טונקעלן נשמה־ווינקל האָט געטליעט אַן אַנדער פונק, אַ פונק וואָס האָט אַ העברעיִשן נאָמען: ג א ו ל ה.

אויך די גאולה האָט געפאָדערט גיין אין די פאָדערשטיקע רייען — צווישן זיי דוד ספאַרד. שטענדיק אין צאַפּל פון האָפענונג און געפאַר... צווישן הימל און ערד. מיט אַ סך בענקענישן נאָך יעקבס לייטער. נאָכן בלוטיקן שפּיל, מיט אַ סך

אומעט אין האַרץ און מיט אַ סך פרייד אין גאולה־גאַנג. נאָכן רויטן פלאַם, אין ווייס־בלויען פלאַם, באַרג־אַרויף מיט ליד און עסיי.

דוד ספאַרד איז געווען שטענדיק אין שינעל. אַ קאַמפּסמענטש. אויף דער אויפגעררודערטער ייִדישער גאַס — אַ מאָל אַליין, אָבער אויך אין זיין אַליינקייט מיטן ציבור. מיט דער עדה. מיטן קאָלעקטיוו. אַ ייִדישער מענטש מיט רמ״ח און שס״ה. מיטן עמער אין טיפן ייִדישן ברונעם. ווי קען אַנדערש זיין: אַ זון פון אַ רב, און אַ זון פון חורבן און אויפקום.

אין מיינע ווינציקע באַגעגענישן מיט ספאַרדן האָב איך געזען אַ שטאַמלער מיט אחריות פאַר זיין וואָרט. אַ זוכער. חושד געווען זיך אַליין, אַז זיין וואָרט איז ניט געגנוג קלאָר. דאַרף מען אים מאַכן קלאָרער, און במילא וואָגיקער.

אַוודאי האָט דער דמיון געבויט נאָך אַ סך פּלענער. פול מיט גרייטקייט צו המשכים, ווייל געפילט האָט ער אין זיך שעפערישן כּוח, שעפערישע בענקשאַפטן, און אַוודאי נישט געוואָלט שיידן זיך מיטן לעבעדיקן טאָג. בלייבט אונדז נאָר זאָגן מיט די ווערטער פון זיין ליד צו די אומגעקומענע ייִדישע סאָוועטישע דיכטערס:

„די זעלבע אומעטיקע שיין / פון אונדזער אַלעמענס געזאַנג / האָט אויך באַלויכטן אייער וואָרט — / די שיין פון אונטערגאַנג / אויף יעדן אָרט / און פון פאַרלענד / אין יעדער בייט, / נאָר אויך פון אייביקייט״.

אין אַ. ליעסינס דראַמאַטיש ליד „ייִדיש״ זאָגט זיך: „פון וואָרמס, פון מאַינץ און פון שפּייער, / דורך פּראָג און לובלין און אָדעס — האָט אַלץ זיך געצויגן איין פייער, / האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס״. מאָטל סאַקציערס לעבן, ווי זיין ליד, האָט זיך געצויגן איין נס. אַ געראַנגל מיטן שׂטן, וועלכער טראָגט אויף די ווענגן בייזע ציין. אומקום. אַ לעבן וואָס איז דורכגעגאַנגען קאַטאַסטראָפעס. דאַכט זיך דיר: אַ געוועט מיטן טייוול. ווער וועט מנצח זיין? און געזיגט האָט דאָס לעבן. געזיגט האָט דאָס ליד.

אַ זעלנער אויף פראָנטן. שיגעון. כמאַרעס. אַ לעבן — אין די הענט פון תּלין. אָבער געווען איז אויך אַ יוגנט. אַ יוגנט פון דרייסטע חלומות, ווען אין האַרצן האָט געברענט אַ פייער פון פּאַרמעסטן, פון געוואָגטן קאַמף פאַר בכבודיקן קיום. אַ יוגנט וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך פון זיין קינדהייט, פון זיין יוגנט, ליגט באַהאַלטן אין די טיפענישן פון זיין האַרצן אין אַ באַזונדער קעמערל. אַ משונהדיקע ווונדערלעכע וועלט. אַן איין און אייניציקע. אַ וועלט, וויפל נאָר זיין אויג האָט געקענט אין זיך אַריינעמען איז געווען פון איין געוועב, אין גאַנצן זומער. דער הימל — אַ זומערדיקער הימל, און די ערד — אַ זומערדיקע ערד. דאָס שפּראַצנדיקע און דאָס לעבעדיקע — אין גאַנצן זומער. אמת טאַקע — דאָ און דאָרט האָט אַ קליין כמאַרעלע פאַרדעקט די יוגנטוועלט, נאָר

די דאָזיקע כמאַרע איז געווען אַן אויסנאַם. די וועלט אין איר ריינקייט, אין איר קלאָרקייט, אין איר אמת איז געווען אין גאַנצן זומער.

וועגן די בראשיתדיקע זעונגען זינגט מאָטל סאַקציער. זינגט מיט צאַפּל און בענקשאַפט. ווייל אין יענעם בראשית האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסוועבן זיין ליד. שפּעטער, אין דער געזעלשאַפט פון שטערנבערגן, פון איציק מאַנגערן, האָט זיין ליד געשטיגן, געשטיגן מיט דממה־דקה. מיט געשריי. מיט מורא און האָפענונג.

געגלייבט האָט דער דיכטער, ווי עס גלייבן אַלע גוטע ליריקערס, אַז אויף דער ערד פון חלום און דמיון פון בראשיתדיקע זעונגען וועט ער שטענדיק בלייבן; ערד פון עקזאָטישע לענדער, פאַנטאַסטישע רייזעס, פול מיט אַוואַנטורעס. „איך וועל בלייבן שוין דאָ מיט דעם גאָלדענעם זאַמד, / מיט דעם פויגל וואָס האָט זיך אין הימל פאַרזאַמט, / מיט די שרצים, די חיהלעך היגע, / מיט די אויסטערליש־קאָמישע צורות". איינגעזאַפּט אין זיך אין דער יוגנט דעם חומש, וועלכער האָט אים געפירט צום דורות־פאַרקניפּ, געלערנט דעם נסימדיקן גאַנג פון זיין פאָלק און עד־היום זינגט אַרויס פון מאָטל סאַקציערן דער חומש.

אַלץ וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין דער יוגנט איז פאַרגאַנגען אין יסורים. אויף אַלע ערשטע זעונגען — בלוט. אומקום. גרעאַנגל, וועלפישע ציין, גיהנום. אויוונס מיט גאַז. אין די פּוסטריט פון קאַטאַסטראָפעס בענקט דאָס ליד נאָך אַ ברעקעלע ערד.

דער דיכטער מאָטל סאַקציער האָט זוכה געווען אויף די עלטערע יאָרן נאָר אָ ברעקעלע ערד. זינגט זיין ליד מיט ליבשאַפט נאָך דאָס ברעקעלע לאַנד „וואָס קוים אויף דער מאַפּע מע זעט עס". ליבשאַפט — וואָס איז אויך חשבון־הנפש פון אַ ייִד, חשבון־הנפש פון אַ דור. דאָ אויף אַ ברעקעלע אייגן ערד פילט דער דיכטער דעם טעם פון לעבן. אַרויס פון דער גראָער וואָכעדיקייט אָנגעפּראָפט מיט יסורים, מיט צער און צאָרן צו הייליקייט, הייליקייט פון אייגן ייִדיש לעבן. נאָר אויף דעם ברעקעלע ערד דאָ האָט זיך דער דיכטער דערהויבן צו ממשותדיקן טעם פון לעבן. אַ גרויסער גלות־אָפּריכטער, ווי צענדליקער ייִדישע שעפערס, איז אַרויס פון די פייערצונגען און זינגט זיין ליד פון ישׂראל מיט געהויבנקייט; אַרויס פון ווילדן ברענענדיקן וואַלד, צו אַן אייגענעם בוים, צו אַן אייגענער סטעזשקע.

מאָטל סאַקציערס ארץ־ישׂראל־ליד וועט רעציטירט ווערן אויף די ייִדישע בינעס דאָ און אין די תּפוצות. מאָטל סאַקציער היט דעם טאַטנס פאַרזאָג: „דער גורל זאָל נישט וואַרפן — נישט פאַרראַטן קיין מאָל. דו — זאָלסט בלייבן שטענדיק — דו!"

מאָטל סאַקציערס ניגון, זיין ביחידותדיק ציטערן און פלאַטערן, געהערט צו דעם גוטן סאָרט ליריק אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ליריק וואָס טראָגט אין זיך דעם ריטעם פון ייִד, פון מענטש, פון נאַטור. אָפט מאָל איז ער, דער דיכטער,

ווי אַ גוטער מיטשמועסער מיט דער נאַטור, מיט לאָנקע און פעלד, אַ מיט־שמועסער מיט זונאויפגאַנגען פון זון־אונטערגאַנגען. דער לירישער טאָן — איז דאָס חיות פון ליד. אַ ליריקער וואָס טראָגט אין וואָרט מאָטיוון פון ייִדיש־רייכן פאָלקלאָר, יעדער גוטער ליריקער לערנט פון אַ פאָלקסליד. מאַנגער האָט געגעבן אַ תּיקון דער נשמה פונעם פאָלקסליד און דערפאַר אַזאַ אהבה צו מאַנגערן. פון די שענסטע לידער אין ספר: „מאַנגערס לעצטע זעונג״, אָנהייבנדיק פון דעם קאַפּעליוש פון אַ באָהעם, ביז דער געקרויינטער צווישן גרויסע. מאָטל סאַקציער איז אַ פאַרשטענדלעכער דיכטער... אַ שירה־קוואַל פאַר יעדער גוטן ייִדישן לייענער. נישטאָ קיין סתרי־תּורה אין זיין ליד. דאָס איז אַן אינדיווידועלע שירה וואָס וואַקסט אַרויס פון רשות־היחיד און וואַקסט אַריין אין רשות־הרבים. אַ ליד וואָס איז צונויפגעגאָסן מיטן פאָלק. איר אָנהייב: היים. איר המשך: בלוטיקע שליאַכן. איר מסקנה: אַ ברעקעלע ערד.

די ייִדישע ליטעראַטור וועלכע דערציילט פון אומקום איז אַ טראַגישע ליטעראַטור. אַ ליטעראַטור פון ליידן, אין ליד, נאָוועלע, דערציילונג און ראָמאַן. מאָטל סאַקציערס ליד געהערט צו דער טראַגישער דיכטער־פּלעיאַדע פון זיין דור.

געשריבן האָט אַ מאָל אַ ייִדישער קריטיקער, אַז שוידערלעך איז אַ דיכטער צו זיין. פון אַלץ מאַכט ער לידער: פון גרויל און עלנט, פון געבויר און פאַרלויר, פון נאָגעניש און קלעמעניש, פון וואָגל און פון טרער, פון פרייד און צעשייד, אויך פון טויט. מאָטל סאַקציערס ניי בוך „אַ שפּור אויפן וועג״ איז פאַראַנקערט אין דער גוטער ייִדישער שירה פון פרייד און צעשייד, פון וואָגל און פון טרער. „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער וועלט פאַרלוירן״, האָט געזונגען איציק מאַנגער. אַ סך שיינקייט איז אויף דער וועלט פאַרלוירן געגאַנגען אין די בלוטיקע יאָרן, קומט דער דיכטער צו שירה־קוואַל און וויל אונדז ברענגען טרייסט. ווייסן ווייסן מיר: נישטאָ קיין טרייסט. נישטאָ. נישטאָ קיין נחמו. קומט נישט דער דיכטער מיט זיין ליד געבן אונדז דאָס טעלערל פון הימל, ער קומט אונדז נאָר זאָגן: מיין לעבן איז געקניפּט און געבונדן מיט אַלע בייזע ווינטן און זאַוויערוכעס. מיין לעבן און מיין ליד איז אַ קאַפּיטל פון מיין דור. די פייערן האָבן פאַרברענט שטיקער לייב, אָבער געבליבן — און עס וועט פאַרבלייבן דאָס ייִדישע ליד. דער גאַנצער גוף איז פאַרסמאַליעט, אָבער געבליבן איז דער גלייבן אין וואָרט, אין ליד, אין המשך.

אין דער העברעיִשער ליריק האָט מען אַ מאָל באַשולדיקט אַז די שפּראַך איז פיל רייכער פון אינהאַלט. מיט אַזאַ באַשולדיקונג קען מען נישט קומען צו דער ייִדישער ליריק. שפּראַך און אינהאַלט גייען ביחד. געאייניקט. מאָטל סאַקציערס „אַ שפּור אויפן וועג״ יוכיח. דער חן פון ספר איז אויך דאָס ליד צו דער פּרוי, דער פּשוטער טאָן, דער נאַטירלעכער טאָן, וועלכער פאַרמאָגט נישט קיין קאָקעטע־ריע־שטיק, נאָר אמתן חן. האַרציקע ווערטער. דאָס ייִדישע ליד איז שיין און חנעוודיק

מיט זיין אינטימלעכקייט. אינטים מיטן רשות־היחיד און מיטן רשות־הרבים. מאָטל סאַקציערס ליד שפּראָצט און וואַקסט אין דעם ווונדערלעכן ייִדישן ליריק־גאָרטן. און דער לירישער גאָרטן פֿאַרמאָגט באַטעמטע פּרוכטן. דאָס איז דאָס ליכט נאָך די פֿינצטערע צייטן. נאָך די עקידות. דערפֿאַר: „טרויער נישט, זינגער! מיט פֿאַרצאַפּלטע פֿינגער דיין בוך וועט נאָך עמעצער פֿאָרט אין שטילער אָוונט־שעה מישן און דערהערן זיך אַליין אין דיין וואָרט, און דערקענען אין דיינעם זיין טרוים וואָס דו האָסט געטרוימט און געוואַכט ביי נאַכט אויף דיין קישן”.

„דאָס קליינע ליד האָט אין שפּיגלבלאַטן געפֿונען אַ טאַלאַנטפֿולן זינגער וואָס דערהייבט די אַלע פֿאָרמען און אייגנשאַפֿטן צו אַ באַזונדערער קוואַליטעט. „אין יעדן בוים דרימלט דאָס פֿייער / וואָס וועט אים פֿאַרלענדן. / דער צוויט איז די תּפֿילה פֿון בוים / פֿאַר זיין אייגענעם אַש. // צערן נישט / גאָט פֿאַר מיין אומגעלומפּערטן / דרש׳ ” (יצחק יאַנאַסאָוויטש).

אלכסנדר שפּיגלבלאַטס צימצום דאַרף האָבן אַ דרש. די לירישע מיניאַטור זיינע קען זיך אָן דרש ניט באַגיין.

זשאָרזש ראָדענבאַך האָט געזונגען: „די שיינקייט פֿון טרויער איז העכער ווי די שיינקייט פֿון לעבן”.

שטילע טריט. אַ לאַנגזאַמער טעמפּאָ. איין זיך נישט, לייענער: מען דאַרף דערזען די נשמה. און כּדי דערזען די נשמה אין קורצע שורות, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן פֿון מאָל צו מאָל. אָפּעטעמען טיף און ווייטער לייענען דריי, פֿיר שורות. לויפֿנדיק וועסטו אין אַלכּסנדר שפּיגלבלאַטס ליריק פֿאַלן. פּאַוואָליע. פּאַמעלעך. דאַכט זיך: אָפּגעריסענע לידער וועלכע שטייען ווייט איינער פֿון אַנדערן. און דאָך: אַלע נאָענט. איין מקור. דער מקור פֿון אַלע סתּירות אין דער וועלט. אַלץ לעבט. אַלץ בליט און אַלץ קומט אָן צום טראַגישן סוף.

ה. לייוויק האָט אַ מאָל געפֿרעגט זיין רבין: וואָס וואָלט געווען ווען דער מלאך ביי יצחקס עקדה וואָלט פֿאַרשפּעטיקט. דער רבי האָט בעצם ניט געענטפֿערט. וואָס פֿאַר אַ תּשובה איז עס, אַז אַ מלאך פֿאַרשפּעטיקט קיין מאָל ניט. ווייסן מיר דאָך אַז נישט נאָר דער שליח, נאָר גאָט אַליין פֿאַרשפּעטיקט.

אין די קורצע שורות פֿון שפּיגלבלאַטס דיכטונג הערט מען אַ זאָג: „דער מלאך האָט ווידער פֿאַרשפּעטיקט”. האָט דאָס ליד גאָרניט וואָס צו טאָן מיטן חורבן, אָבער אין די געציילטע ווערטער ליגט דער חורבן. שטייט אין דעם קאָדעקס „דיכטונג” אין ערגעץ ניט געשריבן אַז מ׳דאַרף אַראָפּגיין אין „עיר ההריגה” און פֿון דאָרטן ברענגען צום ליד די הרוגים. גענוג: צוויי, דריי ווערטער. למשל: תּהילים — „לא המתים יהללו יה”. קאַרג אויף ווערטער, אָבער ניט קאַרג אויף פֿאַרבן. לידער, וואָס זייער קול קומט אָן פֿון פֿאַרזונקענע שיפֿן, פֿאַרקלעמטע אויפֿן דנאָ פֿונעם ים. עלעגיע. קענסט נעמען די קורצע עלעגיעס און צופּאַסן זיי צו

אַלע דיינע תּפילות. ווייל: די הימלען זענען אָפן. ווען מען רעדט וועגן „אומרויִקע אותיות”, וועגן „פּאַפּירענע זעגלען” באַנוצן מיר זיך מיטן וואָרט „שטילקייט”. לא ברעש השיר. בקול דממה־דקה. און אין דער דממה־דקה היט פאַר דיר אָפּ דער ליריקער „אַ לויטערע הייליקע רגע”, ווייל דער דיכטער וויל ניט קומען צום ציבור מיט ליידיקע הענט. „איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר יעדער רגע שיינקייט / וואָס דו וואַרפסט אַראָפּ פאַר מיר, דיין קנעכט, / ס'זאָל דערפאַר דיר ניט גערעכנט ווערן / ווען דו שטראָפסט מיך אומגערעכט”. פאַר אַ טראָפּן שיינקייט איז גרייט דער דיכטער פאַרגעבן גאָט אַלע זיינע חטאים. איז עס נישט אַ ביסל צו פיל? פאַר אַ ברעקל חלום איז ער גרייט אַלעמענס זינד פאַרגעבן. אַזאַ איז זיין פּאָעטישע נשמה.

כּדי צו זיין רויִק אין אומרו, דאַרף מען זיך אַוועקשטעלן אויפן אָלימפּ. אלכּסנדר שפּיגלבלאַט טוט עס. און זעט אויס, עס אַרט אים ניט, וואָס דער לייע־נער וועט זאָגן. ווילסטו מיך געפינען, איז ניט שטענדיק אויף דער ערד. און פון אָלימפּ איז אויך דער פּראָטעסט, דער צאָרן אַ רויִקער. אַ שטילער.

אַן עלעגישער פּאָעט. וואָס האָט ניט צו טאָן מיט יִיאוש. ממעמקים קראתיך. פון די טיפסטע טיפענישן האַקט ער אויס אַ פונק בטחון. ווייל פּעסימיזם, ווי אַ שיטה — איז אַ פיינט פון ליד. אָפּט מאָל, דאַכט זיך, פאַלט אַריין דאָס ליד אין אַ פּעסימיזם־איראָניע, אָבער ער אַנטלויפט אי פון פּעסימיזם, אי פון איראָניע: „אַ שאַגאַלישער רעגן־בויגן / הענגט אויפן הימל / און טריפט מיט אומרויִקע פאַרבן”. „אומרויִקע פאַרבן”, און דאָך: רויִק. דממה־דקה. אַפילו דער „איך”, דער שפּליטער פון אַנוכי, די אימה פון התגלות, קומט אָן מיט שטילע טריט. דער האַרבסט קומט אָן אין זיין ליד. די וואַנדער־פייגל טרייבט ער אַרויס פון די נעסטן, און דאָך בלייבט דאָס ליד ניט אין דער ספערע פון וואָלקן נאָר אין תּחום פון שטערן. אויב אַפילו, אליבא דעם דיכטער: שטערן האָבן הנאה פון פאַלן.

איך אַליין צווייפל אין דעם. אַלכּסנדר שפּיגלבלאַטס ליד זעט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער אָבער בענקען בענקט דאָס ליד נאָך אַ בוים מיט צווייגן. נאָך זומערן.

אינטימע וואַרעמקייט אויך אין האַרבסט. אין דעם טרויער־שלייער ליגט אַ זשאַרקעלע פרייד. אין דעם בין־השמשות, נאָענט צו דער שקיעה, פון ליכט אַדורכגעשניטן. אין זיין איינזאַמקייט לעבט ער מיטן צוותא. זוכט ניט ביי דיכטערס סתירות. אַ נשמה אין ציטער, אין פּחד. מ'געפינט דעם ציטער, דעם פּחד צווישן די שורות.

דער דיכטער פון קבלה־מאָטיוון — ש ל מ ה ש נ ה ו ד.

די לערע פון מיסטיק ביי ייִדן טראָגט דעם נאָמען קבלה. זי הייסט קבלה דערפאַר ווייל ס'איז סוד און מ'האָט עס איבערגעגעבן מיגדלעך. איש מפּי איש.

אין תּנ"ך זענען דאָ אַ סך מיסטישע קאַפּיטלען, די ערשטע אין חומש מיט

די מלאָכים; וועגן גאָטס נאָמען „אהיה אשר אהיה״. די נבואה פון ישעיה ווי ער האָט געזען דעם הימל און די מלאָכים, די נבואה פון יחזקאל ווי ער האָט געזען גאָטס מרכבה, די נבואה פון דניאל אין זיינע חזיונות. ביי דער סעקטע פון די איסיים זיינען שוין געווען געהיימע לערעס, זיי האָבן שוין געפּרוווט אויסטייטשן די תורה, ניט לויטן דרש, נאָר לויטן סוד. ס'איז דאָ אַ ספר „חנוך״ און אַ ספר „יובלים״, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מיסטיק. איז אויך אָנגעקומען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַ דיכטער וואָס די קבלה, דער חקל תפּוחין לאָזט אים ניט אָפּ און ער איז אַריין אין דעם פּרדס מיט שטאַרקע דיכטערישע כּוחות און געזונגען לידער פון הייליקן עפּלפעלד. צען ספירות טיילט אויס די קבלה: כּתר, חכמה, בינה, חסד, גבורה, תּפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות.

שלמה שנהוד נורטעוועט אין די צען ספירות. ער וויל פאַרשטיין די אצילות־דיקע וועלט וואָס האָט אויסגעשטראַלט די צען ספירות. אַ נאָענטער קרוב צום אר״י (אדוננו רבי יצחק) וועלכער האָט געשאַפן אין צפת אַ ישיבה פון מקובלים, כּדי מתקן זיין די מענטשלעכע נשמות. אַלץ אויף דער וועלט איז אַ גילגול פון פריִערדיקע עקסיסטענצן און ווייל זיי זענען פריִער נפגם געוואָרן, זענען זיי אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט מען זאָל זיי מתקן זיין. „און אַצינד בלאָט שוין אַרום מיר היכלא דכסיפין אינעם וווּנדער־שאָטנבלוי, / ערגעץ אין נאָענט מיר קוועלט רזינדיק דער ברונעם, מרימס ברונעם, / איר וואַסער־סוד, אָנגעטרונקען האָט זיין תּלמיד — דער אר״י״.

און דער ברונעם פון אר״י האָט אָנגעטרונקען שלמה שנהודן. איז ער אַריין אין סוד פון זיין ניגון, איז ער אָנגעקומען צו זיינע שבתדיקע באַנג־ניגונים, צו דעם וווּנדערלעכן שאָטנבלוי. אויך אַהרון צייטלין האָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור געזונגען דאָס ליד פון דוכרא און נוקבא, דאָס גילגולים־ליד, און אויך געשטיגן צו די הימלישע ספערן פון קבלה. יוחנן בן־זכאי, ריש לקיש, רבי עקיבא האָבן זיך פאַרנומען מיט מרכּבה־מיסטיק, מיט חקירות וועגן מעשׂה־בראשית, וועגן די היכלות דאָרט אין די הימלען געבויט לעבן כּסא־הכּבוד. מיט אַקטועלע פּראָבלעמען האָט זיך תּורת־הסוד ניט באַשעפטיקט.

אַריינגיין אין די היכלות — דאַרף מען האָבן אַ סך דיכטערישן קוראַזש און צום אַלעם ערשטן אַ סך ידיעות. ווער עס לייענט די לידער פון הייליקן עפּלפעלד פון שלמה שנהוד, זעט דעם דיכטער אין די היכלות, לעבן די צען ספירות מיט אַ סך ידיעה. ממש: דיכטערישע גבורה. דער געראַנגל צווישן ראַציאָ און איראַציאָנעלע באַגריפן איז דאָ ביי אַלע פעלקער. ביי ייִדן, צוליב די צרות — מער אַנטוויקלט. איז ניט קיין וווּנדער וואָס אַ ייִדישער דיכטער האָט זיך אַריבער־געפּעקלט מיט זיין האָב־און־גוטס קיין צפת אין דער באַגלייטונג פון די מקובלים, כּדי אפשר ווידער אויפשטעלן דעם חלום פון נייע ווערטער־קאָלירן. דער אַמאָ־

ליקער אַמאָל שפּייזט מיט פולע הויפנס, ער פורעמט נייע פורעמס, ער גיט נייע גייסטיקע צורות, ער צעטרייסלט דעם גייסט פון דער וועלט.

נאָר אין צפת הערט דער דיכטער אַ פריידיקן ניגון. און ווער עס פאַרנעמט אָט דעם פריידיקן ניגון בלייבט אין צפת. ווער עס פאַרנעמט די מתיקות פון ניגון, בלייבט ביים אר״י. ווייל דער צעזונגענער קדוש עליון מיט זיינע פמליאס, איז אינטערעסאַנטער, דערהויבענער פון די ערדישע פלעקן. שלמה שנהוד איז אָנגעקומען קיין צפת כּדי „אָפּגעפינען ס׳געפינקל פון ליכט־טוי, אין פעלד פון יענע תּפוחין, ווו בני־היכלא געוועבט האָבן בלוי אין אַמאָליקן פאַרבענקטן־צוזאַמען חלום־געזאַנגען, האַרץ־טעמיקע זמירות״. שלמה שנהודס ליד גייט נאָך דעם הויפּטפּרינציפּ פון דער קבלה: א) די אמתן פון דער תּורה קען מען ניט אויפקלערן דורכן שׂכל, נאָר דורך אינטויִציע, דורך קבלה; ב) עס עקסיסטירן צוויי קעניגרייכן: ליכט און פינצטערניש; ג) דער מענטש מיט זיינע מעשׂים העלפט איינעם פון די צדדים.

דער ייִדישער דיכטער ווערט אַ צד אין דעם געוועב. די נשמה רייסט זיך צו לויטערקייטן, צו די פאַרהוילענע שורשים, צו די מקורות פון אַלע ספירות. נאָר די לויטערקייטן פון צפת קענען פאַרגאַנצן די ייִדישע נשמה. אויב מיר ווילן אויך זען קאָנקרעטע היינטצייטיקע באַגריפן אין די קבלה־לידער פון שלמה שנהוד, איז אין דעם מאָטיוו, אַז אויב אויף דער וועלט וועלן אויפלייכטן ליכטער, וועט אויך אונדזער פינצטערניש ווערן באַלויכטן.

ייִדישע מיסטיק רעדט וועגן הסתּכּלות. וועגן התבוננות. אַריינקוקן אין זיך. שלמה שנהוד איז אַן אַריינקוקער אין זיך. די טעאָריע פון תּיקון פאַרכאַפּט אים. די דריי יסודות פון אר״י: צימצום, שבירה און תּיקון איז דער יסוד פון זיין דיכטערישן שפּאַציר איבער דער קבלה.

צימצום: גאָט האָט פאַרנומען די גאַנצע וועלט. כּדי צו מאַכן אָרט פאַרן וועלטפּראָצעס האָט ער זי אַריינגעצויגן אין זיך אַליין. מצמצם געווען. אָבער גאָטס ליכט, די מאורות, ווילן זיך פאַרשפּרייטן — קומען זיי אָן צום מענטש. שבירה: די כּלים האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די שפע פון געטלעכער ליכט און זיי זענען צעבראָכן געוואָרן. דערפאַר איז די וועלט פאַרקרומט. די שבירה איז די דראַמע פון די וועלטן. הייליקע פונקען זענען געפאַנגען געוואָרן דורך די קליפּות. קומט די היילונג: תּיקון. מ׳דאַרף צוריקשטעלן אַלץ אין גאָטס געפּלאַנטן סדר. אין די פוסטריט פון צימצום, שבירה, תּיקון גייען שלמה שנהודס לידער.

געדערכט איז דער קבלה־ליריקער שלמה שנהוד: „אין באָדן פון טרוים וואָרצלט טיף זיך די וואָר — / אין מיסטישע סימבאָלן — דער תּמצית פון יש, / מיין חלום — / איך שפּרייט אים ווי באָדן פאַר פיס און פאַרפעסט / נישט צו זינקען אין אָפּגרונט אַריין״. דער דיכטער האָט געפונען אַ זעלישן אָנלען אויף די ברייטע וועגן פון קבלה. זיין טאָג־טעגלעכער חלום איז אויסגעפורעמט געוואָרן

דורך צימצום, שבירה און תיקון. אין טרוים פון די מיסטישע וועגן פלאַמט אויף אַ נייע האָפענונג, אַז די וועלט קען אָנקומען צו תיקון, אַז די איינזאַמקייט פון מענטש קען אָנקומען צו צוותא, צו אַ ביסעלע פריינדשאַפט. גלייבט דער דיכטער, אַז אויף מיסטישע וועגן קען די פינצטערניש אויפהעלן, קענען די ליידן אָנקומען נענטער צו גאָט.

דאָס איז דער תמצית פון יש אין מיסטישע סימבאָלן. דאָס איז דער חלום־באָדן, אויף וועלכן ס'איז אַוועק אַן אינטערעסאַנטער יחיד במינו־דיכטער, און ער עצהט אויך אַנדערע יידישע דיכטערס זיי זאָלן אָנקומען צום אר״י. צו צפת. כדי: „מיר זאָלן נישט צוזאַמענברעכן״.

מיט באַרוועסע טריט איז אָנגעקומען נחום באָמזע. מיט פלאַטער פון האַרץ און טיפן געהער. דאַכט מיר אַז נחום באָמזעס ליריק האָט מער גענעסטעט אין האַרבסט ווי אין פרילינג. ער האָט געלעבט מיט די האַרבסטבלעטער וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט נאָענט צו די ביימער. געגלייבט האָט נחום באָמזע, אַז אויף דער וועלט איז דאָ נאָר איין היטער: די מאַמע. ווען דער ווינט הוליעט אויף די טרעפּ, ווערט ער אויסגעהיט נאָר פון דער מאַמען. דער דיכטער ווייס: אויף דער וועלט קרייזן אַרום בלויע שטערן. אַ בלאָער הימל גיט האָפענונגען. אָבער די באַגלייטונג: שרעק פאַר נאַכט און טויט מאַכט קאַליע דעם גאַנצן געשפּאַן. נישט אומזיסט ברענגט נחום באָמזע אין זיין ליד: „זון־פאַרגאַנג אין שטאָט״ יצחק קאַצענעלסאָנס שורות: „די זון פאַרגייט אין פלאַמען, / די זון מען זעט זי קוים, / אַזוי פאַרגייט מיין האָפענונג, / אַזוי פאַרגייט מיין טרוים״.

אַ בייזער ווונדער: וואָר און חלום אין געלויף, אין שטענדיקן געוועט. ווער איז דער זיגער. ביי יעדער ליריקער איז דער זיגער — דער חלום. דער עולם־הדמיון. אין דער יצירה־ספערע האָט דער חלום דעם גרעסטן חלק. די אינטימסטע פּאָעזיע איז די וואָס חברט זיך מיטן עולם־הדמיון. נאָר דאָ קענסטו געפינען אַ ביסל טרייסט, אַ טרייסט פאַר צעבראָכענע הערצער. בעט נחום באָמזע: „איידער נאָך די נאַכט פאַלט צו / וויג מיר איין אין שטילער רו. / נעם די שאָטנס דיינע מיט / אין דעם עכאָ פון אַ ליד״. און ער האָט מיטגענומען אַלע שאָטנס אין עכאָ פון זיין ליד.

געלעבט מיט אַ סך שרעק. שטענדיק, און אַ ביסל צו פיל געוועזן באַגלייט פון קאָשמאַרן. אויסגעמאַטערט. אַ פערמאַנענטער געוויין אין דער נשמה. אַזאַ געוויין האָב איך שטענדיק געהערט אין אלחנן וואָגלערס ליד. „אין חלום מעג איך שרייען וויפל איך וויל, / וועט קיינער ניט זאָגן: נחום, זיי שטיל, / די האַנט פון דיין האַרץ נעם אַראָפּ / און הייב העכער אויפן קישן דעם קאָפּ״. דער חלום קאָנטראַ וואָר שרייט אַרויס פון אַלע לידער. ער האָט זיך געלאַשטשעט צום חלום. די וועלט פון קאָנען איז געווען צו שווער פאַר אים. ער האָט ניט געקענט מוותר

זיין אויף זיין חלום. ער האָט געצאָלט מיט גוטע לידער פאַר פייער. פאַר זון. פאַר אַ טראָפּן ליכט.

זיין איין און איינציקער פאַרמעג איז געווען זיין שרייבטיש. געוואָלט האָט ער, ווי אין אַ שיפל, שטיין אויבן־אָן, גרויס און צעפלאַטערט ווי אַ פּאָן. אָבער, אָן אַ פּאַרוואָס, אָן אַ פאַרווען איז אָנגעקומען אַ טאָג און געטראָגן קלאָרע, נאַקעטע ווייען. מ׳האָט ניט געדאַרפט האָבן קיין סך כוח־הדמיון, כּדי צו זיין דער צפנת פענח פון די נאַקעטע ווייען.

נחום באָמזע האָט זיך אַליין געזען ווי אַ פאַרשלאָסענעם אין אַ גאָרטן און ער אַליין האָט אָן אויפהער געשריִען: „עפנט״. ער וויל אַרויס פון גאָרטן. זעט אויס ער האָט געוואָלט אַנטלויפן אַהיים און זיך אַליין אין וויגל פאַרוויגן. צו דער כּינעזישער דיכטונג איז ער אָנגעקומען מיט זיין ייִדישן קאַרב און געבראַכט דער ייִדישער ליטעראַטור אַ ווערטיקע מתּנה. אָנגעקומען צו די מייסטערווערק פון לי־טאַ־פּע און באַהויכט פון זיין איינזאַמקייט און וויי, איז ער אים אַנטקעגנגעקומען מיט זיינע ייִדישע אותיות, ווי איינער זאָגט דעם אַנדערן: לאָמיר גיין צוזאַמען און בשותּפות טראָגן איינזאַמקייט און וויי. לי־טאַ־פּע האָט געזונגען אין נחום באָמזעס ייִדיש: „דער ווייַן איז דאָ און דער ווירט איז גרייט. / שענקער, דערלאַנג נישט דעם געטראַנק, / ביז איך וועל נישט זינגען דאָס געזאַנג / וועגן טאָג וואָס פאַרגייט. / אַז דער טרויער קומט, ווערט ליד און געלעכטער שטיל, / קיינער ווייסט נישט ווי ס׳גרילצט די טויטע גריל״.

דאָס איז אויך דער טיפער תּוך פון נחום באָמזעס ליריק. „אַז דער טרויער, קומט ווערט ליד און געלעכטער שטיל״. לי־טאַ־פּע האָט אים אַוועקגעריסן פון דער זינדיקער ערד. ער איז מיטגעגאַנגען מיט דער חכמה פון כּינעזישן דיכטער און זיין ליד פאַרפלאַנצט אויף זיינע ייִדישע לאָנקעס. געוואָלט זיך פאַראייניקן מיט השתּפכות־הנפש פון לי־טאַ־פּע און מצליח געווען. נחום באָמזע בעט אין זיין ליד: נישט פאַרגעסן ווערן. אַ מענטש וויל נישט פאַרלוירן גיין. נחום באָמזעס ליריק וועט נישט פאַרלוירן גיין.

מ ש ה וו אַ ל ד מ אַ ן איז פאַרבליבן ביי די „פ אַ ר ט ו נ ק ל ט ע פ ר י - מ אָ ר ג נ ס״. — אַ קליין העפטל לידער וואָס „האָט אויסגעדריקט נישט בלויז די כּלל־וועלט און כּלל־שטימונג פון אים אַליין, נאָר אויך פון נישט ווייניקע ווי ער, יענע יוגנטלעכע ייִדן אין יענע טעג, וואָס שטייענדיק אויפן שוועל פון זייער שאַפונג, ליד און דיכטונג, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אין פלוג איז עס דער פרימאָרגן פון זייער לעבן, אָבער ממשדיק באַטראַכט, איז עס אַ מין פרימאָרגן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שטערן־פלימער פאַר זיין כּביכול־אויפלויכט, און בעצם שטעקט ער אין אַ טונקלעניש, וואָס ווערט אַלץ דיקער, נאָך דעם ווי עס האָט זיך איבער אים צעלייגט דער שאָטן פון דער הידרע, וואָס איז אַפּירגעשאָסן פון האַרצן

פון אייראָפּע און זיך צעלייגט אַרום־און־אַרום, און גלות־פּוילן האָט געצאַפּלט צווישן נבוזראַדן, וואָס האָט זיך פון דרויסן געגרייט צו באַהערשן אַלץ אַרום זיך און צווישן זיינס גלייכן וואָס האָבן, אין זיין גייסט, געשאַלטעוועט אינעווייניק" (דב סדן).

צווישן וואַרעמקייט און פאַרפרוירענע שטערן — זיין ליד. צווישן אָנגע־צונדענע לאַמטערנס און קאַלטע ליכט — זיין ליריק. אַ לונאַטיקער וואָס זעט מיט אָפענע אויגן די פאַרטונקלטע פרימאָרגנס. אַ דיכטער — וואָס איז כולו סתירה. אַ שטאָם אין אַ שטאָם פאַרפלאָכטן. אַ הונגעריקער און אַ זאַטער פון טאָג־טעגלעכ־קייט. אַ דאָרשטיקער און אַן אָנגעטרונקענער מיט פרימאָרגן־טויען. אין אַ ווילדן וואַלד, און דאַכטן דאַכט זיך, דאָ האָבן מענטשלעכע הענט אויסגעפלאַסטערט וועגן און אַרומגעשאָרן דיביימער און געבויט פאַרקן. בעצם: ווייסטו ניט וווהין פירט משה וואַלדמאַן: צום ווילדן וואַלד, אָדער צו די פאַרקן.

זיין היים — אויך דאָרטן איז געשטאַנען יעקבס לייטער, אויב אַפילו דער דיכטער פרוווט לייקענען. נישט געווען קיין יידישע היים, ווו יעקבס לייטער איז ניט געשטאַנען און מלאָכים זענען ניט אַרויף און אַראָפּ און דער חלום איז געלעגן צוקאָפּנס. לאָמיר וואַרטן — זאָגט דער דיכטער. און אין וואַרטן ליגט אַ סך גלויבן. אַ סך בטחון. דער הייליקער שניידערל ביי לײדיקע פאַליצעס פאַרקויפט נאָך בטחון. דער טרויערווינט אויף וועגן, אָבער, לאָמיר וואַרטן. עס וועלן זיך נאָך עפענען די ליכטיקע טויערן. „כישופדיק איז דער גראַנאַט־הימל, / וואָס היט אַ סוד — / דעם מייסטערס אויער איז דאָרט באַהאַלטן".

אַ גוטער ליריקער פאַרמאָגט זיינע סודות. אַ גוטער ליריקער פאַרמאָגט דעם מייסטערס אויער. ער הערט. ער זעט. ער איז איינגעוויקלט אין סוד פון דער בריאה. פון דער יצירה. אַ גוטער ליריקער קוקט אַריבער די גרענעצן פון וואָר. מיט זיי משה וואַלדמאַן. ער האָט זיין סוד זיינע ד' אמות, און איז שטענדיק גרייט צו אַנטלויפן צו אַלע ווייטן. די ווייטן לאָקערן. די ווייטן רופן. דער דיכטער זוכט אַן אייגן ווינקעלע, אָבער די ווייטן זיינען זיין אייגן ווינקעלע. וויל דען דער דיכטער זיין אַ פּליט? וויל ער דען זיין אַן אַנטלויפער? חלילה וחלילה. נאָר צום חלום האָט זיך צוגעטשעפּעט אויף די שטויביקע וועגן די וואָר. און די וואָר שושקעט אים אַריין אין אויער כלערליי סודות און זיי פאַרלאָקן אים און צעשטערן אַלע חלומות. די וואָר זאָגט אים: לאָז אָפּ דעם טרוים. גיי מיט מיר. לאָמיר גיין צוזאַמען. לאָמיר זיך דורכרעדן אויף וועגן דיין פאַרשרפעטער היים, וועגן דיין יידישן גורל און אַלע פאַרפלאָנטערנישן פון דיין דור. איך וועל זיין דיין מיטשמועסער. דו וועסט זיין דער צוהערער. פון דיין שמיעה — מיין כוח־הדיבור. קום, איך וועל דיך פירן נישט נאָר צו די בילדער אין מוזעום, נאָר צו אַלע קאָשמאַרן פון י ע נ ע טרויעריקע טעג, צו אַלע גיהנום־פייערן. קום, און דו וועסט אַריינבליקן צוזאַמען מיט מיר אין אַלע פאַרשרפעטע טעג און נעכט, וועסט זען

אַלע אויפגעריסענע בריקן, אַלע טייכן וועלכע זענען אַרויס פון די ברעגן, און אַלע דערטרונקענע דערציילן וועגן זייערע חלומות. קום, וועל איך דיר ווייזן זעקס יאָרצייטליכט ברענען.

גייט אַוועק משה וואַלדמאַן מיט דער וואָר. אפשר אָנצינדן אַ פלאַם. ווייל סוף־כל־סוף, איז דער דאָרן נישט געוואָרן פאַרברענט, ווי אין יענער וווּנדערלעכער משה־לעגענדע אין מידבר. עס זענען נאָך פאַרבליבן די היטערס פון גאָטס הויז. פון מענטשס הויז. אויף גאַסן, אויף באַריקאַדעס וואַרט מען נאָך אויף אַ רוף. אַ רוף צו נייע הייכן. דערפאַר: „דו מאַן פון אַלטן שטאַם, / גיי אַרויס אין די טונקעלע נעכט / און צינד אָן אַ ליכטיקן פלאַם".

איך וואָלט געזאָגט: אין וואַלדמאַנס ליד נישטאָ קיין זיסע ניגונים. ער האָט אַריינגעזונגען אין די יידישע אותיות אַ קרעכץ און אַ געשריי פון אונדזער דור, מיט פולן בטחון: עס וועט נאָך ליכטיקער ווערן. עס וועט נאָך געשריבן ווערן אַ נייער קאַפּיטל פון ספר־היצירה. מ׳וועט נאָך שלייפן נייע ווערטן. דער יהי אור וועט פון דאָס ניי פאַרלויכטן די וועלט.

אַלץ שטייט אים פאַר די אויגן, פאַר די אויגן פון זיין האַרץ, אויב אַפילו ער איז אַוועק אויפקלייבן קערנער פון אַלע ווייטן. אַ לעבן — צווישן יידישן חלום און שטעכיקע דראָטן. און אויך צווישן שטעכיקע דראָטן — דיכטערישע פליגל. אייגענע פליגל. אַ דראַנג הייבן זיך צו הייכן. פאַמעלעך. לאַנגזאַם, אָדער אפשר מיטן ווינט, מיטן שטורעם. אָנגעוואָרן אויף וועגן אַזוי פיל האָב־און־גוטס, דאַרף מען אויפקלייבן די קערנער און אַרויסגיין צום נייעם וווּנדער פון לעבן און אויפשטייג.

אַן אָפּטער גאַסט אין ירושלים. אַן אָפּטער גאַסט צו שירה, צו ירושלימער פאַרנאַכטן. „דער הימל קוקט אַראָפּ / חלומדיק פאַרטראַכט / אין בלויער בענקשאַפט / די תּפילות צו הערן".

אַ לויב צו ירושלים — ווי אַ נייער וועג אין זיין לעבן. אַ לויב צו דער נייער מרכבה, אויף איר רייט אַריין דער דיכטער צו אַ נייער היים. דער לעצטער שׂכר פון אַ נע־ונדניק. דער לעצטער לוין. ער בליקט דורך די קראַטעס, ער קוקט דורך די פענצטער. דער לעצטער שׂכר פון אַ יידישן ליריקער.

ה י ר ש אַ ש ע ר אָ ו ו י ט ש — אַן עפּיקער און דיכטער.

„ווייל אַלץ וואָס האָסט אַ לעבן לאַנג געטראַכט / איז נאָר אַ צוגרייטונג — / וואָס זוכסטו אַלץ נאָר אייביקייטן צו פאַרשטיין ? / פאַרשטיי די צוגרייטונג". /

„אַט דער דערהויבענער זאָג וואָס איז אי טיף פעסימיסטיש, אי טיף אָפּטי־מיסטיש אין איין און דער זעלבער צייט, גיט אויס פאַר אונדז אַשעראָוויטשעס קול אויף די גרענעצלאָז באַגרענעצטע, צי באַגרענעצט גרענעצלאָזע פאַטענצן

פון מענטשלעכן שׂכל עליון אַפילו. אָבער דאָ איז נאָך זייער וויכטיק די אין אונטערטעקסט באַהאַלטענע לירישע אינטאָנאַציע. מיר הערן פון איר אַרויס אויך עטישן פּאַטאָס, וועלכער דערמאָנט אין דעם עמאַציאָנעלן רייכן אינהאַלט, וואָס די מוסרניקעס האָבן אַריינגעלייגט אין באַגריף צ ו ג ר י י ט ו נ ג — די מוסרניקעס ביי וועלכע דענקען איז אידענטיש מיט הייליקער עבודה" (יעקב שטערנבערג).

דער דגש וואָס מיר שטעלן אויף הירש אָשעראָוויטשעס ליריק: עטישער פּאַטאָס. דער מוסרניק האָט באַזירט זיין לערע אַז יעדער איינער מענטש איז אַ סך מער ווי בלויז אַ מענטש און דעם מענטשנס כּבוד איז גאָטס כּבוד. די ייִדישע עטיק האָט געלייגט דער עיקר אַכט אויף בין־אָדם־לחברו. הירש אָשעראָוויטשעס ליד האָט געבויט שירה וואָס איר יסוד איז: בין אָדם־לחברו. יעדע נשמה־וויבראַציע פון מענטש קומט אַרויס פון גוטס אָדער פון שלעכטס. און ניט בלויז דאָס. נאָר אויך אַלע זיינע באַציִונגען מיטן צווייטן וואָרצלען אין זיין אינערלעכער ספערע. יעדער עטישער תּיקון שטעקט אין תּיקון המידות. יע, הירש אָשעראָוויטש באַפרייט זיך ניט פון דער מוסר־שיטה אין זיין ליד.

אַ דיכטער מיט מחשבה: גרויס איז דער געדאַנק נאָר גרעסער נאָך דאָס קענען דענקען. קענען דענקען איז אַ גרויסע מעלה. דער עיקר פאַר אַ ליריקער וואָס זינגט ניט נאָר לשם השתפכות־הנפש, נאָר אויך פאַר דער מחשבה. און אפשר דאַרף מען זוכן אויך אַ מוסר־השׂכּל, ווי אין דובנערס משל.

די ליטווישע מוסר־שיטה — אין הירש אָשעראָוויטשעס ליריק. שטייט דער דיכטער קעגן שפּיגל און פרעגט: — „און דאָס בין איך? / ווו זענען אַלע מיינע שוואַכקייטן אַהינגעקומען? / און אויך אָט דאָס, וואָס כ׳האַלט פאַר מיינע מעלות / איז דאָך ניט צו זען, / און פאָרט בין איך, בין איך עס. // באַפאַלט פאַרדראָס למאי מיין סאַמע יִחוס / איז גאָר אָט דאָס, וואָס ס׳איז במחילה / מיין עגאָס טפּלדיקע הילע".

אין קאָצקערס טיר האָט אָנגעקלאַפּט אַ חסיד. האָט מענדעלע געפרעגט: ווער קלאַפּט? דער ייִד האָט געענטפערט: א י ך. האָט אים מענדעלע געענטפערט: גיי אַהיים און לאָז איבער דיין א י ך, דערנאָך זאָלסטו קומען צו מיר. הירש אָשעראָוויטש זוכט זיין אייגענעם א י ך ווי אַ ליטווישער מוסרניק. דער אונטער־שייד: די ליטווישע מוסרניקעס האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין ספרים. זייער עיקר־תּורה — בעל־פּה. זיי האָבן זייער תּורה איבערגעגעבן אין שמועסן מיט די תּלמידים. הירש אָשעראָוויטש זינגט אויס זיין מוסר־שיטה.

דער ייִדישער דיכטער לעבט אַ סך אין זיין נעכטנוועלט. עס גייט אים נאָך דער מלמד, דער טייטל, דער חדר, די מעשׂיות, די לעגענדעס. די קאַלטע שול ווו מ׳האָט דערציילט מעשׂיות וועגן מתים, ווען מ׳איז געקומען דאַווענען. ס׳האָט זיך אויסגעוועבט אַ בשותּפותדיקע אימה. אָבער זעט אויס אַז דעם דיכטער גייען ניט נאָך די מתים וועלכע זענען געקומען דאַווענען ביי נאַכט, נאָר די מתים וועלכע

האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין שול ביי טאָג. דער דיכטער שענקט זיינע בענקשאַפטן אין ליד, ווער נאָר ס׳קען הערן ליריק מיט מחשבה.

לייענענדיק הירש אָשעראָוויטשעס לידער דאַכט זיך אַז אָט איז אָנגעקומען אויף דער ייִדישער גאַס נאָך אַ וועקער, וועלכער וועקט צום תּיקון־חצות, אויפשטיין צו טיפער אייגענער תּפילה. אַ וועקער וואָס פּויקט ניט, וואָס טרומייטערט ניט, נאָר מיט אַ פּייפּעלע, ווי אַ פּאַסטעך, קומט ער וועקן, מיט אַ דין פּידעלע אונטערן אָרעם. שפּילט ער צאַרט. הירש אָשעראָוויטשעס ליריק זעט מיר אויס ניט ווי אַ רעגן, נאָר ווי אַ טראָפּן טוי. און ווער האָט שוין באַשריבן דעם כּוח פון אַ טראָפּן טוי?

רירנדיקע בענקשאַפטן נאָכן נעכטן, בענקשאַפטן מיט גדאַנקען־פונקען. דאַכט מיר, אַז אין הירש אָשעראָוויטשעס דיכטונג האָט זיך אַריינגעגנבעט דעם בראַצלאַווערס מעשׂיות. נישט צעוויכערט. נישט צעשטורעמט, נאָר ווי געזאָגט: מיט אַ ניגון פון אַ טראָפּן טוי. די טעמע רישעות לאָזט אים ניט אָפּ, ווי דעם מוסרניק, ווי דעם בראַצלאַווער. „דער האַריזאָנט, וואָס נאָר אַ דאַנק זיין דינקייט און זיין ענגקייט האָב איך אים דערקאָנט". דינקייט יע. אָבער ניט ענגקייט.

אַ דיכטער, אַ זוכער. דעם מענטשס רחמנות אויף אים. מ׳דאַרף פאַרמאָגן אַ ליכטיקן שׂכל כּדי נאָכצוקוקן דעם מענטש, דעם ייִד אין דעם גאַנג אויף דער רישעותדיקער פּלאַנעטע. זוך ניט די גרויסע ווייטע וועלטן. זוך ד ײ ן וועלט. האָבן דאָך די מוסרניקעס געזונגען: „דער בעסטער שפּאַציר איז ביי דער אייגענער טיר". אַ דיכטער וואָס גייט אויסהיטן אַ ליכטיק שעפּעלע פון בייזן חלום, פון דעם וואָלף.

טיפזיניקע מיינען זוכן מיר אין הירש אָשעראָוויטשעס ליריק. נישט קיין סתּם חקרן, נאָר אַ משפּחה־קרוב צו אַלע גוטע ליריקערס וועלכע זוכנדיק דעם א י ך געפינען זיי דעם ד ו. „אין איינעם פון די ערגעצוווען וואָס אויף אונדזער ערד, / אונטערן פינטל וואָס ביי דיר זעניט הייסט, / דו שטייסט און גאַפסט — / באַוווּנדערסט אַלץ וואָס אַרום דיר, / דאָך בלייבסט אַ מאמין נאָר א י ן ז י ך. / — — — / ביסט אַלץ נאָך אַזוי איינגעגלייבט אין זיך? / פאַר וואָס פאַלט דיר ניט איין, אַז ניט אומזיסט עס פאַלן שטערן?"

ה ד ס ה ר ו ב י נ ס האַרץ האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט דינען דעם שׂכל. זי האָט פאַרהיט אויך אין שווערע טעג די שיין, די שיין פון ליד. אַלע אונדזערע דיכטערס האָבן געביטן די אַדרעסן. די אַדרעסן זענען געווען צעקריגט. אָנגעקומען פון שטעטל צו דער שטאָט, פון דער שטאָט צו דעם שטעטל, צום דאָרף. אויף יעדן אַדרעס אַן אַנדער לאַנדשאַפט. אַנדערע שכנים. עין־בעין האָט דער דיכטער געזען נייע מענטשן. צו אַלע אַדרעסן האָט ער אַריבערגעשרי׳ען מיט זיין קול. אויך אונדזער דיכטערין הדסה רובין.

איין תּפילה איז געווען: צווישן די געפאַרן זאָל קלעקן כּוח. אַרויסטראָגן ריין דאָס געוויסן, אָן שטרויכלונג „ווי ס׳טראָגט יעגע מאַמע אויף פּלייצעס, אויף דאַרע, דאָס קינד אירס אַרויס, פון צעפלאַקערטע רויכן״. נישט דערבענקטע טרוימען. אין די טרוימען — איר נשמה. אין חלום און ווירקלעכקייט — אין ליד. דאָס בליק שאַרף. דאָס שטאָלצע האַרץ — ווי שטיין.

אַ דיכטערין וועלכע האָט געלעבט אַ שטיק לעבן צווישן קראַטעס. פּילט זי די קראַטעס. מ׳טאָר ניט זיין קיין טרוקענער לינגוויסט ווען דו קומסט אָן צו הדסה רובינס ייִדיש. אַ לשון ווי אַ שטראָם. זאַפטיק. פּאָעטיש. נישטאָ קיין טרוקענער באָדן. אַלץ טובלט זיך אין טוי, אַפילו ווען די דיכטערין ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט איר בענקען.

הדסה רובין געדענקט איר היים. געדענקט איר באָבעשי. די באָבע — ווי אַ סימבאָל. קען נישט שרייבן. קען נישט לייענען. מיט קיין באַן קיין מאָל נישט געפאָרן, געלעבט מיטן מערצעשעם, אָפּגעפּאָרעט אַ לעבן ביים ערדענעם געפּעס, קיין ליבעבריוו פון קיינעם ניט געקריגן, שטיל, אָן טענות, איז זי אַלט געוואָרן. נאָר דער סידור האָט זי באַגלייט. זי האָט אים שטומערהייט אויסגעוויינט. און פון געוויין פון דער באָבען האָט די דיכטערין געלערנט צאָרן.

הדסה רובינס ליריק טריפט מיט צוויי עלעמענטן: ווונדן און פונקען. אַ טראָפּן זון איז אויף איר ווונד געפאַלן. דאָ איר שירה־קוואַל. דאָ איר געשטייגערטער אומרו. איר שוויגן. איר ציטערן. די טיפע אימה פאַר די ווונדן. אָבער דאָך — גלויבן אין די פונקען. דאַכט זיך, נאָך שווערע יאָרן, נאָך קראַטעס — אָן אויסגעלאָשענע האָלעוושקע, אָבער אַ דאַנק אַ טראָפּן זון וואָס איז געפאַלן אויף די ווונדן — פון דאָס ניי אַ ברענענדיקע לאַווע. פון דאָס ניי פּילפּאַרביקע געוויקסן. אַ טראָפּן זון אויף ווונדן ווערט דערהייבן צו שירה, שירה וואָס דאַנקט פאַרן קיום.

אַ דיכטערין — פאַרמאָגט איר דו. און בענקשאַפטן נאָכן ד ו. ס׳איז דאָ קיינער נישטאָ, נאָר דו. דיכטונג איז אַן אויטאָביאָגראַפישער פאַרמעסט. און דערפאַר איז אַ ליד נישט נאָר נסיון פון טעג און יאָרן, נישט נאָר חכמה, נאָר אויך קרעאַטיווער געפיל. עס שניידן זיך אַריין אין הדסה רובינס ליד מאָטיוון פון געראנגל פאַר אַ טאָג לעבן, מאָטיוון פון ליבע. ליבעלידער צעבליטע אין אָוונטגרויקייט. ליבעלידער פון נאָגעניש. דורכגעלעבט פון דאָס ניי דעם פאַרגאַנגענעם טאָג. דורכגעלעבט פון דאָס ניי אין פּאָעטיש גאָלד פאַרגאַנגענע יאָרן. ליבעלידער, כּדי צו פילן אַז דו ביסט ניט איינזאַם אויף דער וועלט. דער ד ו איז אַ שאַפונגסקראַפט.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי זינגט: כ׳האָב ליב אין ליד די פּראָזאַישע שורה. אויך די פּראָזאַישע שורה ביי הדסה רובין איז פּאָעטיש גאָלד. אַ שורה אין אַ ליד: „בענק אויס אַלע בענקשאַפטן באָרוועסערהייט״. „זאָל קיינער נישט וויסן, ווי ביטער, ווי ביטער סע איז פאַר די ליפּן געגנבֿעטע פרייד״. זאָל זיין געגנבֿעטע

פרייד — אָבער פרייד זאָל זיין. פרייד באַשריבן מיט לידער. ווייל דאָס ליד איז דער סך־הכל פון די קראַטעס, פון אַלע פּיינען. איז אויך דער ריטעם אַזאַ: ריטעם פון קראַטעס און פּיין און געגנבעטע פרייד.

נישט קיין שלווה־לידער. דאָס ליד האָט אַ צוועק: מיט דיין אומרו באַאומרויִקן אויך דעם לייענער. אויב אַפילו אין איר וואַלד הענגט הויך דאָס שווייגן, און אַ בלאַט צאַפּלט זיך, גיט די דיכטערין צו שטייער דעם בלעטערפאַל — איר אומרויִק ליד. מיט באָרוועסע פּיס אויף שטעכיקע שטיינער. אין פאַראייניזאַמטן גאַנג בענקשאַפטן נאָכן צוותא. נאָכן ציבור. ווייל דער גאַנג איז נייטיק.

הדסה רובין אין איר צערפּולן גאַנג ווינקט פון דאָס ניי צו אַ צווייג, צו אַ בלום, צו אַ גאָרטן, און גלייבן גלייבט זי אַז קנאָספּן פאַרבינדן זיך פון דאָס ניי און ס׳קומט אָן אַ בליִונג אויף דער וועלט. לידער פון פרילינגדיקן האַרבסט, מיט גלייבן אויפן מאָרגן.

אין ר ב ק ה ב אַ ס מ אַ נ ס ליריק ווייִנט דער זונפאַרגאַנג. פאַרקלעמטער צער. דאָס וואָרט איז פאַרזיגלט אין גורלדיקן טראַגישן גאַנג פון אונדזער דור. דאָס לאַנד — באַקאַנט. ד אָ ר ט. ד אָ ר ט ווו יידיש לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן. ד אָ ר ט — ווו די דיכטערין וויל אָנצינדן אַ ליכט פון ס׳ניי. אַזאַ ליכט קען מען נאָר אָנצינדן מיט ליריק.

וואָר און חלום. וואָר און דמיון. מ׳קען קיין גרענעץ ניט שטעלן, ווו הייבט זיך אָן וואָר און ווו ענדיקט זיך דער חלום. ווו הייבט זיך אָן שיכחה און ווו רייסט זיך אַרויס דער זכּרון פון גריבער. נאַכט און טאָג אויסגעמישט. זעלטן ווייסט מען — ווער ס׳איז ווער... „דורות קוקן שטילערהייט אַריין אין מיינע שויבן. / ווען די זון איז שוין ניטאָ, / און אין צימערל איז גראָ, — / שוועבן זיי ווי טויבן״.

דאָרט ווו דורות מישן זיך אַריין מוז דאָס ליד זיין אָנגעלאָדן מיט מחשבה. מיט רעיון. דורות האָבן אַזאַ נאַטור: זיי וועקן אויף דעם ז כּ ר ו ן. דער זכּרון פאַרמאָגט גורל. אומקום. גאָט און טויט. זכּרון וועקט אויך דעם דראַנג דערקענען זיך אַליין, דערקענען דעם סוביעקטיוון א י ך. ווייל דאָס לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר. דאָס לעבן האָט ניט פאַרמאָגט קיין גרונטגעזעצן: לעב אַ ז ו י, וועסטו בלייבן לעבן, לעבסטו אַנדערש — קומסטו אום. אַ לעבן אָן גרונטגעזעצן אין די יונגע יאָרן קען ניט אויסמייסטערן סתּם שפּילכעלעך.

אַ דיכטערין קניט ביי דעם שייטער. אין דעם גרויסן פּלאָנטער פון זכרונות ווערט געבוירן רבקה באַסמאַנס ליד. אַ רצון: טרינקען פון גאָלדענעם האַרבסט אַ גאָלדענעם טרוים. ווי מאַכט מען עס?

אַ דיכטערין מיט אַ גרונט־אידעע: האַלטן זיך ביים לעבן אויב אַפילו די אָדער יענע כּוחות שרעקן אונטער וואָלקנס. דאָרט — שניי. וויל די ליריקערין באַטרעטן אַ ווייס־ווייסע נאַכט. דאָס קען מען מאַכן נאָר דורך חלום. דורך ליד.

נאָר דורך גלייבן, אַז די פּאַווע קען ניט שטאַרבן. כאָטש די אויגן זיינען טויט. רבקה באַסמאַנס ליריק האָט צו טאָן מיט אַ זשאַרקעלע פילאָסאָפיע. אויב מ׳קומט אָן צום פילאָסאָפישן קוואַל, דאַרף מען ניט אַריינשפּרינגען גלייך צו שפּינאָזען, צו קאַנטן, גענוג אַ זאָג: „קלייב דאָס ניט דערקליבענע, / דערזע דאָס ניט דער־זונגענע. / נעם אויף פאַר די געבליבענע / און רייד פאַר זיי דאָס ניט דעררעדטע, / און בעט פאַר זיי דאָס ניט געבעטענע, / און די, וואָס היטן פּאַזע וועגן / טריט פון די פאַרזונקענע, — / מיט זיי דערזינג די רעשט פון גרויל / דאָס ניט דער־זונגענע״. אַ מאָל אַן עפּיגראַם — און דו שטייסט אויף דער טעריטאָריע פון אינטעלעקטועלער ליריק. פון סתּם השתּפכות־הנפש, ביז אינטעלעקטועלער ליריק איז אַ מהלך וועג. אויך פּוסטקייט, לאַנגווייליקייט קען אָנקומען צו השתּפכות־הנפש, על־אחת־כּמה־וכּמה ווען דאָס האַרץ איז פול און באָרוועסע טריט גייען נאָך דעם זכרון פון דור און דורות.

יע, לאָמיר ציטירן: „אַ שטערן האָט אויפגעלויכטן אין זכרון, / אַ שטערן וואָס איז לאַנג פאַרגאַנגען, / און איך האָב בלאָנדזשענדיק דורך יאָרן, / זיין צויבערפונק געפאַנגען״. אַ דיכטערין וואָס קאָקעטירט ניט ווען אַ שטערן האָט אויפגעלויכטן אין זכרון. דער שטערן איז מחייב אויספילן די פּוסטקייט, זען דאָס לעבן נענטער, זען אויך דעם טויט נענטער. זען אין צענטער פון לעבן דעם זכרון פון יענעם שטערן, זען ווי דאָס לעבן גנבעט אַוועק פון טויט שטיקער צעלויכטענע טעג. אַרום דעם שטערן פון זכרון דרייט זיך דער גאַנצער סוד פון דער דיכטערין רבקה באַסמאַן. גוט איז וואָס די דיכטערין טאַנצט ניט קיין ברוגז־טאַנץ מיט אַ שטערן וואָס איז לאַנג פאַרגאַנגען.

אַ לירישע דיכטערין ווייס, אַז אַ מענטש נעמט מיט אין וועג „די אָפּגעשפּאָרטע גוטס פון טעג״, אַז אַ מענטש נעמט מיט מיט זיך אין וועג „דעם זונפאַרגאַנג פון אַלע טעג״. סענטימענטאַל? ווער זאָגט עס אַז סענטימענטאַלקייט איז ניט קיין חשובער טייל פון דער כּלל־יצירה, אויב נאָר דאָס ווערט אויסגעזונגען דורך אַ גוטן דיכטער. רבקה באַסמאַן שרייבט לידער צום מענטש. פון מאָל צו מאָל גנבעט זיך אַריין אַ תּפילה צו דעם גבוה מכּל גבהים. אַ תּפילה אָן מליצות. געהאַקט פון איר געמיטפעלדז.

משה נאַדיר האָט געשריבן: „קיין העכערס פון מענטש איז ניטאָ. גאָט איז בלויז אויף אַזוי פיל העכער, אויף וויפל דער מענטש טראָגט אים אויף זיין אַקסל״. אויך רבקה באַסמאַן זאָגט עס אין איר שירה: „קיין העכערס פון מענטש איז ניטאָ״.

אַ ליריקערין ווי רבקה באַסמאַן זעט אין איר דיכטונג ווי עס בייטן זיך אין אַלע שקיעות די פאַרבן, און דערפאַר ווערן מיר אָוונטיק. אָבער דער זכרון נעמט מיט זיך אַלע שקיעות. אַלע שכנים ביי אַלע טירן, אַלע שיפן אויף די ימען. די שליטה פון זכרון. און דער זכרון פירט זי איבער אַלע שליאַכן. ניט רעזיגנירן

— ווי אַ פּאַראָל אין די שורות פון דער דיכטערין. דאָס לעבן איז נישט אויס־געטראַכט. יעדער פאָדעם באַזונדער פון לעבנסקנויל און אַלע פעדעם צוזאַמען אין צענטער פון איר שירה. דאָס לעבן איז אַ רעטעניש — און נאָר דאָס ליד פאַרשטייט די רעטעניש. פאַרשטייט, אָבער קען ניט פּותר לעבן זיין. יאָגט זיך די דיכטערין נאָך פרייד. נאָך פריידיקע טעג, אָבער די דורות וואָס קוקן אַריין אין אירע שויבן שעפּטשען איין אַ סוד: אין צימערל איז גראָ.

משה שולשטיין — אַ טיף סאָציאַלער דיכטער. אַ מענטש אויף באַרי־קאַדעס. אין געראַנגל מיט דער רישעות פון דער וועלט. אָבער שטענדיק געשטעלט אַ לייטער צו דער זון. זיין ליריק האָט זיך געטובלט אין שטורעמס. ער האָט געשלונגען נאַקעט לעבן, ניט לשם צייטפאַרטרייב נאָר לשם קאַמף. די וועלט — ווי אַ חיה מיט גיריקע ציין. ער קען איר פּרצוף. איר פּראָפיל. שאַרף. קאַנטיק. אַ שוידער־פאַנטאָם.

נישט נאָר דיכטער, נאָר אַ פּראָזאַיִקער וואָס לעבט איבער אַלע גרוילן פון דער וועלט און שטייט מיט זיין וואָרט און ליד לעבן די קעמפערס פאַר אַ בעסערער צוקונפט. „איבער די דעכער פון פּאַריז", „אַ רינג אין אַ רינג", ווי זיינע דראַמאַ־טישע פּאָעמעס און לידער, קוקט ער אויס דעם פרישן פרימאָרגן. עס וועט העל ווערן. ס'קען אַנדערש ניט זיין. „דער דיכטער וואָס איז דערגאַנגען צום טיפסטן אָפּגרונט פון פיין און הערט זיין גאַנץ לעבן נישט אויף דורכצומאַכן דעם וועג קיין מיידאַנעק און אָראַדור, האָט אויך וואָס צו זאָגן וועגן אונדזער צייט. משה שולשטיין האָט דורכגעמאַכט אַן אידעאָלאָגישע מעטאַמאָרפאָזע, וואָס איז נישט בלויז אַן ענין פון אויסגעניכטערטן געדאַנק, נאָר איז אַליין פאַר זיך אַ טיפע איבערלעבונג ; אַן איבערלעבונג, וואָס קומט צום אויסדרוק סיי אין זיין פּאָעזיע, סיי אין זיין פּראָזע. אַ דיכטער מיט שטאַרקע עמאָציאָנעלע רעאַקציעס, רעאַגירט ער מיט צאָרן אויף יעדער נייעם פאַרברעכן פון דער דיקטאַטור וואָס ער האָט אַ מאָל פאַרהייליקט און ווייסט היינט, אַז דאָס איז אַ זומפּ פון פאַלשקייט און שקר, פון גיפט און גאַוועך, פון באַשפּייען און באַכראַקען די אייגענע איינגעשטעלטע פּרינציפּן און הייליקע צוזאָגן" (שמעון קאַנץ).

משה שולשטיין איז איינער פון די באַזינגערס פון דער ייִדישער היים וואָס איז חרוב געוואָרן. טאַטע־מאַמע מיט קעפּ פאַרפלאָכטן איינער אין צווייטן שטייען איינגעבויגן איבער דעם וויגעלע פון אַ קינד. ווער וועט זיך דערוועגן אָנצורירן דאָס קינד ? ווען דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן האָט שוין דער היטלעריזם געבושעוועט. אָבער דער דיכטער זעט דאָס בעטעלע פון אַ ייִדיש קינד וואָס ציט פאָרויס, פאָרויס „און ס'לייכט פון ווייט די צוקונפט אים אַנטקעגן, אוי ווער וועט זיך דערוועגן אים אין וועג פאַרהאַלטן ?" אמונה אין דער צוקונפט אויך ווען רישעות בושעוועט אַרום.

נישטאָ קיין סך שׂימחה אין שולשטיינס לידער. נישטאָ קיין יום־טובדיקייט. אָבער זיי פּאַרמאָגן די געשפּאַנטקייט און גרייטקייט צום יום־טוב. לידער פּאַרמאָגן בונט. לידער וואָס ווילן זען די צוקונפט פון מענטשישן אויפשטייג. לידער וואָס זענען צעווייטיקטע נשמות וועלכע ווילן אויפהייבן די פאָן פון פרייד. משה שולשטיין קומט אָן צום אהל־פּרץ און גייט מיט אים צוריק צו דעם אַלטן דור. ער גייט מיט אים צו צעגלאַנע, צו דעם פּאַרצויבערטן פּאַלאַץ ווו ס'איז געשטאַנען פּרצעס היים. די צייט האָט געפּאַכעט מיט נאָהייקעס, אָבער פּרצעס ניגון איז פּאַרבליבן טיף אין שולשטיינס וואָרט. דורך דער פּגישה מיט פּרצן זעט ער פון דאָס ניי אַלע העלדן וועלכע האָבן געשפּייזט די יידישע ליטעראַטור און יידיש לעבן. ער זעט דעם נעמיראָווער מיט זיין האַק וועלכער ברענגט אַ בינטל האָלץ פון וואַלד פאַר דער אַלמנה. אין רישעות פון דער וועלט איז דער נעמיראָווער דער חן און חסד פון דער וועלט. „איך האָב פאַר דעם קלינגען אין וואָגל דורך צייטן / געטראָגן אין האַרצן מיין ליבשאַפט און דאַנק, / ווייל ווי קאָן דען זיין פון צעשמעטערטע קייטן / צעריסן אויף הענט — נאָך אַ שיינער געזאַנג ?״

אַהער, צום אהל־פּרץ, זענען געקומען די לעצטע געטאָ־קעמפּפערס. אויך שולשטיין איז געקומען צום אהל־פּרץ כדי צו מאַכן אַ חשבון־הנפש מיטן דור, און זיין ליד איז איינגעשפּאַנט אין דעם חשבון־הנפש. אונדזער חשבון־הנפש איז: „מיר האָבן דיין נאָמען פאַר דורות געראַטעוועט, / מיר האָבן אַ פאַלק פון דער בושה באַפרייט, / מיר האָבן די אייזערנע קייטן צעשמעטערט — / צו טראָגן אויף אייביק די גאָלדענע קייט״.

משה שולשטיינס ליד איז אַ חותם פון דער צייט. אַ חותם פון אונדזערע טעג. מיט פולן גלויבן : „עס גייט פון דער ערד אַ געזאַנג צו דער זאַנג״.

מ ש ה   י ו נ ג מ אַ ן געהערט צו די ליריקערס, וואָס האָבן אַריינגענומען אין זיך אַ יידישע וועלט מיט אַלע כמאַרעס און אַלע רעגן־בויגנס. יעדן טאָג פאַרשרייבט דער היסטאָריקער, צי זיין נאָמען איז יאָסעפוס פלאַוויוס, צי אַן אַנדערער, די מלחמות פון די יידן. יעדן טאָג שטייט אַ מלאך און זאָגט קינות איבער זיין ליד.

אַ דיכטער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ער הערט די טרומייטערס פון רוימער, וועלכע צערייסן יעדן טאָג דעם יידישן הימל, וועלכע לעשן אויס אונדזער ליכט. אין אַלע היילן, ווו עס זענען פאַרגעקומען יידישע קאַמפן, אין אַלע דורות געפינט זיך זיין ליד. די יידישע פּרינצעסין בערעניקאַ ווערט דערמאָנט אין זיין ליד. ער בלעטערט די בלעטלעך פון יודפת. אַלע כראָניקעס פון די דורות קומען אָן צו אים און פאַרוואַנדלען זיך אין ליד. אין מעשׂה. ער וועבט דעם פאָדעם פון יידישן נצח. פון די גבורה־געזאַנגען, פון דעם געראַנגל פון ייִד מיט דער וועלט שעפּט דער דיכטער זיין כּוח. פון יידישער ערד שעפּט ער ניי ליכט. געדענקט דער דיכטער דעם חדר ווו ער האָט געלערנט, אַלע שטעגן און וועגן פון ירושלים.

דעם גמרא־ניגון און דעם ניגון פון קמץ אַלף אָ, האָט ער מיטגענומען אויף זיינע ליכטיקע דיכטערישע וועגן.

לייענסט יונגמאַנען און דו פאַרגעסט אָפט אַז דו לעבסט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זיינע באַגלייטערס: דוד און הורדוס און אַנדערע. ירושלים וועקט אויף פייגל אין זיין האַרץ. אַלץ ווערט גרין ווען דער דיכטער דערמאָנט דאָס וואָרט: ירושלים. אַ שטאָט פון גאָלד. פון ייִדישער בענקשאַפט. דאָ דער־פילט ער דעם כּוח פון דער ייִדישער תּפילה: ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים. דאָ דערפילט ער דעם כּוח פון זיין טאַטנס תּיקון חצות ביי אַ ליכטל. נאָר אין ירושלים שיידט זיך אָפּ דער דיכטער פון וואָכעדיקייט. „אַ לאַנד / ניט נאָר פון מילך און האָניק, / נאָר אויך פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען / מיין לאַנד”. הינטערן וואָרט זוכט יונגמאַן דעם מענטש. ווי ה. לייוויק אין די „אָפּענע הימלען”, אַזוי משה יונגמאַן: די זון אין מענטש. דאָס וואָרט וואָס גיט אַ זינען דער וועלט. אַזעלכע פּשוטע ווערטער: מאַמע, היים — פאַרנעמען דעם גאַנצן שטח פון זיין ליד.

אַ דיכטער וועלכער האָט בגוואַלד געוואָלט זען די כּמאַרעס, כּדי ווייטער בויען די שטערן. און אָנקניפּן אַ טאָג אָן אַ טאָג, אַ מאָרגן צו אַ מאָרגן, כּדי פאַרזיכערן המשך. דער אָנהאַלט פון דיכטער: זיין אַלטע היים און דאָס נייע היים. ערגעץ ווו מוז מען דאָך האָבן אַן אָנהאַלט. אַפילו ווען ער קומט אין מאה שערים, וויקלט ער זיך איין אין זייער קאַפּטן און קלייבט אויף אַ בינטל שטערן. ער האָט ליב פלאַקערדיקע פּנימער פון ייִדן, ווו נאָר זיי האָבן ניט געשטעלט זייערע ביידלעך. די קליינע קינדער פון מאה שערים — ווערן זיינע קינדער. די קליינע שוועסטערלעך — זיינע שוועסטערלעך, שוועסטערלעך מיט ווייסע זאָקן רבישע, מיט שוואַרצע צעפּלעך און ברייטע יופּקעלעך... אפשר פון די שמאָלע געסלעך וועט אָנקומען די בשׂורה פון משיח. אפשר.

נישט נאָר אין די דורות לעבט דער דיכטער משה יונגמאַן, נאָר אויך אין זיין קאָנקרעטער היים. דאָ לעבט ער מיט בטחון וואָס שטאַמט נאָך פון פאַלשן משיח פון קורדיסטאַן דוד אַלרואי. צוקאָפּנס דער מלאך, צופוסנס דער ירדן — קען נאָך זיין אַ זיכערער פּלאַץ פאַר אַ ייִדישן דיכטער?

זיין קאָנקרעטע היים איז צוגעדעקט מיט אַ בלאָען הימל. אויף אַזאַ הימל קען מען פון דאָס ניי אָנהייבן שרייבן לידער. „פרילינג — ניט פרילינג, / אַלץ איז געווענדט / אָן דעם / וואָס דו טראָגסט אין זיך”. איינגעטובלט מיט רמ״ח און שס״ה אין ייִדישקייט. אין ייִדישן וואָרט. אין ייִדישן פּחד און אין ייִדישן צאַפּל. קליינע ייִדעלעך זיצן אין אים. זיי טרינקען צוזאַמען לחיים. גאָלדענע ייִדעלעך — באַריקאַדעס פון זיך אַליין. זיי גייען צוזאַמען: איינבנעמען די וועלט, אַרויסכּישופן די לבנה, אָנצינדן די שטערן און צושטעלן ברענשטאָף אַלע ייִדישע טעג, אויף אַלע שליאַכן.

נאָענט איז אים דער תּנ״ך, די וווּנדערלעכע בלעטער פון ייִדישן אַלטן קיום.

נאָענט איז אים יהואש וועלכער האָט באַהאַלטן אין תּנ״ך אויף ייִדיש אַלע בלאָע וווּנדער־פֿייגל. אָט גייט ער מיט דער מאַמע רחל, אָט קומט ער אָן צו כּיבוש כּנען, אָט גייט ער מיט זיין באָבע, מיט זיין מאַמע וועלכע האָבן תּפֿילהדיק געבלעטערט דעם תּנ״ך, אָט קומט אים אָן ישעיה אַנטקעגן אין באַגלייטונג פֿון יחזקאלן, אָט קומט אָן שולמית פֿון שיר־השירים און אַלע ריידן מיטן דיכטער ייִדיש, ווייל שולמית איז דאָך דאָס טעכטערל פֿון שכן, מיטן שנירל קרעלן אויפֿן האַלדז, מיט די שוואַרצע שטיפֿערישע אויגן.

אַ דיכטער וואָס חלומט פֿון ווייסע טויבן: „שפּיגל זיך אין אַ ווינטשפּינגערל, / טו אַריינכּישופֿן אַלע גוידערדיקע מומעס / אין אַ שטייג, זיי צו ווייזן ווער איך בין״.

מיטן רעגן־בויגן צוקאָפּנס איז אַוועק יונגמאַן אין זיין ליד באַזינגן אַלע כמאַרעס. ער איז אַוועק אַהין ווו קיין פּחד איז נישטאָ. כמאַרעס האָבן קיין שליטה ניט אויף אים, ניט אויפֿן ייִד וועלכער לעבט טיף אין זיין האַרץ און נשמה. ווי דער סאַלאַנטער, אַזוי יונגמאַן: „מיין קליינע הייזקע / איז פֿאַר מיר שטענדיק געווען די גרעסטע״. זיין הייזקע איז געשטאַנען מיט אָפֿענע טיר־און־פֿענצטער צו דער וועלט. צו דער ייִדישער וועלט. די הימלען פֿון זיין היים כּעלעם זענען געווען און פֿאַרבליבן זיינע הימלען. די נאָענטסטע פֿון אַלע הימלען אויף דער וועלט. ער וויל זיי ווייטער אונטערלייגן אונטער די שורות פֿון זיין ליד.

די ישׂראל־לידער — טיפֿע ליריק. מיט די קליינע טריט פֿון אַ קינד נעמט ער אַרום ישׂראל. ער כאַפּט אַ שטיקל הימל אין האַנט, ברוזדעס ערד און אַ מענטש מיט אַ פּיאָזש עפּנט פֿאַרטריקנט ערד. מיט תּפֿילה ממש פֿאַלט צו זיין ליד צו אונדזערע הייזער, געבוירענע אויף צו ברענגען גליק דער וועלט.

ווי ער זעט כּעלעם של־מטה און כּעלעם של־מעלה, אַזוי זעט ער צפֿת דלמטה און צפֿת דלמעלה. ער זעט דעם טלית־זעקל דאָרט און דעם טלית־זעקל אין צפֿת. איין טלית־זעקל פֿון אַ ייִד. דער מנין ווערטער פֿון שמש אין כּעלעם און דער מנין ווערטער פֿון שמש אין צפֿת בויען זיין ליד. אין דעם מנין אויך זיין וואָרט. מיט אַ ניגון לעבן דער גמרא האָט זיך אַ ייִד פֿאַרשיכּורט דאָרט, מיטן וואַסער און ניט נאָר מיט ווין ווערט פֿאַרשיכּורט אַ ייִד אין צפֿת. דאָרטן האָבן ייִדן געחלומט פֿון משיחן, אַזוי אויך דאָ אין צפֿת חלומען ייִדן פֿון דה־לה־ריינה. אַלע ייִדן אונטער פֿאָרכטיקע טליתים — דאָ און דאָרט. נישטאָ קיין מחיצה. אומעטום אויף דער גאָרער וועלט זענען ייִדן אויפֿגעשטאַנען צו תּיקון־חצות, אויך דאָ אין צפֿת וואַרט מען אויפֿן אר״י, די ווונדערלעכע מיסטישע געשטאַלט, זי זאָל זיך אַנטפּלעקן פֿון דאָס ניי. דער ייִד אָן דעם אר״י קען ניט לעבן. „איך בין דה־לה־ריינה, / איך בין דער אר״י, / איך בין שלמה אלקבץ / וואָס קלאַפּט אויס גאָלדענע אותיות / ביי נאַכט. / פֿון אַלע ליקלעך / קלייב איך אויף די

געזאַנגען / און לייג זיי אַוועק שיכורע / צו כּביכולס פּיס. / ביי נאַכט קוש איך די פּיס פון כּביכול״.

אַ סך לידער אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועגן אונדזערע מאַמעס. משה יונגמאַן זינגט אַ סך לידער צו זיין טאַטן, צו זיינע פּרנסות. אַ טאַטע, וואָס זיין בריק איז געווען פון פּאַפּיר. האָט ער געפירט דעם קליינעם משה דורך זיין ווייסקייט. ברויט ניט געווען, פלעגט דער טאַטע אונטעררוקן דעם ייִנגעלע פּאַפּיר, ער זאָל אויספּיקן זיינע אותיות וואָס האָבן געדאַרפט פאַרענטפערן אַלץ, אַפילו זיין טויט. משה יונגמאַן טראָגט די ירושה פון זיין טאַטן, וועלכער האָט אים געלערנט ווי אַראָפּצושאַרן פון די הימלען אַ בינטל שטערן. ווו נאָר דער טאַטע האָט ניט פאַרוואָגלט, איז ער אָנגעקומען צוריק צום חומש. מיט אים — משה יונגמאַן — אַ געבענטשטער ליריקער.

מ א י ר ח ר ץ — אַ ליריקער, ביי וועלכן אַלע לידער זענען באַהאָנגען מיט בילדער. אַ ליריקער — אַ מעשה־דערציילער. קומט ער אָן צו נאַטור־שילדערונגען, הערט אייער אויער אַ מעשה. און אַלע מעשיות, ווי אַלע לידער, האָבן פליגל וועלכע קרייזן אַרום קונציק אַרום אַלע שורות פון ליד.

מאיר חרץ דערמאָנט אָפט מענדעלע קאָצקערס זאָג: דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן כּדי העכער מאַכן די הימלען. ער זוכט דורך די וואָלקנס דעם הימל — אפשר קען מען אים העכער מאַכן. ער זוכט אויך געשטאַלטן. פּנימער. ער זוכט די יונגע פּאָרלעך אין די פּאַרקן, ער זוכט די טויבן וועלכע וואָרקען אויף די דעכער, ער זוכט די קינדער אין די שולן, ווייל אַלץ געהערט צום טאָג. צום לעבן. און אַלץ וואָס פאַרמאָגט אַ פונק פון לעבן איז אים ניט פרעמד. ער אַליין איז זיך מודה אַז ער האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ צווישן צדיקים און רשעים און די הויפּט־שאלה וואָס עקבערט: פאַר וואָס איז גאָט פאַרשוווּנדן פון דעם הימל, און דערפאַר קען מען ניט אונטערשיידן צווישן מאַסקעס ביז געזיכטער, און דער מאַסקעס־קאַראַהאָד ווערט גרעסער. זעט ניט דער דיכטער געזיכטער, נאָר מאַסקעס, ווערט אומעטיק דאָס וואָרט. פאַרקריכט דאָס וואָרט אין די וואָלקנס. ווערט אַלץ גרוי. לעגענדעס שטאַרבן אָפּ. קומט אָן דער פּחד פון טויט, און דאַכטן דאַכט זיך אים: ער עסט דאָס לעצטע ברויט. ער חלומט דעם לעצטן חלום, ער גיט אָפּ דאָס ליכט און די פאַרבן, דאָס געל און דאָס גרין און דאָס רויט. דאַכט זיך דעם דיכטער: אַז זיין גרוב שטייט שוין גרייט צעעפנט און אַ קאַסטן איז אויך שוין געקויפט.

און דאָך: אַ דראַנג צום לעבן. אַ ווילן צו זען ליכט. שטערן. ער היט אויס אַפילו דעם שאָטן אויף דער וואַנט, אַ שאָטן וואָס ווען ער איז אַן אויפגעוועקטער, טרעט ער ניט אָפּ פון דיכטער און ער היט אים אויס. דער גורל שלעפּט דעם דיכטער העכער, העכער. אַ שטענדיקער פּחד: טאָמער, חלילה, שטייגנדיק אויף

די טרעפ וועט דער גורל ווערן אַנטשלאָפן. וואָס וועט דאַן בלייבן פון דיכטער? וואָס וועט דאַן בלייבן פון זיין ליד?

דער באַרימטער משלים־דיכטער שטיינבאַרג האָט אַ מאָל געשריבן אין אַ ליד אַז דעם חלום קען מען ניט פאָטאָגראַפירן. ער בלייבט שטענדיק אין דיר און אין דרויסן. ער האָט זיין אייגענעם פלאַץ אין תחום פון מענטשלעכן לעבן.

לייענענדיק חרצן דאַכט זיך אַז אַפילו דעם חלום וויל ער אָפּפאָטאָגראַפירן. דאַכט זיך אים, אַז אויב ער וועט מצליח זיין, וועט ז י י ן חלום בלייבן לדורי דורות. מאיר חרץ איז זיך מודה ומתוודה אַז ער איז ניט קיין חסיד פונעם עתיד, און ער דינט ניט צו דעם געץ פון אונדזער קץ. ער ווייס: פאַקלען צינדן זיך אָן, לעשן זיך אויס און אין די ווייטן יאָגט מען זיך נאָך גליקן. אָבער די צייט האָט איר דורכגעמאַכטן וועג, און דערפאַר איז ער ניט קיין חסיד פון עתיד. ניין, דאָס איז נישט ייִאוש. דער דראַנג אָניאָגן די ווייטן ווערט ניט קלענער. די ווירקלעכקייט נאַרט. זי נאַרט דעם דערוואַקסענעם און די קינדער.

מאיר חרץ לעבט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. פאַרליבט אין משה לייב דעם ריטער פון גראָבע רייד, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט מיט בליק אַלע וועלטן, וועלכער האָט פון זיין ירושה צעטיילט צווישן אַ סך דיכטערס. פאַרליבט אין לייוויקן, אַ נשמה פון אַ דראַמאַטורג און אַ דיכטער וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין די שטורעמס, און די נאַכט האָט זיך מיט אים געמאַטערט, אַ דיכטער וועלכער האָט אויסגעפּאַשעט אויף זיינע לאָנקעס טראַגישע זעונגען, און זיין קול איז שטיל געשטיגן אין די הייכן. פאַרליבט אין איציק מאַנגערן, דער זינגער וועלכער איז געוואָרן זיין ווייטער לערער. דער זינגער פון ברויט און פון ווייַן, דער וועלכער האָט געזונגען פאַר גאָט און פאַר לייט, דער זינגער פון שטערן און ווייַן. פאַרליבט אין אליעזר שטיינבאַרג. ער, מאיר חרץ, האָט אויפגעקליבן די שטריכן פון זיין פנים. ער נעמט זיין פאַק משלים אין די הענט און איז זיך מיטן פאַק מחייה. ביים פאַק משלים הערט ער ווי עס זינגען זיינע גלידער מיט אַ מאָדנעם שטיינ־באַרגישן קול.

אויף חרובע פוילישע וועגן זענען ייִדן ניט מקדש מער די לבנה; פּרצעס קינדער חלומען מער ניט חלומות אין ליכט פון דער בלאַסער לבנה; באָנטשע שווייג האָט ניט געקריגן זיין בולקע מיט פוטער, נאָר אַ קויל אין קאָפּ.

זינגט שפרה ווערבער: „די וועלט איז גרויס / און ער? — אַ לעמל קליין. / שענק דיין רחמים אים / און לאָז אים ניט אַליין. / זע דעם ציטער אויף זיין וואָל, פאַרנעם זיין בעטנדיקן ,מע׳ אין קול״.

אַ דיכטערין מיט אַ סך שאלות. מיט אַ סך פאַרוואָסן? „בליצן האָסטו אָנגע־יאָגט / און באַלד אַ רעגן גאָס, / מיין שעפעלע האָסטו פאַריאָגט, / פאַר וואָס? פאַר וואָס?״ שפרה ווערבערס ליד איז ערלעך. ערלעך מיט זיך, מיט איר וואָרט, נשמה,

נאַקעט, האַרציק, אַ ניגון וועלכער נאָגט ווי אַ שטילע תּפילה. שפרה ווערבערס ווייסע טויב פון אירע קינדער־טרוימען וואָרקעט מיט אומעט. אין די דינסטע ניואַנסן פון איר ליד — אומעט. אָבער דאָך, ווי דאָס רוב יידישע ליריקערס — ניט פאַרלאָרן דעם בטחון. אין נעפּלען טויכט אויף דער באַגינען. דערפאַר אַזעלכע שיינע שורות: „וואָס טאָן מיט מיין גורל? / ער האָט זיך מיט טרויער גענערט, / נאָר טיף אין מיין טרויער, / ווי אויף דנאָען פון ים, / האָבן זיך פּערל געמערט".

גייען ווייטער די ווונדיקע טריט נאָכן חורבן זוכן פּערל. ווען נאַכט בייסט זיך אַריין טיף אין דער נשמה, הערט איר אַן אימפּעראַטיוו פון דער דיכטערין צו איר גורל, צו איר אומעט: „שלחני, כּי עלה השחר". ווייל גלייבן גלייבט די דיכטערין, „כּי עלה השחר". עס קען אַנדערש ניט זיין ווייל דאָס ליד צו ישׂראל־ערד איז געוואָרן ממשותדיק, רעאַל. מער ווי גלייבן. מער ווי אמונה. טאָג־טעג־לעכער ברויט פון לעבעדיקע מענטשן, יגיע־כּפּיימניקעס, וועלכע האָבן מורד געווען אין יידישן טראַגישן גורל און זיך קעגנגעשטעלט קעגן כאַאָס, קעגן וועלטס משוגעת.

גוטע ליריק איז אַ מטבע פון צוויי זייטן: צער און פרייד, ווייי פון אמונה, נאַכטפלוס מיט חיימדיקע קוואַלן. אַזאַ דאָס ליד פון שפרה ווערבער.

„געוויסן — ער, יוסף קערלער, קאָן זיך נישט פאַרגעבן, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט דאָס פאַרבלענדעניש פון דער עבודה־זרה, קען נישט פאַרגעסן אַז דאָס פאָלק וואָס איז געגאַנגען קעמפן פאַר זיין היימלאַנד האָט אויך געקעמפט פאַרן אַכזריותדיקן רעזשים, און ער זאָגט: 'האָסטו געראַנגלט זיך, ברודער, פאַר פרייהייט / און געקניט האָסטו פאָרט ווי אַ קנעכט'. נאָך שאַרפער: 'כאָטש געפאַלן ביסטו פאַר דיין היימלאַנד / נאָר געבוקט האָסטו זיך צו אַ געץ'. געבוקט האָבן זיך פאַרן געץ שרייבערס פון אַלע פעלקער, אָבער פאַרן הייסינער שוחטס איניקל איז עס אין לשון פון זיין זיידן: 'דער טריפענער געץ' און עס איז וייט נישט דער איינציקער עפּיטעט און די איינציקע דעפיניציע, וואָס שטאַמט פון אַלטע היימישע קוואַלן" (דב סדן).

דער דיכטער איז ניט מוחל זיך אַליין. אַז מען אַקערט דורך אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, זעט מען דאָס געזאַנג צווישן צוויי. אַ לעבן, אין וועלכן ס'ברומט די קלאָג. שווער צו פאַרגעסן אַ וועג פון אַזוי פיל צער און יסורים. אָט שטייט ער פאַר ביטערע פאַקטן פון זיין „היימלאַנד": זיין יידיש לשון ווערט אויסגעלאָשן און דער כאַם שפּאַרט פון אומעטום. יידל מיטן פידל וויינט און קלאָגט און ברומט. בענקענישן נאָכן ירדן.

איבער קאַלטע פרעמדע וועלטן האָט יוסף קערלער געוואָגלט. מיט אַ צעבראָכן האַרץ קומט ער אָן צו זיין ליד. און דאָס ליד אַן אויסגעווייטיקטע קומט אָן צווישן

די ציין מיט אַ סך רוגזה. מיט אַ סך פֿאַרדראָס. אַ זינדיק לעבן קען ער געבן די טעג פֿון עתיד. זיין טרער, זיין קינדיש וויינען.

געגלייבט האָט דער דיכטער, ווי דוד האָפּשטיין האָט געזונגען: „ס׳איז הייס דאָס האַרץ, עס טרייבט דאָס בלוט, / עס גליט פֿון וויי, עס בליט פֿון מוט, / און וויי און מוט איצט קען איך ניט צעטיילן". קען אויך יוסף קערלער ניט צעטיילן וויי און מוט. אָבער מוט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן — אין וויי.

אָנגעהויבן מיט רעוואָלוציאָנערער ליריק און פֿלוצלינג דערזען: ס׳ווערט אַלץ אָנטשוויגן. הינטער די פֿלייצעס ליגן שלאַכטפֿעלדער און שווערע קברים. נאָר באַשענקט איז דער דיכטער געוואָרן מיט דעם פּיין פֿון זיין געוויסן. צווישן בליץ און צווישן חושך, איבער גיהנמדיקע טיפֿן שפּרייזט אַרום זיין ליד. אַ ניגון נאָך אַ ניגון קומט אָן, קומט אָן בטחון: „אויף די כוואַליעס פֿון דער פֿרייהייט, טראָגט זיך שוין אויף ס׳ביי מיין שיפֿל".

פֿאַרליבט אין ייִדיש, אין מאַמע־לשון. געמיינט אָט אָט און עס ווערט פֿאַרלאָשן דאָס ייִדישע פֿלעמל. מ׳האָט פֿאַרברענט די ספֿרים, מ׳האָט אויסגעריסן די צונג, מ׳האָט פֿאַרשטומט דעם ייִדישן ניגון, מ׳האָט פֿאַרשטאָפּט דעם ייִדישן קוואַל. אָבער דער כּוח פֿון ייִדיש איז אַ דינאַמיטישער כּוח. שטענדיק אָנגעלאָדן מיט אויפֿרייס־מאַטעריאַל. „און ס׳קלינגט און זינגט און לאַכט, / דער גאַנצער וועלט אויף חידוש, / מיין יאָדערדיקע שפּראַך, / מיין מאַמעס לשון־ייִדיש".

ווי אַלע ייִדישע דיכטערס, ווינטשט מען זיך אַז דער יורש זאָל אָנקומען. אַ יורש וואָס זאָל ניט קניִען פֿאַר פֿאַלשע אָפּגעטער, ער זאָל ניט זיין בלינד און זען די ייִדישע וועלט מיט קלאָרע אָפֿענע אויגן. ער זאָל נישט בלייבן אָפּגענאַרט און עלנט. ער זאָל לערנען פֿון דעם גרויסן נסיון פֿון זיין דור און פֿון דורות.

יוסף קערלער ר י י ס ט אַרויס די ווערטער פֿון די טיפֿענישן. „פֿון אונטער־געגאַנגענע שיפֿן צעוואָרפֿן" — באַנוצנדיק זיך מיט פּרץ מאַרקישעס אַן אויסדרוק. — „רייסט ער זיך צו אַנדערע ברעגן". ער וויל אָנקומען צו דער אמתער פֿרייהייט. „באָרוועס איבער שטעכדראָט / זיך געלאָזט / טויזנט מיילן / קרוע־בלוע / דורך אַ פֿראָסט. / ביז די פּען אין האַנט אַריין / זי קומט". אַ דעמב, וואָס לענגער ער ווייקט אין וואַסער, אַלץ פֿעסטער און שטאַרקער ווערט ער. אַזאַ איז יוסף קערלער. „ס׳איז טויזנט מאָל גערעכט / דער האַרבער ווינטער, / צו שלאַבעריקע איז ער שלעכט, / פֿ אַ ר מ ו ט פֿ אַ ר ש ו ו י נ ד ט ע ר".

אַ מוטיקער אין לעבן. אַ מוטיקער אין שירה. אויב אַפֿילו דאָס שניי איז שוואַרץ און די שטיינקוילן רויט פֿון בלוט, „נאָר זע, אין הימל שפּילן אַלע פֿאַרבן, / גלייך שרייען וואָלטן זיי: דו טאָרסט ניט שטאַרבן". דער גורל פֿון זיין לעבן האָט אים געפֿירט צום „געזאַנג צווישן ציין". מ׳האָט אים פֿאַרשפּראָכן דאָס טעלערל פֿון הימל און געקראָגן האָט ער אַ צעבראָכענע כּלי. די שברי־כּלי האָט אים געגעבן אַ נייע ריכטונג צו זיין ליד. דאָס טעלערל פֿון הימל האָט זיך

צעבראָכן און די גילדענע בערג זענען זיך צעפלויגן, האָט ער זיך דערזען נאַקעט אָרעם, זענען אָנגעקומען נייע מחשבות און פאַרקירעוועט זיין ליד צו אַן אַנדער מיזרח. קנעכטשאַפט האָט אים פאַרשליידערט ווייט פון ייִד און ייִדן, האָט ער געדאַרפט הייבן זיינע צעביילטע פיס און אוועקגיין פון דעם צעבראָכענעם געץ צו אַנדערע פלאַי־פלאַימדיקע וועגן פון ייִד.

בענקענישן נאָך היים.

אַ דיכטער, וועלכער האָט מיט דוד האָפשטיינס זאָג געפּרוּווט: „אַ שפּאַן טאָן מיט נייעם, מיט ברייטן, / מיט אייגענעם נאָך ניט געגאַנגענעם גאַנג״ און אָנגעקומען צו דער מסקנה: פון וואָלגאַ ביז ירדן איז ‫־‬פאַלג מיך אַ גאַנג.

אַ דור פון כפירה און אמונה און מיט אים זיין באַגלייטער — דער ייִדישער דיכטער. אויף די אויסגעשפּרייטע בלעטער פון דער גמרא — די ערשטע כפירה־רעיונות. זיי פייניקן, לאָזן נישט צו רו. מיר קומען צוריק צו פייערבערגס נחמנקע. די רעיונות טראָגן אוועק דעם דיכטער אין אַ סך זריחות.

יונה בערקמאַן איז איינער פון זיי. אוועק אָקערן זיין אייגענע וועלט, אָבער די אָפענע בלעטער פון נעכטן באַגלייטן, לאָזן נישט אָפּ. עס טיאַכקעט אין האַרצן אַ פרייד באַגלייט מיט צער, מיט ווייִ. העלע רגעס פלאַמען אויף. אָבער דער ספק באַגלייט זיי. שאַפן זיך קאָנפליקטן, סתירות און באַגלייטן זיין וואָרט. אַ סך תּפילות אין בערקמאַנס ליד, תּפילות פון דממה־דקה און געשריי, תּפילות אין געאייל, אין דער שטיל. דערהויבענע תּפילות — צום מענטש, צו וועלט, צו חברותא, צו פולע שעהען. אַ מאָל אַ תּפילה אַ שטראָמיקע, אַ מאָל טראָפן נאָך טראָפן ווי זריחהדיקע טויען. דער לייענער באַגלייט בערקמאַנס תּפילות מיט אייגענעם ציטער.

זיין אָקער איינגעשפּאַנט אין עלנט אָבער מיט אַ סך בענקשאַפטן צום כּלל, צו צוותא, צום טומל, צום געווימל, צו געפילדער. שטילע קולות וועלכע ווילן דערגיין דורך פינצטערניש צו ליכט. דאַכט זיך אַ דערשראָקענער מענטש פון דער צייט בויט זיין ליד, כּדי צו באַשיצן זיך פון קעלט. פון אימה, פון פּחד פאַר דער געברומעריי אַרום.

יונה בערקמאַן איז איינגעטונקט אין ייִדישער מסורה. אַ ייִדישער דיכטער מיט רמ״ח און שס״ה. אַ שאָד וואָס ער צוימט זיך נישט. אַ ביסל צימצום ביי שבירת הכּלים וואָלט אים אַ סך געהאָלפן. אָפט מאָל צו פיל רעש פון ווערטער. אָפט מאָל אַ לויפעניש הין און צוריק. אפשר איז עס דער אומגעצוימטער אומרו פון אַ ייִד אין דור פון אומקום און תּחיה? אפשר.

נישט נאָר אבלות, נאָר אויך שׂימחה בויט מען פון ווערטער. פאַרטייעטער שלוכץ איז מער ווי געשריי — אין ליד. יונה בערקמאַן איז זיך מטפּל מיט זיינע

ווערטער ווי מיט אַן אָפענער ווונד. אויך ביי אַן אָפענער ווונד שווייגט דער גבר. „וידום אהרון״.

יונה בערקמאַן — אַן אומצופרידענער דיכטער, אַ זוכער, אַ פאַרבינדער פון מחשבות, אַ פריילעכער אין זיין ווי, אַ ווייזיקער אין זיין פרייד. ער זוכט סינטעז. אין זוכן אַליין — דער זכות פון ליד און וואָרט. ער גאַרט מער ווי נאָך טראָפּנס לעבן. מער ווי נאָך אַ טראָפּן חיות. עס באַגלייט אים אַ מורא, אַז עס קרישלען זיך די פונדאַמענטן און מיטן כּוח הדמיון פון ליד קען מען פאַרפעסטיקן יסודות. אשרי המאמין. „לאַפּעס פּחד דעקן צו מיין שויב״, — זינגט יונה בערקמאַן. און אויב אַפילו עס באַגלייט אים דער ספק: „כ׳האָב ניט ווו אַוועקצושטעלן אַפילו דעם צופוסנס פון אַ תּפילה״ — איז דאָ אין זיין וואָרט אַ סך אמונה. אַ ליד אָן אמונה — איז פאַרוויאַנעט גראָז. אמונה איז די קרוין פון ליד. ביי אמונה־מאָטיוו — הויך זיין שטים, האָפערדיק, ווי ער וואָלט וועלן פאַרדעקן און אָפּשטויסן די לאַפּעס פון פּחד און לויטער מאַכן זיין שויב.

בערקמאַנס לידער ווערן אָפט באַגלייט מיט אַ פּסוק פון תּנ״ך. ער שעפּט זיין יניקה פון די אָפענע תּנ״ך־בלעטער. זיי זענען זיין דערמוטיקונג און זיין דער־פרישונג. מיר איז נאָענט אַ דיכטער, וועלכער האַלט אָפן די בלעטער פון תּנ״ך. „אין מבול עלנט״ — גיבן זיי אַ נייעם קיום. גוט איז אַריינוואַקסן אין זיי, און גוט איז, אַז ייִדיש וואָרט וואַקסט אַרויס פון זיי. זיי זענען וואָרצל, און נישט אַ דאַר צווייגל אין דער לופטן. ווי זיין פאָלק, אַזוי דער דיכטער מיט זיין ליד: עם־ישראל חי. איז גוט דער מאָטיוו אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ווידערגעבורטן פון גרויסע ווייען האָבן זייערע קולות. יונה בערקמאַנס „וויפּרייד״ איז אַ קול פון אַזעלכע ווייען. ווייען פון ווידערגעבורטן.

משה בערנשטיין איז דער דיכטער פון אַמאָליקן ניגון. דער ניגון איז אונדז באַקאַנט פון ייִדישן שטעטל, פון די שבתדיקע מיזמורים, פון די וואָכעדיקע מערק, פון דער מאַמעס ליכט־בענטשן, פון דער שטעטלדיקער ברכי נפשי. משה בערנשטיינס קול פאַרמאָגט ממשות, ממשות פון צייט, ממשות פון געוויטער. אַ שטיל פליסטערן וואָס רעדט מיט דער צייט. אַ ליד וואָס איז בעצם אַ שמועס מיטן טאַטנס טיש, מיט זכרונות. יעדער וואָרט איז באַריר מיט זיסע און גיפטיקע זכרונות. אַן אַמאָליקער ניגון פאַרקנאָטן אין בענקשאַפטן, באַרוישטע אין שכרות, מיט חלום באַטרונקען.

משה בערנשטיין צעעפנט זיך ניט בלויז מיט וואָרט, נאָר אויך מיט ניגון. ער עפנט אַ פענצטער, אַ פורטקע, צו אַלץ וואָס איז געווען און איז נישטאָ מער. אַ וויי־בוים, וועלכער ציילט די בלעטער אין אַ האַרבסטיקן געוויטער, ווען דער בוים שטייט נאַקעט, נאַקעט נאָכן שטורעם. נאָך קאַטאַסטראָפעס. אַ מאָל: גוואַלד. אַ מאָל: אַ שטיל שווייגן. דממה־דקה. דממה־דקה פון צער און פּיין. קליינע

אותיותלעך וועלכע ווילן ניט פאַרגעסן ווערן. נישט קיין חרפה לאָזן אַ טרער ביחידות און אין מיטן מאַרק. נישט קיין חרפה זינגען א י ר אַ ליד, א י ר, וואָס האָט אין יענע ר ו י ק ע שטעטלדיקע טעג אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט ליבע און פאַרלאַנגען. מיט צאַרטקייט; אמת טאַקע — אָרעם איז געווען דאָס ברויט, אָבער רייך דער חלום.

משה בערנשטיינס ליד פאַרמאָגט שגעון פון דער צייט. די געשריבענע שורות פאַרמאָגן איין תּוכן: חורבן. שרעקפלאַמען. אַלץ איז חרוב געוואָרן: הימל, ערד, טאָל און באַרג, דער פּרוכת פאַרברענט, דער שדי אויסגעמעקט געוואָרן פון אַלע הייליקייטן. חורבן שטעטל. חורבן בית־המקדש.

אַ דיכטער אַליין אויף דעם חרובן מאַרק. מיט זיין אייגענעם יאָמערדיקן איכה. יעדער שורה זופּט פון חרוב געוואָרענעם לעבן. אַ ליד צו פאַרבענקטע נעכטנס. זוכט דער דיכטער אַ וואַרעם וואָרט, ווייל דאָס לעבן איז פאַרטאָן אין בענקשאַפטן, נאָך יענע גאָלדענע פרילינגס, נאָך יענע שטיפערישע טעג, נאָכן ריח פון פעלדער צעגרינטע. צעבליטער בעז.

נישטאָ אין משה בערנשטיינס ליד קיין פריילעכע געמיטער. וואָס ווייטער פון שטעטל, אַלץ נענטער צום חורבן. יעדער קינד, יעדער מאַמע — אַ קרבן. מיט זיי אַלע — משה בערנשטיין. אַ דיכטער פון אַמאָליקן ניגון. פּשוטע ווערטער וועלכע לאַשטשען זיך צום נעכטן.

ווען אַ. סוצקעווער איז אָנגעקומען מיט זיינע ערשטע לידער, האָט לייזער וואָלף געשריבן: די יסורים פון יונגע ווערטער.

איך קען אַזעלכע ווערטער, וועלכע ווערן געבוירן אין יסורים. זיי קומען אָן ווי געדאַנקען אין אַ שטורעם, ווי פּלוצלינגדיקע געשעענישן, ווי זעונגען און אַנטפּלעקונגען, זיי זענען גוטער מאַטעריאַל פאַר נשמה־פאָרשערס.

איז גערעכט יעקב גלאַטשטיין ווען ער זאָגט אויף אַ ס י אַ ס דיכטונג, אַז זי פאַרמאָגט די פעיִקייט צו שאַפן אומגעריכטע „שידוכים" צווישן ווערטער; אַז זי איז בכּוח שאַפן שידוכים צווישן פּחדים און פריידן, צווישן כמאַרע און זון, מיט אַ רויִק־אומרויִק געמיט באַחנט.

ביי אַסיאַן אין האַרצן זענען איינגעפלאַנצט ווידעראַנאַנדן. סתירות: שטורעמס און אויסגעלייטערטע טעג: „זינגט זי אַ מאָל, אין איר ליד / אַ טייך פון די ברעגן אַרויס, / טרינקט אָן זיך אַ דאָרשטיקער בוים / און זינגט צו דעם הימל אַרויף".
בדרך־כּלל, ווען אַ טייך גייט אַרויס פון די ברעגן ברענגט ער חורבן, צעשטערונג, אָבער דאָס דריט אויג פון דיכטער זעט אויך אַ דאָרשטיקן בוים וועלכער געניסט פון דעם טייך, וואָס איז אַרויס פון די ברעגן.

אַ פּולער זאַק מיט טאָג־טעגלעכע זאָרגן און אַ פּולער זאַק מיט זון. מיט בטחון. אַ געדיכטער נעפּל. אַ טונקלקייט, ווי די צייט פון וועלכער די דיכטערין

איז אַרויסגעוואַקסן; אַ צייט ווען דער „ווינט מאַכט דעם קאַלטן סך־הכל מיט נאַכבלייב פון נעכטיקע טעג", און דאַך: צונויפגענומען אַ בינטל שטראַלן און היידאַ, ווייטער אין גאַנג. אין גאַנג צו נייע שטעט, צו נייע טייכן, צו נייע פּייזאַזשן, צו נייע זריחות, אויפגאַנגען, אויפשפּראָצן.

אַ דיכטערין, פון דער יוגנט אָן: „מיט שקיעה־האָר געבוירן". „פון ליכט־בענטשן ביז ליכטבענטשן / האָב איך אין מאַמע־לשון אַלץ געלערנט פאַרגעדענקען, / דערפון אין וואַכיקן געזאַנג מיינעם / דער יום־טוב און דאָס בענקען". טאַקע אַ גרויע לײדיקײט, אָבער: מיר קוקן אויף דער זון אַרויס, אמת טאַקע, טריקעניש ליגט אויף די וועגן, אָבער קיין מידבר קען ניט פאַרלעשן דעם דאָרשט. דאָס ליד לעבט רחבותדיק אין צימצום. זי קומט אָן צום יחיד און צום ציבור, זי איז צוזאַמענגעגאָסן און צוזאַמענגעשמאָלצן מיטן בורא און מיטן מענטש, מיטן תוהו־ובוהו פון דער וועלט, מיט געוויין, געיאָמער, און מיטן קלאָרן וויסן: עפּעס טיאַכקעט אין האַרצן אַ פרייד, „דאָ אונטער דער ערד שלאָגן קוואַלן", „די זייגערס ציילן און פאַרטיילן יעדערן מיט גלייכער מאָס איעדן טאָג"; דער חלום איז נאָך וואַך, און דאָרט ווו חלום איז דאָ און דמיון, איז אויך דאָ לעבן, געראַנגל, אויב אַפּילו די קנוילן רויך פון דער צייט וויקלען אונדז אַלע איין אין אַ געדיכטן שלייער. די ווערטער טוליען זיך איינער צום צווייטן מיט פאַרגעניגן און מיט צער, מיט ליאַרעם און שטילשווייגן. אַלע ווערטער ווילן איין גאַנצס זיין. זיי ווילן זיין אמתדיק, אמתדיק ווי אַ גוטער חלומער, ווי אַ גוטער טרייסטער.

אַסיאַ איז ניט קיין בשורה־ברענגערין. איין בשורה האָט זי: גוטע ליריק פאַרמאָגט עצבות און פרייד, געדיכטע כמאַרעס, פאַראומערט געמיט און ליכטיקן שכל. דאָס ליד ווערט געקנאָטן מיט לייב און לעבן, מיט מוח און האַרץ. טיף פאַרבאָרגן אין איר שפּראַך ליגן רמזים, סודות, וועלכע שטייען אויף אַ דין צווייגל און דאַך זעסטו די הייכן פון וואַנען זיי קומען אָן. „אַזאַ שרעק מיך באַפאַלן, / איך בלאָנדזשע אין אייגענעם וואַלד / פון מיין שפּראַך און איך נישטער און זוך / אַזאַ וואָרט, אַזאַ קלאַנג, אַזאַ שפּרוך, / דיר אַריינפירן שטיל אין מיין ליד". און זי איז מצליח. אַ שווערע מלאכה: נאָך אַזעלכע בראַנדפייערן פון דער צייט — גלייבן אין דער זון, אין די שטערן. אין אונדזער עמק־הבכא איז גוט צו לייענען אַזעלכע שורות.

ישעיהו שפיגל

י. ח. בילעצקי, דער סופר פון קאָברין

שרייבן וועגן אַזאַ אַלזייטיק פרוכפּערדיקן שאַפער ווי ס'איז ישראל חיים בילעצקי — מיט זיינע אַזוי ערנסטע, אומפאַנג־רייכע יצירות — פון אַלע אַספּעקטן — וואָלט געצוווּנגען זיך אָפּצושטעלן און אַנאַליזירן זיין יעדן יצירה־זשאַנער באַזונדער. באַזונדער וועגן זיין אין גוטן טעמפּאָ־פּליסיקן, קלינגענדיק און מיט רמזים חכמהדיקן ליד, וועגן זיין פאַרטיפטן אַנאַליז־שיינעם, ליטעראַרישן עסיי, וועגן זיינע היקפּדיקע שרייבער־מאָנאָגראַפיעס, לייוונטן, וואָס נעמען אַרום אונדזערע גרויסע בעלי־יצירה (לייוויק, מאַנגער), אויך וועגן זיינע קורצע, בצימצומדיקע, אָבער תּוכיקע, שרייבעריש פאַרגינערישע, וואַרעמע בוך־רעצענזיעס — מיט איין וואָרט: מען וואָלט געדאַרפט אויפשטעלן פון אַלע די אָ זשאַנערס אַ גרויסן, שיינעם יצירה־בנין, ווו יעדער ציגל און יעדער שטיין דערמאָנט אונדז די געבענטשטע פּעדער, די ברכהדיקע שאַפערישקייט פון י. ח. בילעצקי, דעם קאָברינער משורר, עסייִסט, מעמואַריסט און אויך מליץ־יושר אין זיין יעדער בוך־אָפּשאַצונג, ווו ס'איז נאָר פאַראַן אַ שמץ פון אמתער קינסטלערישקייט און פון ריין־ליטעראַרישע דערשיינונגען. אין דעם פּרט, וואָלט איך געוואַגט צו זאָגן, אַז י. ח. בילעצקי גייט אין די פּילוועגנדיקע סטעזשקעס און שטחים, ווי ביים גרויסן יעקב גלאַטשטיין, וועמענס שאַפערישער חלום און דעוויז איז תּמיד געווען: אויפשטעלן אין דער קריטיק אַ דור פון אַזעלכע אוהבי־ייִדיש און אוהבי־סופרים אין אונדזער גאָרער ייִדיש־פאַרשפּרייטקייט — ווי דאָס איז, למשל, אונדזער סופר פון קאָברין, ישׂראל חיים בילעצקי.

ביים דערמאָנען אויבן די אַלע זשאַנערס פון י. ח. בילעצקי וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס פעלן ביי אים פון איינאיינציקן ליטעראַרישן זשאַנער, נעמלעך: די קינסטלערישע פּראָזע. עס רעדט זיך נישט וועגן די צופעליק אויסנעמלעכע דערשיינונגען פון אַזעלכע גאַנצע פּרקים, אָדער פּאַראַגראַפן, וואָס מיר באַגעגענען אין זיינע, למשל, ליטעראַרישע מאָנאָגראַפיעס, וואָס טראָגן אין זיך יאָ אַ געלייטערט־עפּישע אַטמאָספער. איך בין נישט לגמרי זיכער, צי ביי אַזאַ פילשפּעדיקן שרייבער קאָן נישט אַ מאָל געמאָלט זיין, אַז לעת־עתּה באַהאַלט ער פאַר

אונדז אין זיין יצירה־שופלאָד אויך דעם אָ זשאַנער — די קינסטלערישע דערציילונג. פריִער צי שפּעטער וועט זי מן־הסתּם זיך אַרויסרייסן פון דער פינצטערער שופלאָד־געפענגעניש. אָבער ס׳איז גענוג בלויז, אויפן יסוד פון זיינע אַלע ביז איצט שוין דערשינענע שאַפונגען, מיר זאָלן תּיכּף דערקענען דעם גאַנצן מענטשן און שרייבער ישׂראל חיים בילעצקי — זיין גאַנצע יצירה־לאַבאָראַטאָריע, אַזוי אַז מיר דאַרפן נישט ערשט אָפּוואַרטן אויף נאָך זיינס אַ זשאַנער, צו וועלכן ער האָט ביז איצט עפנטלעך נישט געדינט.

מען דאַרף זאָגן, אַז גראָד ווי יעקב גלאַטשטיין, איז אויך די ייִדיש־פען פון י. ח. בילעצקי אַ שנעלע, אָבער אַ באַזאַכט־אימפּעטיקע און אַ ברייט־אומפּאַסנדיקע. ער לאָזט דערביי נישט אַדורך קיין שום ווינקל, וואָס איז ווערט אַרויסגעהויבן צו ווערן, ער זאָל עס נישט באַלייכטן וואַרעם, אַנאַליטיש־ערלעך — אַלץ אין דער גוטער טראַדיציע פון דער בעסערער קריטיק אין דער ייִדיש־ליטעראַטור.

י. ח. בילעצקי שטעלט זיך אַליין קריטישע שאלות בנוגע מוסר, אמת, טראַדיציע און שרייבערישער צילבאַוווסטקייט, אַפילו ווען דאָס באַהאַנדלטע ווערק באַרירט די פּראָבלעמען נאָר פאַרבייגייענדיק. איר דערפילט באַלד דעם שרייבערס אינערלעכע פרייד און גענוג־טוּונג ביים אויסגעפינען אַ נייעם, אומבאַקאַנטן שטריך אינעם קריטיקירטן ווערק. ער איז קודם־כּל אַ געוויסנפולער קריטיקער־מליץ־יושר. ער באַהאַלט אויס הינטער זיבן שלעסער אַזעלכע אויסדרוקן, אָדער זאָגניואַנסן, וואָס זענען מסוגל דעם שרייבער צו פאַרשאַפן צער. דאָס איז אַ הויכע מדרגה פון הומאַניסטישער קריטיק, ווען אַפילו דאָ און דאָרט וואָלט אַ צווייטער אָפּשאַצער געקאָנט אָנוואַרפן שאָטנהאַפטיקע, נעגאַטיווע שטריכן. נישטא פאַראַן ביי בילעצקין קיין פּניות, אָדער השפּעות פון פערזענלעכע קאָנטאַקטן, אָדער נישט־קאָנטאַקטן מיטן שרייבער. זיין גרויסער פאָרגייער יעקב גלאַטשטיין האָט אָפּט געשריבן מיט גרויס ליוב און כּבוד וועגן מחברים, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געזען זייער פּנים. ער האָט זיך געשטיצט אויסשליסלעך אויף די אָפּגעדרוקטע בלעטער, וואָס האָבן גערעדט צו זיין עמפּינדלעך־קריטיש, עסייִסטיש אויג און ייִדיש האַרץ. אָט די בײדע מקורות: דאָס אויג און דאָס האַרץ — זענען ביי אמתע קינסטלערס־אָפּשאַצערס־עסייִסטן — די איינציקע פאַרהייליקטע מאָסן און וואָגן, אין וועלכע עס ליגט נאַקעט דעם מחברס שאַפערישער חלום. פאַר אַזאַ קריטיקער־עסייִסט גענוגט צו דערקענען דעם מחברס מיסטעריעז־יצירהדיקע וועלט (וואָרעם אמתע יצירה געהערט נאָך אַלץ צו דער וועלט פון מיסטעריע) — טייל מאָל בלויז אויפן סמך פון אַ בינטל לידער, אָדער אַ מאָגער העפטל נאָוועלן. אויך פאַר אונדזער סופר פון קאָברין גענוגט טייל מאָל בלויז אַ קאַפּיטל, אַ זייטל, אַ פראַגמענט, כּדי ער זאָל דערשפּירן דאָס אמתדיקע פּנים און די אינערלעכע וועלט פון אַן עכטן שאַפער. אין דעם ליגט דער מיסטעריעזער כּוח פון עם אמתן עסייִסט־דיכטער־קריטיקער.

מיר איז נאָך ביז היינט נישט אויסגעקומען צו לייענען ביי י. ח. בילעצקין קיין איינציקע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונג, וואָס זאָל פֿאַרמינערן, אָדער פֿאַרבלאַסן דעם קריטיקירטנס ערלעכן אָנשטרענג אונדז צו געבן דאָס בעסטע לויט זיינע זעלישע און שרייבערישע כּוחות. ער איז אַזאַ קריטיקער־עסייִסט, וואָס טראָגט צו אַ פּולן קויש מיט ליטעראַרישן קרעדיט, אַפֿילו פֿאַרן אָנפֿאַנגער. ווער רעדט נאָך וועגן די שוין גאָר אָנערקענטע בעלי־יצירה. דאָ עפֿענען זיך ערשט די זיסע קוואַלן פֿון זיין עסייִסטישער באַגייסטערונג און כּוחות — ווי מיר זעען עס, למשל, אין זיינע באַטייטנדיקע ווערק וועגן מאַנגערן אָדער לייוויקן. י. ח. בילעצקי האָט פֿאַר יעדן פֿענמענטש שרייבערישן דרך־ארץ. ער זעט דעם לעבעדיקן מענטשן הינטער די שורות, דעם שרייבערס געראַנגל, זיין גאַנג פֿון „פֿאַלן — און גיין ווייטער" אויף די שווערע וועגן און אומוועגן פֿון דער ייִדיש־ליטעראַטור. ס'געשעט אויך, אַז י. ח. בילעצקי זעט אָפּט פֿאָרויס די אַנטוויקלונג, אין וועלכער ס'וועט גיין דער באַהאַנדלטער שרייבער — פֿאַרשטייט זיך, תּמיד אַ שטאַפּל העכער אין זיין שאַפֿן. און אַלץ געשעט ביי אים אין אַ האַרמאָנישער אייניקייט צווישן דעם עסייִסט־קריטיקער י. ח. בילעצקי און די יצירה־בלעטער פֿונעם שאַפֿערישן מענטשן, דעם באַהאַנדלטן מחברס אויפֿגעשטעלטן בנין.

מיר ווייסן, אַז י. ח. בילעצקי איז אויך אַ העברעיִש שרייבנדיקער מחבר. ער באַנוצט זיך מיט אונדזערע ביידע נאַציאָנאַלע לשונות. זיינע אומפֿאַנגרייכע ווערק — די אויטאָביאָגראַפֿישע מאָנאָגראַפֿיעס — אויך זיינע קורצע אין העברעיִש געשריבענע קריטישע אָפּשאַצונגען וועגן ביכער, אַנאַליטישע עקסקורסיעס וועגן שרייבער־פּראָבלעמען, אַפֿילו קלענערע יאָרצייט־דערמאָנונגען — האָבן אין זיך דעם זעלביקן טעמבער, די זעלביקע וואַרעמע אַטמאָספֿער ווי זיינע אַרבעטן, געשריבן אין ייִדיש־לשון. ער געהערט, דוכט מיר, צום קרייז פֿון די צווייִשפּראַכיקע בעלי־יצירה ביי אונדז, ווי: דב סדן, דב בערקאָוויטש, זלמן שניאור, יעקב פֿיכמאַן (טיילווייז אויך ביאַליק), אליעזר שטיינמאַן, שלמה שנהוד, יצחק קאַצענעלסאָן א"אַ (נישט, חלילה, צו פֿאַרגעסן אונדזערע ערשטע, די גרויסע: מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם א"אַ). אויב כ'האָב עמעצן דורכגעלאָזט (בשוגג) — וועט מיר זיין שוועבנדיקער שאַפֿערישער גייסט זיכער מוחל זיין.

ביים אַריינפֿיר אינעם בוך „אריאל אין דער אַלטער היים" (לייוויק־פֿאַרלאַג, ת"א 1981), געפֿינט זיך י. ח. בילעצקיס פּרעלוד־ליד, וואָס ער חתמעט אַזוי:

„אין די בלעטער עטעמען לעבעדיקע מתים, / אריאל אין דער אַלטער היים שטעמפּלט מיט זיין חותם: / ישׂראל חיים בילעצקי פֿון קאָברין".

דער אַזוי פּרוכפּערדיקער שרייבער־פּאָעט־קריטיקער האָט איצטער, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן פֿון פֿאַרלאָזן קאָברין, אפֿשר נישט אָן כּוונה אַדורכגעלאָזט די ווערטער „דער ס ו פ ר" פֿון קאָברין. ביי אַזאַ שרייבער ווי ס'איז י. ח. בילעצקי איז נישט פֿאַראַן קיין צופֿעליקייטן, אָדער שורות אָן אַ טיפֿערן אידעאָלאָגישן

זין. באַנוצנדיק זיך בלויז מיט די צוויי ווערטער „פון קאָברין״ — האָט ער צו זיך, אויך צו אונדז, אומגעקערט אויף ס׳ניי יענעם גאַנצן פאַרלאָשענעם ייִדיש־הימל פאַר דעם פאַרבלאַסטן זכרון נאָך אַ פאַרשוווּנדן, הייליק ייִדיש שטעטעלע. דאָס ווייזט ווי ווייט אונדזער סופר פון קאָברין טראָגט נאָך אין זיך די שיינע אומפאַרלאָשענע ירושה פון אַלע יענע אונטערגעגאַנגענע ייִדיש־וועלטן און ייִדישקייט־ווערטן אין זיין שאַפן פון היינט און אויך פון מאָרגן.

מחמת מיינע איצט באַגרענעצטע פיזישע כּוחות בין איך, לצערי, נישט מסוגל זיך אָפּצושטעלן אַנאַליטישער, טיף אַרומנעמענדיקער אויף זיינע אַלע דערשינענע ווערק. אָן ספק האָבן מיר פאַר זיך איינעם פון די אַחריותדיקסטע, שפּעדיקסטע בעלי־יצירה. ס׳איז אַ חידוש, אַז אַזאַ היקפּדיקע אַרבעט וועגן אונדזער מחבר איז ביז איצט נאָך נישט דערשינען. אין מיינע אויגן בלייבט „י. ח. בילעצקי פון קאָברין״ אַ באַשיידענער משורר־ליריקער, מיט אַ ליכטיקן ברייטן ספּעקטרום פון אידעען און חלומות און אויך אַן עסייִסטישער קריטיקער און ליטעראַטור־ביאָגראַף, וואָס מיידט נישט אויס אַ שאַרפן, סובטעלן אַריינדרינג אין אַ סך שטחים פון דער ייִדיש־יצירה.

די ווערטער דאַרפן בלויז זיין אַ קליינער ציגל צום בנין, וואָס דער שרייבער־קריטיקער־דיכטער פון אַמאָליקן קאָברין ישׂראל חיים בילעצקי האָט געשענקט דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט זי באַרייכערט מיט אַ סך האָב־און־גוטס אין אַלע זיינע ליטעראַרישע זשאַנערס, צו וועלכע ער דינט אומדערמידלעך מיט דער שיינער מסורה פון אונדזערע גרויסע פאָרגייערס איןביידע ליטעראַטורן.

דאָס איז דאָס פערצנטע בוך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער סובווענץ פונעם ליטעראַטור־פאָנד א״נ פון ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ ז״ל ביי דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים.

דער ליטעראַטור־פאָנד איז עטאַבלירט צום אָנדענק פונעם געוועזענעם פאָרזי־צער פון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים, ד״ר שמואל הורוויץ און זיין פרוי רבקה, כדי צו העלפן ייִדישע שרייבערס אין ישׂראל אַרויסצוגעבן זייערע ווערק.

דער פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון יחידים און קערפּער־שאַפטן אין קאַנאַדע און ישׂראל וווּ שמואל און רבקה הורוויץ האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אינעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַן אָנערקענונג קומט דעם הסתדרות־קאַמפּיין אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) און דעם פּאַראייניקטן ישׂראל־אַפּיל פון קאַנאַדע און דעם סאָניע און בצלאל קאַסטנער־פאָנד א״נ מלך ראַוויטש, ביים י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, פאַר זייער אָנטייל אין דעם ליטעראַטור־פאָנד.

ביז איצט זענען דערשינען מיט דער סובווענץ פון הורוויץ־פאָנד די פאָלגנ־דיקע ביכער:

1977 — **בלוט אויף וואָפן**, דערציילונגען פון מאיר יעלין
1978 — **דער פערציק־יעריקער מאַן**, פּאָעמע פון פּרץ מאַרקיש
1979 — **שפּאַצירן אין דער נאַכט**, לידער פון דוד ספאַרד
1980 — **שמעטערלינגען שוועבן**, דערציילונגען פון קלמן סעגאַל
1981 — **מיין וועג אַהיים**, מעמואַרן פון אהרון ראַזין
1982 — **דער חוב פון זכרון**, מעמואַרן פון חיים זיידמאַן
גרינער ווינטער, מאַרקולעשט, לידער און פּאָעמען פון מאיר חרץ
1983 — **ביראָבידזשאַן פון דער נאָענט**, זכרונות פון אסתּר ראָזענטאַל־שניידערמאַן
— **אַליין דאָס לעבן**, לידער פון רחל בוימוואַל
1984 — **דער זאַמלער**, ראָמאַן פון יאָסל בירשטיין.
1985 — **ערב עי״ן**, לידער פון פריד וויינינגער
1987 — **פּערל פון גן־עדן**, עסייען וועגן קונסט פון יצחק לודען
1988 — **מיין יידיש**, לידער פון רחל בוימוואַל

ייִדישע קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים